STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02718

INTIM MITN BUKH

Rivka Kope

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה קאָפּע

אינטים מיטן בוך

מחברים, ביכער, מיינונגען

*

פּאַריז 1973

דאָס בוך איז דערשינען ביי דער מיטהילף פון
צוויי משפחות, מיינע פּלימעניקעס אין אַמעריקע,
נ אַ ט אַ ן א ו ן מ אַ ק ס ס ל י פּ מ אַ ן

געהייליקט דעם אָנדענק
פון מיין ברודער,
יחזקאל סליפמאַן

אינהאַלט

הקדמה 9

I. — פרויען־דיכטערינס אין דער אַלטער און נייער ליטעראַטור 11

דבורה די נביאה 15

חנה, שמואל הנביא׳ס מוטער 17

תחינות 19

סאַראַ סולאַם־קאָפּיאַ און אַנדערע דיכטערינס 31

II. — גליקל האַמיל — די פּראָזאַאיקערין 45

III. — נייע ציַיטן — נייע טענער 53

רבקה גאַלין 69

ריקודה פּאָטאַש 73

מלכה לי 81

מלכה חפץ־טוזמאַן 89

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 95

אידע מאַזע 109

רחל קאָרן 113

לילי בערגער 121

יחזקאל קאָרנהענדלער 131
בנימין שלעווין 139
איציק מאַנגער 147
יצחק יאַנאַסאָוויטש 169
יחיאל האָפּער 173
משה קנאַפּהייס 177
נחום באָמזע 181
שיע טענענבוים 183
הערש שישלער 189
אברהם שולמאַן 197
י. פּינער 203
ראָזשע איקאָר 211
מלך ראַוויטש 217
שמואל איזבאַן 227
א. סוצקעווער 233
יעקב גלאַטשטיין 237
אברהם לעוו 243
מיכאל באָרוויטש 247
ל. לענעמאַן 261
בינעם העלער 267
משה שולשטיין 273
יעקב צבי שאַרגעל 283
מ. ליטווין 287
י. מאַניק 291
„חיפה" 295
מכוח אַן אידייע פאַר דער יידישער ליטעראַטור ... 301
צו גאַסט אין ישראל אויפן קאָנגרעס פון זשורנאַליסטן
אין 1967 307

הקדמה

שוין צוואַנציק יאָר ווי עס ליגט ביי מיר דער עסיי וועגן פרויען־דיכטערינס. ביסלעכווייז האָט די צייט געטאָן איר פאַרניכטונגס־אַרבעט, האָט אָפּגעמעקט די אותיות און אַרויסגעוואָרפן פּאָקן... דער מאַנוסקריפּט האָט זיך ממש געבעטן צו ראַטעווען און צוריק אויפמונטערן די אותיות. דורך די לויפנדיקע יאָרן האָב איך פאַרפולקאָמט דעם עסיי מיט אייניקע פון די מאָדערנע דיכטערינס.

כדי מיינע אַנדערע אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער, שרייבערס און ליטע־ראַטור־פּראָבלעמען זאָלן אויסמיידן דעם גורל פון עסיי, האָב איך באַ־שלאָסן צו באַשאַפן די דאָזיקע זאַמלונג. אַ טייל פון די באַהאַנדלטע דיכ־טערינס און דיכטערס, זענען שוין ליידער נישטאָ מער. טאָ זאָלן כאָטש זייערע נעמען אין דער זאַמלונג ווידער אויפלעבן און זיין פאַרבונדן צו אייביקע ווערטן.

I.

פרויען־דיכטערינס
אין דער אַלטער און נייער ליטעראַטור

די יאַפּאַנישע פרוי, צום ביישפּיל, הן די סאַלאָנפרוי, הן די באַלע־באָסטע, איז נישט נאָר אַ וויכטיקער קאָנסומענט פון דיכטונג, נייערט דער פּאַרדיי־ און שאַפונגס־פּראָצעס איז ביי איר געקניפּט און געבונדן. פרויען שרייבן און לייענען פּאָעזיע. די דאָזיקע געוווינהייט איז ביי זיי געוואָרן אַ נאַטירלעכער, טאָג־טעגלעכער פאַרלאַנג.

אינעם פאָרוואָרט פון י. גלען צו דער איבערדיכטונג פון דריי יאַפּאַנישע דיכטערינס פון יחזקאל בראָנשטיין, געפינען מיר אַ טשעקאַוון קוריאָז, וואָס באַשטעטיקט דעם געוואַלדיקן חוש פאַר פּאָעזיע ביי דעם „קליינעם" פאָלק. ער דערציילט, אַז אין דרום־אַמעריקע האָט ער אין דער וווינונג פון אַ יאַפּאַנישער פרוי געזען אינעם סאַמע פּראָזאַאישסטן ווינקל פון דער וווינונג, אין קיך, אויסגעצירט די ווענט מיט טאַנקאַס און האַקוס. (אַזוי רופן זיי אָן די פּאָעמעס, וואָס טיילן זיך אין צוויי פאָרמען), פון וועלכע די האַקו איז די הויפּט־וואַריאַציע און אַנטהאַלט עלף שורות.

אין אַלע ליטעראַטורן, ווי אויך אין דער יידישער, האָט די פרוי פאַרנומען און פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט. די דאָזיקע צום טייל פראַג־מענטאַרישע אַרבעט געווידמעט אַ ריי דיכטערינס, כאַראַקטעריסטישע פאַר דער תקופה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און געשאַפן, שליסט איין די עלטערע יידישע ליטעראַטור פון 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט, אירע איבערוואַנדלונגען און אַנטוויקלונג ביז דער מאָדערנער דיכטונג.

די ערשטע דיכטונג ביי דער פרוי האָט זיך אָנגעהויבן מיט... פּראָזע, אין פאָרעם פון ליד. דער הויפּט־פּרינציפּ פון איר שאַפן איז געווען — תפילות, דרשות און מוסר־רייד, צומאָל אין גראַמען. דאָס זענען געווען אירע הויפּט־מאָטיוון. אַ דיכטערישער אויסדרוק פון רעליגיעזע געפילן, וואָס האָבן געפונען זייער תיקון אין די וואָרצלען פון אייביקייט איז די „צאינה וראינה", דער ערשטער ביישטייער, מיט וועלכן די פרוי טרעט אַריין אין דער ליטעראַטור.

ביי יעדער נצחון פון יידישן פאָלק האָט, לויט דער רעליגיעזער אויפפאַסונג, גאָט צוגעלייגט זיין האַנט. זענען דעריבער אַנטשטאַנען לויב־געזאַנגען, וועמענס מוסטערן מיר קאָנען געפינען אין תנ״ך. אַ טייל פון זיי זענען קורץ אַריינגעוועבט אין די תפילות און תחינות, כדי צו אילוס־טרירן גאָטס כוח. אין דער תפילה פאַרן חודש ניסן, ווען גאָט האָט אַרויסגעצויגן די יידן פון מצרים און ס׳פאָלק געשפייזט מיטן מן פון הימל, האָט מרים די נביאה גענומען די פּויק אין האַנט און נאָך איר זענען אַלע ווייבער אַרויסגעגאַנגען „בתופים ובמחולות״, מיט פּויקן און טענץ. און מרים האָט גערופן:

„זינגט צו גאָט, דען ער האָט געטאָן גרויסע וווּנדער,
דאָס פערד מיט זיין רייטער האָט ער געוואָרפן אין ים״. א. א. וו.

צווישן אַנדערע תנ״כישע פיגורן, וואָס זענען געווען דיכטערינס און געשאַפן לויב־געזאַנגען, זענען באַקאַנט דבורה די נביאה און חנה, שמואלס מוטער. דבורה׳ס געזאַנג איז אַן עפּאָס פאַר דער געוווּנענער מלחמה מיט סיסרא, און חנה׳ס לויב־געזאַנג איז אַ פּערזענלעכע דערגרייכונג פון אַן עקרה, וואָס האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק אַ זון, באַקאַנט אונ־טערן נאָמען: שמואל הנביא.

איידער מיר וועלן באַלייכטן מיט זייערע שאַפונגען די צוויי פרויען־דיכטערינס, גיבן מיר איבער לויטן תנ״ך די געשעענישן, וואָס האָבן באַוויגן די צוויי פרויען צום געזאַנג.

דבורה די נביאה

און די קינדער פון ישראל האָבן ווידער געטאָן, וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט. האָט גאָט זיך נוקם געווען און געשיקט אַ מלחמה דורך דעם מלך יבין פון כנען, וועמענס פירער פון חיל איז געווען סיסרא. און די קינדער פון ישראל האָבן געשריגן צו גאָט, ווייל ניין הונדערט אייזערנע רייטוועגן האָט דער מלך יבין געהאַט און צוואַנציק יאָר צייט האָט ער געדריקט דאָס יידישע פאָלק.

דעמאָלט האָט געמשפט דבורה די נביאה, דאָס ווייב פון לפידותן. זי האָט באַפוילן ברק דעם זון פון אבינועם און אים געזאָגט אין גאָטס נאָמען, ער זאָל נעמען צען טויזנט מאַן פון די צוויי שבטים נפתלי און זבולן. „איך וועל מיטגיין מיט דיר צום טייך קישון און דיר איבערגעבן סיסרא, דעם פירער פון יבינס חיל". זי האָט אים גלייך געזאָגט, אַז דער כבוד וועט זיין אירער, ווייל זי האָט אַרויסגעזאָגט די נביאות, וואָס האָט זיך אגב באַשטעטיקט, אַז אין דער האַנט פון אַ פרוי וועט גאָט איבערענטפערן סיסראן.

גאָט האָט געמאַכט אונטערטעניק פאַר די ישראלים דעם מלך יבין פון כנען, ביז די קינדער פון ישראל האָבן אים אומגעברענגט.

און עס זינגט דבורה און ברק דער זון פון אבינועם:

„אַז מען לאָזט די האָר ווילד אין ישראל,
אַז דאָס פאָלק באָט זיך פרייוויליק אָן.
איר, וואָס רייט אויף אייזעלינס ווייסע,
איר, וואָס זיצט אויף דעקעס,
און איר, וואָס גייט אויפן וועג,
רעדט דערפון!

מער פון ליאַרעם פון פיילשיסערס
איז צווישן די שעפּקאָריטעס;
דאָרטן דערציילט מען פון די גערעכטיקייט פון גאָט,
די גערעכטיקייט פון זיין פירערשאַפט אין ישראל.
דענסמאָל האָט גענידערט גאָטס פאָלק צו די טויערן.
דערוועק דיך, דערוועק דיך, דבורה,
דערוועק דיך, דערוועק דיך, רעד געזאַנג!״.
(איבערזעצט פון יהואש)

און אַזוי באַזינגט זי דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער זיגערישער שלאַכט.

חנה, שמואל הנביא׳ס מוטער

אין די געבערג פון אפרים איז געווען אַ מאַן, וואָס זיין נאָמען איז געווען אלקנה. ער האָט געהאַט צוויי ווייבער, פנינה און חנה. פנינה האָט געהאַט קינדער און חנה איז געווען אַן עקרה. פנינה פלעגט ליב האָבן דערצערנען הנהן, האָט חנה געוויינט און נישט געוואָלט עסן פונעם חלק נאָכן קרבן, וואָס אלקנה איר מאַן האָט געבר־ענגט צו גאָט. איר מאַן האָט זי געטרייסט און איר געזאָגט:

„בין איך דיר נישט בעסער פון צען קינדער?"

האָט זי געגעסן איר חלק און זיך אַוועקגעשטעלט אויסגיסן איר ביטער האַרץ אין גאָטס טעמפל. זי האָט שטיל געשעפטשעט און צוגע־זאָגט גאָט, אַז אויב זי וועט האָבן אַ זכר, וועט זי אים אָפּגעבן צו גאָט אויף אַלע טעג פון זיין לעבן.

דער כהן עלי איז געזעסן אין טעמפל און אָבסערווירט חנהן, ווי זי מאַכט מיט די ליפּן; האָט ער זי אָנגענומען פאַר אַ שיכורע און איר געמאַכט אַ פאָרוואורף. שפּעטער ווען ער דערוויסט זיך, אַז זי האָט געבעטן צו גאָט זי זאָל געבוירן אַ קינד, האָט ער איר צוגעווונטשן, אַז איר בקשה זאָל מקויים ווערן. און חנה איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ זון און אים אַ נאָמען געגעבן שמואל, ווייל פון גאָט האָט זי אים אויסגעבעטן. דער שפּעטערדיקער שמואל הנביא.

און חנה זינגט אַ לויב־געזאַנג צו גאָט. מיר ציטירן אייניקע שורות:

„מיין האַרץ איז לוסטיק דורך גאָט.\
מיין האָרן איז דערהויבן דורך גאָט.\
מיין מויל איז ברייט אַקעגן מיינע פיינט,

וואָרום איך פריי זיך מיט דיין הילף.
ניטאָ אַ הייליקער ווי יהוה,
וואָרום חוץ דיר איז ניטאָ,
און ניטאָ אַ פעלז ווי אונזער גאָט".

(לויט יהואש)

אונדז דאַכט, אַז ס'איז נישט מעגלעך קיין שענערער פאַרגלייך צו גאָט ווי „אין צור כאלוהינו".

חנה'ס פּרעכטיק דאַנק־געבעט אין אַ ביסל אַ פאַרענדערטער פאָרעם ווערט שפּעטער איבערגעחזרט אינעם נייעם טעסטאַמענט.

תחינות

וועגן תחינות איז פאַראַן אין ענגליש אַ גרעסערע אַרבעט פון ב. סאַלאָמאָן, געווידמעט אויסשליסלעך דער תחינות־ליטעראַטור. אויף יידיש איז דאָס געביט נישט גענוג שטודירט געוואָרן אויסער פון ש. ניגער אין זיינע „שטודיעס צו דער געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור״. דאָרט קומט ער צום אויספיר, אַז „אַמאָל זענען די טאָן־געבערינס און סטיל־שאַפערס אין עברי־טייטש געווען לייענערינס און פאַרפאַסערינס״. געווען אויך פאַרפאַסער פון תחינות און תפילות, ווו די פרוי איז געווען דער אָביעקט פאַרן שרייבער. נאָר די פערזענלעכע און אינטימע פאָרעם אין דער ליטעראַטור געהערט דער פרוי. תפילה זעצט זיך איבער: „בעטן״. תחינה: „בעטן זיך״.

רויזל פישל, טובה פאן און חנה כ״ץ דערמאָנען אין היימישן „גאָט פון אברהם״ פון אונדזערע אַנטיקע מאַמעס, וואָס געהערט צו די ערשטע שאַפונגען פון פרויען. רויזל פישל האָט אָנגעשריבן אַ געגראַמטע הקדמה צו דער תהלים־איבערזעצונג פון משה שטענדאַל.

אין דער אַלטער דיכטונג איז געווען אַ מנהג אַריינצופירן דעם יחוס פון דער געגעבענער דיכטערין. (עס קאָן זיין, אַז דער מנהג נעמט זיך נאָך פון ספר הספרים, ווי מיר האָבן דאָס געזען ביי די פרויען־זינגערס).

אָט שרייבט צום ביישפּיל די דיכטערין געלה אין עלטער פון צוועלפטן יאָר:

„דיזי שיני נייע תפילה פון אָנפאַנג ביז צום ענד, האָט געשאַפן געלה בת ה׳רב משה״.

אַ גאָר באַטייטנדיקן אָנטייל נעמען אויך די פרויען אין דרוקוועזן. אַזוי שרייבט אויך דאָס זעלבע קינד געלה, צום שלוס פון אירס אַ פּערז, צו איר געדרוקטן, פון אָנהייב ביזן ענד, געבעט־בוך:

„איך יאָר גייט אַוועק און דאָס אַנדערע טוט קומען
און מיר האָבן זיך נאָך ניט צו קיין גאולה פאַרנומען".

אויך פון דער מוטערס צייט, האָט מען אַריינגעפירט דעם יחוס. אין דער נייער יידישער ליטעראַטור איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין לעקסיקאָן ביי זלמן רייזען, געלה׳ס אַ ליד.

— אַ גזירה, אַ שריפה, אַ גירוש — דאָס זענען געווען די הויפּט־סיוזשעטן, וועלכע האָבן אינספּירירט דעם קינסטלער, וואָס האָט דאָס אַרויס־געזונגען אין אַ רעליגיעזער סטאַנצע. אָט איז אַ סטאַנצע מיט אַ רעפריין פון טובה פאנס אַ ליד אויף אַן אויסברוך פון אַ שרפה. אָט ווי אַזוי די דיכטערין קומט מיט אַ ווענדונג צו גאָט:

„ברענג הילף אויף אונדז באַצייטן,
ליבער הער גאָט, טו פאַר אונדז שטרייטן,
לאָז אונדז פון דער מגפה אַנטרינען,
לאָז אונדז חן וחסד געפינען".

די דיכטערין חנה כ"ץ איז אַ מאָראַל־פּריידיקערין, וואָס רופט צו זיטן־ריינקייט אינספּירירט פון גמראס און מדרשים, זאָגט זי אין איר תפילה לשבת אין אַ דידאַקטישן טאָן:

„דער דעם ליבן (שבת קודש) טוט אין ערן האַלטן,
דער וועט זוכה זיין מיט מאַן און קינדער
אין (עושר) און (כבוד) צו ווערן אַלטן".

די תחינה איז אַרויס אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1700. אויפן שער־בלאַט פון חנה כ"ץ׳ס בוך איז דאָ אַן אויפשריפט: „גאָט זאָל אַמסטערדאַם אויפריכטן אויף אייביק".

אַזוי פלעגט מען באַערן אַלטע, וויכטיקע שטעט און יידן־צענטערס פון וואַנען עס איז אַרויס תורה און חכמה.

אין די דרשות וואָרנט חנה כ״ץ קעגן די פרויען־שוואַכקייטן. צ. ב. דאָס „עזות״ פון קוקן אין שפיגל, גיין מיט די אייגענע האָר און נאָך אַזעלכע „חטאים״. די מחברין וואָרנט קעגן רעדן לשון הרע, דער עיקר אויף חתונות, ברית־מילות און אין דער שול. עס איז באַקאַנט, אַז אויך דער ווילנער גאון האָט אין זיינס אַ באַרימטן בריוו „עלים לתרופה״ (בלע־טער אויף אַ רפואה), געשריבן צו זיין פרוי און קינדער, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין גרויסע שהיות אין שול. „ויותר טוב להתפלל בבית״. (בעסער צו דאַווענען ביי זיך אין דער היים), ווייל אין שול קאָן מען נישט ניצול ווערן פון קנאה, הערן דברים בטלים און לשון הרע.

צום סוף פון איר מוסר־דיכטונג, פאַרענטפערט זיך די מחברין, אַז מיט די געגראַמטע שורות מיינט זי נישט בלויז די אַנדערע, נייערט זי זאָגט עניוותדיק: „וואָס בין איך, וואָס איז מיין לעבן, דאָס איך מיך האָב אין זאָ איין דרשה דערגעבן״.

אָט איז ווידער אַ מאָדעל פון פאָעטישן אָנהויב פון חנה כ״ץ:

„איר ליבע, פרומע ווייבערן,
דאָס ביט איך זינדיקע שרייבערן״.

אינעם זעלבן נוסח אַלס שטראָפערין און מאָראַל־פריידיקערין, טרעט אויך אַרויס די סאַמע פאָפולערסטע פון אַלע תחינות־פאַרפאַסערינס: שרה בת טובים. ש. ניגער רופט זי אָן: די געהיימנישפולע שרה בת טובים, ווייל ס׳רוב פון אירע תחינות זענען אַנאָנים, אָן איר נאָמען.

אויף צו ווייזן דעם אייגנטלעכן פאַראַלעל פון די רעליגיעזע פרויען־שאַפונגען, איז כדאי צו ברענגען אַ קורצן ציטאַט פון דער הקדמה, וואָס שרה בת טובים האָט געשריבן צו איר תחינה: „שלשה שערים״ (דריי טויערן):

„איך (שרה בת טובים), איך טו דס וועגן ליבן גאָט (ב״ה) און בין מסדר נאָך אַ שיינע נאַיע תחינה (על שלשה שערים). שער הראשון

איז געשטעלט געוואָרן אויף די דריי מצוות, וואָס מיר, נשים, זענען וואָרן געבאָטן (חנ״ה שמותן) זייער נאָמען איז חנ״ה (כלוימר) חלה. נדה, הדלקת הנר און שער שני (צווייטער טויער) איז איין תחינה, אַז מען בענטשט ראש חודש און שער שלישי (דריטער טויער) איז פון ימים נוראים (פּאַרכטיקע טעג):

„איך נעם צו הילף דעם לעבעדיקן גאָט (ב״ה), וואָס לעבט אימער און אייביג און שטעל די תחינה אויף טייטש מיט גרויס ליבשאַפט און מיט פּאָרכט און מיט ציטערניש, מיט שרעקעניש, מיט צובראָכענע גלידער, מיט פיל געבעט בזכות אונדזערע מוטערס (שרה, רבקה, רחל, לאה). מיינע ליבע מוטערס זאָלן פר מיר בעטן גאָט (ב״ה) און דס ווס איך בין (נע ונד) זאָלן מיר זיין איין (כפּרה) אויף מיינע (עוונות) און ה״ש זאָל מיר מוחל זיין ווס איך האָב אין מיין יוגנט גישמועסט אין שול, ווען מען האָט גילייענט די ליבע תורה״.

און אויף אַ צווייט אָרט דריקט זי אויס איר חרטה צווישן אַנדערס:

„איך טו מיך דערמאָנען אין אַלע זאַכן, ווען איך פלעג צו קומען אין דער ליבער שול און גיטאָן אין אבנים טובות (טייערע שטיינער), פלעג איך נאָר שפּעטן און צו לאַכן, טוא איך אייך היינט דערמאָנען און געדענקען, אַז ה״ש ב״ה טוט ניט שיינקען... היינט בין איך נע ונד געקומען, מיין האַרץ טוט אין מיר ברומען. דרום טוא איך זייער בעטן, אַז איר זאָלט מיינע רייד פאַר נעמען און איר זאָלט אייך צום האַרצן נעמען״ א. א. וו.

די מאָדערנע ליטעראַטור וועט נישט זיין בכוח צו פאַרשיטן מיט אירע נייע ווערטן די אַלטע פאָלקסטימלעכע דיכטונג פון אַ פּאָעטישן טרויער, נייערט זי אויפנעמען ווי אַ דידאַקטישן מעסאַזש פון אַ מאָראַלישן און הומאַניטאַרן ווערט. מען קאָן נאָך אַלץ שעפּן און זיך באַגייסטערן פון איר טיפער צניעות און הויכן ליריזם, וואָס שליסט אייך איין אין אַ סביבה פון לייטזעליקייט און ליבע.

מען קאָן געפינען אין די תחינות צווישן אַנדערע בקשות צום רבונו של עולם, אויסער דעם כסדר זיך איבערחזרנדיקן מאָטיוו פון געזונט און

פּרנסה, אויך, אַז גאָט זאָל צושיקן דער פרוי אַ הימלישע אינספּיראַציע, זי זאָל האָבן גוטע קאָך־איינפאַלן... און צוגרייטן גוטע מאכלים, אַז דער מאַן זאָל הנאה האָבן פון איר קאָכקונסט...

אויב עס זענען פאַראַן אַנאָנימע תפילות, וואָס לעבן אין אַרביטע פון עגאָ־צענטרישקייט און בעטן פאַר זיך און אייגענעם הויזגעזינד, זענען אויך פאַראַן תפילות אין אַ קאָמבינירטער פאָרעם, וואָס ברייטערן זיך אויס צו דער געשטאַלטיקונג פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער.

מיר טרעפן זיך נאָך אָן אויף תחינות מיט זעלטענע פאַרגלייכן, וואָס אין זייער נאַאיווער צניעות, רופן אַרויס אַ באַוווּנדערנדיקן שמייכל:

„...און ווען די שעה זאָל נישט באַשערן און ס׳וועט קומען דער סוף, זאָל דער אויבערשטער אַרויסציען די נשמה אָן יסורים; מיט אַזאַ לייכט־קייט, ווי מען ציט אַרויס אַ האָר פון דער מילך...״.

אונדז דאַכט זיך, אַז ס׳האָט זיך געלוינט אויסצוהאַקן אַ געדיכטן וואַלד, כדי צוצוקומען צו אַזאַ בילדלעכן פאַרגלייך, וואָס איז נישט סתם אָריגינעל, נאָר דורכאויס אייגן דער פרוי. מיר זעען די פרוי אין איר עלעמענט, אפילו אין איר ווענדונג אויסצולייזן דעם גוף.

פאַראַן אַ תפילה, וועלכע ווערט געזאָגט אין די טעג פון תשובה ביי תשליך (אַרויסגענומען פון קאָנטעקסט פון „תחינות בנות ירושלים״):

„זאָלסט אָפּוואַשן אַלע אונדזערע פלעקן, ווי וואַסער, דו זעסט וואָס ביי יעדער מענטש איז אין האַרץ. דו קוקסט דורך יעדן קערפּער, ווי וואַסער. ווען, חלילה, דו ווילסט זיך באַגיין מיט דער וועלט אַ קליינע ווײַלע מיט מדת הדין, ווען דו ווילסט באַצאָלן אַ מענטשן נאָך זיינע ווערק, פּינקטלעך ווי ער האָט פאַרדינט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט, נאָר דו צוימסט אַרום דעם מדת הדין מיט דיין מדת הרחמים, ווי די ברעגן פון ים צוימען אַרום דאָס וואַסער, דערום קומען מיר היינט צום וואַסער...״ א. א. וו.

נאָך דעם ברייטערט זיך אויס דער פּאָעטישער שוווּנג פון געבעט אין אַ רירנדיקער באַרעדעוודיקייט:

„...דו זאָלסט יעדערן דערפילן, וואָס אים פעלט, דו זאָלסט דערפרייען אַלע ביטערע הערצער, אַלע געבראָכענע געמיטער, דו זאָלסט יעדערן דערפילן וואָס אים פעלט, אַלע, וואָס ליגן קראַנק, זאָלסטו זיי היילן און שיקן אַ רפואה שלמה, זיי זאָלן געזונט און שטאַרק ווערן. אַלע, וואָס זענען במקום סכנה, זאָלסטו זיי באַשיצן מיט דיין רעכטע האַנט און זאָלסט זיי באַשירמען פון זייער געפאַר; אַלע עקרות זאָלסטו באַפעלן זיי זאָלן טראָגעדיק ווערן...".

און באַלד דערנעבן ווערט געבעטן, אַז די מענער זאָלן נישט זיין געגליכן „ווי די דאַרע ביימער, נייערט ווי די ביימער, וואָס גיבן פרוכט...".

די יידישע איבערזעצונג פון די תפילות איז אַ באַזונדער גלענצנדי־קער אויפטו, וואָס האָט דערמעגלעכט אונדזערע עלטערן — און ספּעציעל אונדזערע מוטערס — זיך אויסצולעבן פּאָעטיש און אויסלעבן זיך, הייסט אין דעם זין פאַרשטיין.

בכדי אָנצוהאַלטן זייער „בכורה", האָבן די מענער פאַרציכטעט אויף דער עסטעטישער הנאה פון די תפילות, ווייל ס׳רוב מענער האָט געדאַוונט אין עברית און טאַקע גאָרנישט פאַרשטאַנען פון זייערע געבעטן און קיין שום געווס נישט געהאַט.

מען מוז צוגעבן, אַז עס זענען טאַקע נישט געווען קיין סך געבעט־ביכער אין יידיש־טייטש, אָבער די וויניקע, וואָס האָבן עקסיסטירט, זענען אויסגענוצט געוואָרן מער פון די פרויען, ווי פון די מענער. אגב, דאַוונען ביז היינט צו טאָג אַ סך מענער אין דער פּאַר זיי פרעמדער, לשון־קודשדיקער שפּראַך און קאָנען נישט גערירט ווערן פון די אַלע פיינקייטן, וועלכע ווערן פאַרפאַלן, ווי קלאַנגען ביי אַ טויבן...

אין אַ סך תפילות פון דער פרוי קומט זי אַרויס אַנטוועלטיקט. זי מאַכט זיך עניוותדיק קליין און אפילו קינדיש באַחנט, ווען זי זאָגט צ"ב אין אַ תפילה־עקזאַלטאַציע:

׳מיט וואָס פאַרא פּריזענט קאָן איך איבערבעטן דיך, אַז זאָלסט פאַר־געבן מיינע זינד". — שפּעטער קומט זי אָבער מיט אַ היפּוכדיקער ווענ־דונג ווי אין דער תחינה לחודש ניסן. דאָ, שטעלט זי מאַזשאָרע טענער

און די תפילה איז אַן אַרויספאָדער. דער דיאַפּאַזאָן גיט זיך אַ הייב אויף מיט דעם דרייסטן: „פתח עיניך וראה״, מאַך אויף דיינע אויגן, ליבער גאָט, און זע די מי פון דיין טייער פאָלק, וויפל מי זיי האָבן צו האַלטן דיינע מצוות, וואָס דו האָסט זיי געבאָטן צו טאָן אין דעם חודש, צו פאַרשטערן דאָס חמץ פון זייער שטוב און עסן מצות אַלע זיבן טעג פון פסח. ווי גרויס און שווער עס קומט זיי אָן וועגן דעם ענגעניש פון זייער שווערער פרנסה, אָבער זיי האַלטן דיין באַפעל און היטן דיינע מצוות, דערום, ליבער גאָט, שיק צו שפע און ברכה״ א. א. וו.

ווער פון אונדז געדענקט נישט די שווערע איבערלעבונג ביי קינדער ערב יום־כיפור אין דער היים. דאָס בלויזע גרייטן זיך צו די ימים טובים האָט געהאַלטן אין אַ געקלעמטער שפּאַנונג דאָס קינדישע הערצל. דער ספּעקטאַקל פון בענטשן די קינדער און די מאַמעס ליכט־צינדן, האָבן אַזוי געדריקט אויפן קינדס געמיט, אַז דער גאַנצער יום־טובדיקער שימער איז פאַרשוווּנדן אונטער דער מיסטעריע פון טרויער, אָנגעיאָגט פון עפּעס אַ שוואַרצן, נישט געזעענעם פליגל פון אַ מלאך.

אין דעם צינדן פון די ליכט, פאַר און בעת וועלכן עס זענען געקומען די זעלבע אויסגעדראָשענע געבעטן, האָבן אַרויסגעבליצט אַזעלכע פיינע, פּאָעטישע פאַרגלייכן:

„...די ליכט, וואָס איך האָב איצט אָנגעצונדן צוליב דיין הייליקן נאָמען, זאָלסטו זען נאָר דאָס ביסל גוטס, וואָס מיר האָבן אין דעם יאָר געטאָן, און אונדזערע זינד זאָלן, ווי די שאָטנס אַוועקפליען פאַר דער ליכטיקייט פון די געבענטשטע ליכט״.

אָדער אַן אַנדער ווענדונג:

„פאַר גרויס פאָרכט און ציטערניש, ווערן האַרט די האָר פון מיין לייב, אַזוי ווי טשוועקעס...״.

אין אַלע געבעטן, אין וועלכע עס זענען אַריינגעפלאָכטן אויסצוגן פון דער גמרא, תנאים און גאונים, אין וועלכע עס שטראַלט אויך די ליכטיקייט פון אונדזער תנ״ך, געפינט זיך נאָך אין דער תחינה צום ערב יום־כיפּורדיקן ליכט בענטשן, אַזאַ זאָג: „...אַזוי ווי איך צינד אָן

די ליכט לכבוד יום הקדוש, אַזוי זאָלסטו הייסן מיין מזל אָנהייבן צו לייכטן און אַזוי ווי דאָס פינצטערניש, וואָס אַנטלויפט פאַר דער שיין פון ליכט, אַזוי זאָלן פאַר מיין ליכטיק מזל אַנטלויפן אַלע מיינע צרות״.

אינעם הייסן דעם מזל אָנהייבן לייכטן, פירט עס אונדזער געדאַנק אַוועק צו דער גריכישער געטעריי, וועמענס לעגענדעס פון דער מיטאָ־לאָגיע האָבן באַצירט די עפּאָכע פון פאַר דער עוואַנגעליע. נישט נאָר זענען אונדז באַקאַנט די קאָנקרעטע געטער, ווי: דזעאוס, אַרעס און אַנדערע, פון וועלכע פּאָעטן האָבן זיך אינספּירירט צו באַרייכערן מיט אַ מיסטישן אָפּשיין זייער פּאָעזיע, נייערט עס זענען אויך באַקאַנט די אַלעגאָרישע, ווי: „אמת״, „פרייהייט״, „רענאָמע״, „שלום״, „שפע״ און אַנדערע.

פאַרשטענדלעך, האָט ביי אונדזערע אָבות קיין רייד נישט געקאָנט זיין פון אָנקליידן דאָס מזל מיט מענטשלעכע אייגנשאַפטן. פון אונדזערע תפילות זענען אונדז באַקאַנט מלאכים. די באַפליגלטע „געטער״, ווי גאָטס משרתים, פון וועלכע די פּאָפּולערסטע זענען: מיכאל, וואָסער־ אָדער שניי־מלאך, גבריאל, דער גיבור, רפאל, דער היילער און רזיאל, דער מלאך פון סודות. ווען מיר שפּאַלטן די נעמען פון די מלאכים, באַקומען מיר דעם ענדטראַף: „אל״, גאָט. דאָס „מזל״ איז יעדנפאַלס נישט קיין באַקאַנטער פונקציאָנאַר ביים רבונו של עולם, וואָס דאַרף פון דעסטן אויספירן, לויט די געבעטן, די מיסיע פון „שיינען״, אָדער גליק־לעך מאַכן.

אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע איז „שפע״ (מיר נעמען „שפע״ אַלס נאָענטער ביישפּיל צום מזל), אַ שיינע נימפע מיט אַ בלומען־קרוין אויפן קאָפּ, און אָנגעטאָן אין די פאַרביקסטע קליידער און טראָגט אין איין האַנט אַ שקאַרמיץ מיט כל טוב און אין דער צווייטער האַנט אַ גאַרב מיט תבואה־זאַנגען... ביי אונדזערע אבות איז דער דאָזיקער זאָג „צו גיין בעטן ס׳מזל״ (אָדער צופאַל) נישט געווען קיין אַבסטראַקטער און נישט קיין קאָנקרעטער ענין. מזל איז עפּעס אַזאַ אוצר, ווי אַלע אוצרות, וואָס ליגן ביי גאָט אין דער האַנט און וואָס מען קאָן דאָס נישט דעטערמינירן.

דאָס איז געווען אַ פּשוטער אינסטינקטיווער שטריך פון אמונה, וואָס האָט צוגעפּאַסט די דאָזיקע פּאָעטישע פאָרעם, וואָס רופט אַרויס ביי אונדז אַ דירעקטע אַסאָציאַציע מיט די מיטאָלאָגישע געטער.

די פרוי האָט נישט נאָר אַליין בייגעטראָגן צו דער ליטעראַטור, נייערט אויך געדינט אַלס מוסטער פאַרן שרייבער, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אירע לייסטונגען און איר פּילפּאָכיקע ראָלע אינעם משפּחה־לעבן. דערביי האָט מען נישט מינימיזירט איר פּאָזיציע פון אַ שקלאַף צו קינדלען, וואָס איר ביאָלאָגישער מצב האָט אַרויפגעוואָרפן אויף איר.

אין דער צייט פון דער תחינות־ליטעראַטור, האָט מען געהאַלטן, אַז דער מאַן איז קוואַליפיצירט צו אַ העכערער מיסיע אין לעבן. דאָס האָט זיך אָבער נאָר באַגרענעצט אין אָנגרייטן זיך אַ שטול אין גן־עדן... צו־ליב אָט דער גייסטיקער אומאיינהייט ביים פּאָרפאָלק, איז די פרוי אין קעגנזאַץ באַלאַסטעט געוואָרן מיטן עקאָנאָמישן עול. זי איז געווען דער סוחר, דער פּרנסה־געבער. נישט נאָר ס׳געוועלבל האָט זיך גערופן אויף איר נאָמען, נייערט דער מאַן אויך. אין דער ליטעראַטור פון די קלאַ־סיקער געפינען מיר ביישפּילן פון די צוזאַמענגעזעצטע נעמען.

ווען מיר ציען דורך אַ פּאַראַלעל פון יענער צייט מיט אונדזער מאָדערנער, געפינען מיר אין דער אַמאָליקער מיניאַטור־מלוכה פון מאַן, ווייב און פאַמיליע, די זעלבע דריי „ק״ פון דעם לעצטן דייטשן קיסר ווילהעלם דעם צווייטן, וועמענס טרייער נאָכפאָלגער ס׳איז געווען היט־לערס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס. דער דייטשער קריגערישער גייסט, וואָס דאַרף צו דעם צוועק אַ נאָכוווקס פון מענטשן־מאַטעריאַל און וואָס האָט זיך אַליין אויסדערוויילט פאַר אַ העכערע ראַסע, האָט אין די פּערי־פּעריעס פון זייערע אייגענע בלוטן, אויך געפּרוווט אַראָפּזעצן די פרוי צו דער קנעכטישער מערכה פון: „קינד, קירך און קיך״.

ביי דער יידישער פרוי האָט בלויז איין „ק״ באַקומען אַן אַנדערן תוך. אַנשטאָט „קירך״, איז געוואָרן קלייט, אָדער קראָם. אין אָט די דריי איינטראָפּיקע באַגריפן: קיך, קינד, קלייט, איז די פרוי ממשותדיק געווען איינגעשפּאַנט.

שוין ביים קינדס וויגל האָט די מאַמע מיט שטאָלץ געזונגען, אַז דער מאַן וועט זיין אַ בן־תורה און זי וועט „שטריקן טיכלעך און באַקן קיכלעך"... דערפון איז געדרונגען, אַז די צניעותדיקע פרוי איז גאָר געווען גליקלעך מיט איר גורל און עס איז געווען פאַר איר אַ כבוד צו האָבן אַ מאַן אַ לערנער.

נישט איין מאָל איז דער חכם, וואָס איז עוסק געווען אין תורה און אין הויכע ענינים, געקומען צום וויב אין קרעמל אַריין בעטן אַ פּאָר גראָשן צו גיין אין מקוה... אין אַזעלכע מאָמענטן איז דער גאַנצער „קנאַקער" געשטאַנען ביי זיין אשת חיל, ווי אַ פאַרשולדיקט ייִנגל — און די פּאָר גראָשן, וואָס ער האָט באַקומען, נאָך אַ לאַנגן וואַרטן אויפן לייזעכץ, זענען אָפט געווען באַגלייט מיט טויטע קללות.

דער מאַן איז אָבער פאָרט געווען דאָס אייבערשטע פון שטייסל און זיינע קענטענישן זענען אויך טייל מאָל אויסגענוצט געוואָרן צו קלענערע מצוות — ווי צ. ב. פאַרטרעטן אַ זאָגערין אין שול. אין די וויכטיקע יום־טובים האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך פרויען זיך פאַרזאַמלט אין שול. עס האָט געטראָפן, אַז פרויען, וועלכע האָבן נישט געקענט קיין עברי, זאָלן זיך צושטעלן אין שול צו דער „קענערין", וואָס האָט בכיוון גע־דאַוונט הויך, כדי די אַנדערע זאָלן קאָנען נאָכזאָגן... עס זענען אָבער געווען פאַלן, ווען קיין איינע פון דער ווייבער־שול האָט נישט געקענט קיין עברי. דעמאָלט האָט דער שמש אויסגענוצט זיינע קענטענישן פאַר אַ צולאָג־מצווה. ער איז אַריין אין דער ווייבערשול, זיך באַהאַלטן אין אַ פאַס און אַרויסגעדאַוונט, ווי אַ סופליאָר פאַר אַקטיאָרן, וואָס קאָנען נישט זייער ראָלע.

ענלעכע, נאָר פאַרקערטע פאַלן, געפינט מען צווישן די באַרימטע, הויכגעבילדעטע פרויען פון מיטלעלטער. עס איז דאָ אַ ראָמאַנטישער און גלייכצייטיק צניעותדיקער באַריכט איבער דער טאָכטער פון סאַמועל בן אלי פון באַגדאַד: אַ ווילקענערין אינעם תנ"ך און אַ „היגע" אינעם תלמוד, פלעגט זי געבן עפנטלעכע פאָרטראַגן. זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ פאַרביקן גלאָז־קאַסטן, כדי מיט איר שיינקייט נישט צו צעשטרייען

אירע צוהערער, און אַזוי אַרום געהאַלטן אירע לעקציעס. די זעלבע פּאַרזיכט, כדי נישט צו רייצן דער אוידיטאָריעס בליקן אויף זיך, נעמט אויך אָן מיט הונדערט יאָר שפּעטער די שטאַממוטער פון דער רבנישער, ליטעראַטור־באַרימטער פאַמיליע לוריע.

כדי די פרוי זאָל נישט זיין דער אָביעקט פון עקספּלואַטאַציע, האָט זי געמוזט קעמפן אומגילטיק צו מאַכן דעם אַלטן זאָג: „נידער אַראָפּ אַ שטאַפּל און נעם דיר אַ פרוי". (יבמות מ"ג). זי האָט געמוזט אַדורכ־ברעכן זיך אַ וועג צו דער גייסטיקער עמאַנציפּאַציע און אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פונעם שטייגער־לעבן. מען האָט אָבער געמוזט איר העלפן אָפּרוימען דעם שווער־פאַרוואָקסענעם וועג — און דאָס, פאַרשטענדלעך, האָט באַדאַרפט זיין די ראָלע פונעם מאַן. אויפהייבן די פרוי אויפן זעלבן ניוואָ פון גלייכבאַרעכטיקונג; איר געבן אַ צוטריט צו דער רוחניותדיקער וועלט און דאָס ביים לעבן; אויפהייבן זי און זעצן זי אויף איין שטול מיטן מאַן... ווי אינעם יושרדיקן רעוואָלט פון חיים טרעגער, אינעם מעשהלע „שלום־בית" פון י. ל. פּרץ.

די תחינה־ליטעראַטור, וועמענס גרונט־פּרינציפּ איז געווען אַ רעוואָלט קעגן זיך אַליין, צו רייניקן און פיינערן די אייגענע מעשים, האָט לאַנג נאָך וויברירט אויף די כוואַליעס פון אַ נייער צייט, ווען ס'האָבן פרויען אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע שפּראַכן אַנטקעגנגעטראָגן זייער דיכטערישן ביישטייער.

סאַראַ סולאַם־קאָפּיאַ און אַנדערע דיכטערינס

אין דער מיטן פון 16־טן יאָרהונדערט ווען די געבעט־ביכער זענען דורכן בוכדרוק פּאָפּולאַריזירט געוואָרן, דערשיינען אויך איטאַליענישע, שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע איבערזעצונגען. דאָס האָט אויך שטאַרק זיך אויסגעווירקט אויף דער יידישער דיכטונג. די שפּאַנישע פּליטים, וועלכע וואַנדערן איבער פונעם וואַרעמען דרום אין דעם גרויען צפון, פלאַנצן אויך איבער זייער ראָמאַנטיק, וואָס באַשטייט אין פאָלקס־לידער, סאָנעטן און ראָמאַנסן. פיל פון די יידישע דיכטערינס איבן אויס זייער איינפלוס אויף זייערע פען־שוועסטער. עס זענען באַקאַנט: איזאַבעלאַ קאָרעאַ, איזאַבעלאַ הענריקעז, סאַראַ דע פאָנסעקאַ, דאָנגאַ י. פּיעמענטאַל, מאַנועלאַ נונעס, אַלמעאידאַ, בענווענוטאַ קאָהען, בעלמאָנט א. אַנד., וועלכע זענען מיט זייערע פאַמיליעס געקומען קיין דייטשלאַנד — און זייער ווירקזאַמער איינפלוס אויף דער דיכטונגקונסט האָט ווייט אָפּגעקלונגען.

אין דער צייט פון טיפסטע דערנידערונגען, הערשט אויך אַ געוואַלדיקע ירידה אין דער העברעאישער ליטעראַטור, סיי אין דער געגראַמטער, סיי אין דער נישט־געגראַמטער פאָרעם. אָבער דעמאָלט ווייעט אַן אָנגענעמער דופט פון שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע געזאַנגען.

צווישן די שפּאַנישע פּליטים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַמסטערדאַם, שאַפן זיך וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס און שייגגייסט־קרייזן. צו דער דאָזיקער סביבה געהערט אויך איזאַבעלאַ קאָרעאַ. כדי זיך צו דערנענטערן צום יידנטום, פאַריידישט זי איר נאָמען אויף רעבעקאַ. אַלס הויכער גייסט און געבענטשטע ווייבלעכקייט גיט מען איר אָפּ פיל כבוד און מען אָרדנט פאַר איר איין יום־טובים. אָבער דאָס באַפרידיקט זי נישט, זי באַגערט צו לערנען שפּראַכן. זי זעצט איבער פאַרשיידענע

ליטעראַרישע אַרבעטן: צווישן אַנדערע, די טראַגי־קאָמעדיע „פּאַסטאָר פידאָ״ (דער געטרייער פּאַסטוך) פון איטאַליענישן פּאָעט גואַריני. זי דיכטעט עס איבער מיט אַזוי פיל פרייהייט, ביז צו פּאַראייניקן אפילו אייגענע פערזן, פּאַר וועלכע זי פאַרשאַפט זיך פיל אָנערקענונג און פריינד.

די שיינע קאָרעאַ איז געווען די פריינדין פון דאָנאַ איזאַבעלאַ הענ־ריקעז. זי איז אויך געקומען פון מאַדריד מיט די געטריבענע יידן קיין אַמסטערדאַם, ווו זי געפינט זיך באַלד פיל פריינד. ווייניקער שעפעריש, באַגנוגנט זי זיך צו מאַכן פּאָכמענישע באַמערקונגען איר קאָלעגין קאָרעאַ און צו דערמוטיקן זי אין איר שאַפונג.

די אַנדערע שפּאַנישע פרויען: סאַראַ דע פּאָנסעקאַ, י. פּיעמענטאַל, מאַנועלאַ נונעס, אַלמעאידאַ און איר טאָכטער בענווענוטאַ, וואַנדערן שפּע־טער איבער נאָך לאָנדאָן, ווו זייערע פאַמיליעס פאַרברייטערן זיך און באַקומען אָנזען.

אויך די דייטשע רחל אַקערמאַן, דערגייט אין יענער צייט צו אַ גרויסן רום. זי לעבט אין ווין, ווערט פאַרטריבן און קערט זיך אום צוריק. זי ווערט אָבער צום צווייטן מאָל פאַרטריבן צוליב אַ בייסיקער סאַטירע, אונטערן טיטל: „דאָס געהיימניש פון הויף״. דאָס מאָל קאָן זי מער זיך נישט אומקערן, און צו צוויי און צוואַנציק יאָר שטאַרבט זי אין דער פרעמד פון בענקשאַפט צו איר היימלאַנד.

ווען עס אַנטוויקלט זיך ווידער דער געשמאַק אין דער העברעאישער דיכטונג, לעבן אין איטאַליע מערערע באַדייטנדיקע דיכטערינס.

אין 14־טן יאָרהונדערט איז וועגעדיג דער גייסטיקער זיץ־אָרט פאַר יידן. צו יענער צייט בלענדט מיט טאַלאַנט די דיכטערין גיוסטינאַ לעווי פּעראָטי. זי אַדרעסירט צו פּעטראַרקען אַ פּערפעקטן סאָנעט — און ער ענטפערט מיט אַ צווייטן: La gola, il sonno e l'oriose piume

וואָס איז אָפּגעדרוקט אין זיינע ווערק.

אין יאָר 1571 לעבט אויך אין וועגעדיג די דיכטערין ראָזאַ לעווי. די מער וועלטלעכע פרויען מיט הויכער קולטור, טרעפן מיר אָן אין די איבערוואַנדערונגען, צום מערסטן פון די געטריבענע פון שפּאַניע.

אין דער יידישער געשיכטע פון גרעץ איז דאָ אַ באַריכט, אַז אין יענער צייט האָבן יידן באַשעפטיקט קריסטלעכע אַרבעטער. זיי ווערן אָרנטלעך באַצאָלט און פריינדלעך באַהאַנדלט.

די שרייבערין גאַהידאַ רעמי־לאַזאַרוס אין איר בוך: „דאָס יידישע ווייב", ווונדערט זיך, וואָס אין יענער צייט, ווען די יידן האָבן גראָד גוט געלעבט און נישט נאָר מיט פלייס בייגעטראָגן צום אויפבלי פון האַנדל, נייערט געווען אויך פאָרטרעטן אין פאַרשיידענע אַנדערע צווייגן, האָט שעקספּיר אָנגעשריבן זיין „סוחר פון ווענעדיג".

די שטעלונג פון דער שרייבערין איז מעגלעך נישט קיין באַרעכטיקטע. עס איז באַקאַנט, אַז שעקספּיר זאָל האָבן גענומען זיין סיוזשעט פון אַ דערציילונג פונעם איטאַליענישן שרייבער גיאָוואַני פלאָרענטינאָ, דערשינען אין יאָר 1558 אין מילאַן.

צו די דעמאָלטיקע גרויסע פאַבריקאַנטן געהערט אויך יוסף אַסקאַרעלי. זיין פרוי דבורה איז אַ הויך־באַגאַבטע דיכטערין. זי שרייבט לידער אין דער העברעאישער און אויך איטאַליענישער שפּראַך. זי זעצט איבער די לידער פון מאָזעס ריוטי (ווענעדיק, 1602). זי זעצט איבער העברעאישע הימנען אין איטאַליענישע סטראָפן אין אַ קלאָרער, מייסטערהאַפטער שפּראַך. זי האָט אויך איבערגעלאָזן אירע אייגענע דיכטונגען, וואָס זענען פון אירע מיטצייטלער הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן.

אַ דיכטער, וואָס האָט איר געווידמעט זיין ווערק, האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע קלינגענדיקע לויב־ווערטער:

„מעגן אַנדערע פייערן גרויסע טריאומפן, דו, דבורה, דו זינגסט צו פאַרהערלעכן דיין פאָלק".

די אינטערעסאַנטסטע דערשיינונג צווישן יידישע פרויען־גייסטער, ביי דער שקיעה פון מיטלעלטער, צום זון־אויפגאַנג פון אַ נייער צייט, איז די פרוי סאַראַ קאָפּיאַ (אָדער קאָפּיע) סולאַם.

סאַראַ סולאַם איז געבוירן געוואָרן אַרום 1590. איר פאָטער שטאַמט פון אָנגעזעענע פאַבריקאַנטן. ער האָט אויך באַזיצט נישט קיין געוויינ־

לעכע בילדונג און האָט זאָרגעוודיק זיך באַצויגן צו דער דערציאונג פון זיין איינציקער טאָכטער סאַראַ, פון וועלכער ער האָט שפּעטער געהאַט אַ סך נחת. סאַראַ קאָפּיאַס קינדער־יאָרן זענען אָפּגעפלאָסן אין דער עפּאָכע פונעם ראַבינער פון דער ווענעציאַנישער קהילה, לעאָן דאַ מאָדענאַ. זייער יונג ווערט זי שוין באַקאַנט מיט דער העברעאישער שפּראַך און תנ"ך. שפּעטער לעבט זי זיך אויס, אויסער אין דער איטאַליענישער, אויך אין לאַטיין, גריכיש און שפּאַניש. זי לייענט די ליטעראַטור אין די דאָזיקע שפּראַכן, שרייבט לידער, שפּילט און שאַפט מוזיק. זי איז אַ שטאָלצע בירגערין און פאַרקערט אין דער הויכער געזעלשאַפט.

דער דעמאָלטיקער ראַבינער, לעאָן דאַ מאָדענאַ, ווידמעט אין יאָר 1619 סאַראַ קאָפּיאַן די פון אים אַרויסגעגעבענע דראַמע „אסתר", פון סאַלאָמאָ אוּפקע.

צו איין און צוואַנציק יאָר האָט זי חתונה מיט אַ געבילדעטן בחור, יעקב קאָפּיאַ. זי פאַראייניקט דעם נאָמען מיט איר פאָטערס נאָמען — און רופט זיך סאַראַ סולאַם־קאָפּיאַ.

**
*

דאָס אינדזל, וואָס מען האָט צוגעטיילט די יידן צו וווינען איז נישט געווען מינערווערטיקער ווי די אַנדערע ווינקלען פון איטאַליע. פריער האָט עס געהייסן צוליב זיין פאָרעם, ספּינאַ לונגאַ. שפּעטער, ווען די יידן האָבן עס באַזעצט, האָט זיך עס אָנגערופן גיודעקאַ. ווי עס זאָל נישט האָבן געווען פיין סיטואירט, מיט אַ פּרעכטיקער פּאַנאָראַמע פון ים און בערג, איז עס דאָך געווען אַן אָפּגעגרענעצטע זאָנע, וווּ ס'איז געווען אויסגעשלאָסן צו האָבן אַ וועלכן נישט איז געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט מיט די איבעריקע אינדזלען.

די יידן זענען אויך געווען געצוווּנגען צו טראָגן אַ רויטן הוט.

אויפן דאָזיקן אינדזל איז געווען דער זיצאָרט פון סאַראַ קאָפּיאַ סולאַם. די מילדערע באַהאַנדלונג פון די יידן אין ווענעדיג האָט דער־לויבט די יידן צו אַנטוויקלען אויך פאַרשיידענע קונסט־צווייגן. דאָס האָט

נישט נאָר באַגײַסטיקט דעם אויפבלי פון אינערלעכע טאַלאַנטן, נייערט אויך די יוגנט פון הויכן אַדל האָט געשטראָמט אין די יידישע שולן, כדי צו שטודירן קונסט.

דער דאָזיקער אַריינשטראָם צו די יידן, כדי צו געניסן פון געזאַנג און אינסטרומענטאַלער מוזיק, האָט אויך באַגײַסטיקט אינטימע באַציִ־אונגען. „ווייל דאָרט, וווּ אַפּאָלאָס האַרפע רוט, איז אויך ליבע נישט ווייט”. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן ערנסטן אַלאַרם ביי דער מאַכט און עס זענען אַרויס גזירות און פאַרבאָטן צו געניסן פון יידישער לערנונג. די, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן, זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף תפיסה און געלטשטראָף. דאָס איז געווען אַ מיטל, כדי עס זאָל נישט דערגיין צו קיין ראַסן־מישונג. אויב עס איז אַנטדעקט געוואָרן אַזאַ פאַל, איז דער קריסט אָפּגעקומען מיט אַ גאָר קליינער שטראָף, דאַקעגן דעם ייד האָט מען אָפּגענומען אַלע רעכט און זיין נאָמען איז געוואָרן צו שאַנד און אויפגעשריבן אויף די שטיגן פון דער בריק ריאַלטאָ. טראָץ אַלעם, איז דער וויסנשאַפטלעכער אייפער אַנגעגאַנגען — און האָט זיך נאָך געשטאַרקט ביי די יידן מיטן אַריינשטראָם פון שפּאַנישן און פּאָרטוגעזישן יידנטום, וואָס איז פון זיינע געבורט־ערטער פאַרטריבן געוואָרן. נישט נאָר צום קינסטלעכן שוווּנג, נייערט אויך אויפן מאַטעריעלן געביט איז דאָס 16־טע יאָרהונדערט געווען דער גלאַנץ־פּעריאָד פון איטאַליענישן יידנטום. אין 1567 האָט סאַלאָמאָ אוסקע געמאַכט אַ שפּאַנישע איבער־זעצונג פון פּעטראַרקאָס דיכטונגען.

צום סוף פון 16־טן יאָרהונדערט ווען עס האָבן אַ בלאָז געטאָן אין איטאַליע אָפּפרישנדיקע ווינטן און טאָרקוואַטאָ טאַסאָ האָט געפּרוווט אָפּ־רוימען די אינטעלעקטועלע דעקאַדענץ, האָט געלעבט אין גענוא אַ יונגער פּאָעט און ערנווערטיקער בירגער אַנסעלדאָ צעבאָ. ער האָט געשריבן לירישע און דראַמאַטישע פּראָזע. צוליב אַ פאַלשער באַשולדיקונג אינעם אויספירן אַן אָפיציעלע מיסיע האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון געזעל־שאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן און אָנגעטאָן די פּריסטער־קליידער. דאָס האָט אים דערמעגלעכט זיך אין גאַנצן ווידמען דער ליטעראַטור.

אַנסעלדאָ צעבאַ איז שוין געווען זייער באַרימט פון זיינע ליטעראַרישע ווערק, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין נייע פּאָעמע וועגן אסתר. אַ טייל לייענערס האָט אויפגענומען זיין פּיעסע מיט אַ וואַרעמען אינטערעס, אַ טייל — מיט אַן איראָנישן נייגער. די קריטיק איז נישט געווען קיין ענטוזיאַסטישע. מען האָט גלאָריפיצירט די קוואַליטעטן פון דעם הויכן בירגער — און פאַרבלאַסט דעם ליטעראַרישן ווערט פונעם ווערק.

נאָך דעם דורכפאַל האָט ער קאָנצענטרירט זיינע כוחות אויף אַ גרויס דידאַקטיש ווערק. ער האָט געמיינט צו שאַפן אַ פּראַקטישן דערציאונגס־טראַקטאַט, אָבער אַרויסגעקומען איז דאָ אַ מין אוטאָפּיע. ער האָט געפּריידיקט נשמה־ליבע.

אין דער צייט, ווען אַנסעלדאָ צעבאַ האָט געטרייסט אין זיך דעם גוטן פילאָסאָף און דעם ערלעכן קריסט אַלס רעוואַנזש אויף דעם קנאַפּן דערפאָלג פון זיין אסתר־פּאָעמע, האָט אים די שענסטע פרוי, אַ גלויבנס־שוועסטער פון זיין געשילדערטער העלדין אסתר, פאַרגיטיקט מיט אַ באַגייסטערטן בריוו פאַר זיין ווערק. דער בריוו איז געקומען פון סאַראַ סולאַם. די סענסיטיווע פרוי מיט האַרץ און געפילן איז געווען גערירט פון דער דאָזיקער פּאָעמע. אפשר נישט אַזוי ווייט צוליב איר ליטעראַרישן ווערט, נייערט צוליבן פאַקט, וואָס אַ גייסטלעכער האָט זיך אינספּירירט פון אַ העראָאישער יידישקע און זי גענומען אַלס סיוזשעט פאַר זיין פּאָעמע.

זי איז געווען אַזוי אַנטציקט פון דעם ווערק, אַז זי האָט אַן רעזערוו איבערגעגעבן אין איר בריוו, ווי טייער די פּאָעמע איז איר און געשריבן צווישן אַנדערן, אַז זי קאָן זיך מיט דעם ווערק נישט שיידן; אַז ביי־נאַכט לייגט זי דאָס אונטער איר קישן, כדי ביים אויפשטיין ווידער אַמאָל צו קאָנען לייענען.

סולאַמס עקזאַלטירונג פאַרן ווערק איז מעגלעך געקומען פון איר טיף־יידישער נשמה. לויט א. פּ. ריאָ, (דער מחבר פון די „פיר מאַרטירער”) איז זי געווען מער ייד לויט דער אמונה, ווי אפשטאַם. זי איז

דעריבער געוועזן שטאָלץ, וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט אַ מעג־לעכקייט זיך צו באַקענען מיט די גרויסע קינדער פון דעם אויסדער־וויילטן פאָלק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע קאָרעספּאָנדענץ צווישן סאַראַ סולאַם און דעם גייסטלעכן. די סענטימענטן האָבן זיך אויפגעוואַ־רעמט פונעם אינטעלעקטועלן בריוו־אויסטויש. אָבער אַנסעלדאָ צעבאַ האָט זיך ענדגילטיק אויסגעשלאָסן פונעם קערפּערלעכן ליבע־גענוס. ער האָט געוואָלט צונעמען איר נשמה פאַרן קריסטנטום. סאַראַ, פון איר זייט, האָט אים דורך בריוו געוואָלט איבערצייגן פאַר איר רעליגיע. די צוויי קעגנגעזעצטע, רעליגיעזע פליכט־געפילן האָבן זיי אָנגערעגט צו אַן אויס־טויש פון שטרייט־בריוו, אין וועלכע סאַראַ ווייזט אַרויס אַזאַ הויכע ביל־דונג, אַז אַנסעלדאָ צעבאַ בלייבט טייל מאָל געפּלעפט.

אַנסעלדאָ צעבאַ האָט אין זיין אומדערמידלעכער אַרבעט אויף צו געווינען די נשמה פון זיין געליבטער סאַראַ, געגלויבט, אַז מיט דעם, וואָס זי האָט שוין באַוויליקט צו לייענען דעם נייעם טעסטאַמענט, האָט ער געמאַכט אַ דעצידירנדיקן שריט צו איר שמד.

צום קאַרנאַוואַל־יום־טוב שיקט ער איר פּרוכטן, באַגלייט מיט אַ שפּאַניש בוך, אויף וועלכן ס׳איז נישט געווען קיין טיטל. ער האָט געהאָפט מיטן דאָזיקן בוך צו פאַרשנעלערן איר שמד. דאָס גאַנצע גליק זיינס האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין ליידן.

וואָס מער אַנסעלדאָס געפילן פאַר סאַראַ האָבן געשטיגן, אַלץ שטאַר־קער האָט ער געליטן, וואָס ער וועט נישט קאָנען זיין פאַראייניקט מיט איר אויף דער אמתער וועלט... אין זיינע עקשנותדיקע פּרוון צו געווינען סאַראַס נשמה פאַר זיין רעליגיע האָט ער דאָך דערגרייכט דעם קליינעם נצחון, וואָס זי האָט אים דערלויבט צו בעטן פאַר איר.

זי האָט עס אָבער באַוויליקט שטעלנדיק אַ באַדינג, אַז זי פון איר זייט וועט בעטן דעם יידישן גאָט, אַז אַנסעלדאָ זאָל אָננעמען דעם יידישן גלויבן.

זי האָט געוואָלט ברענגען דעם אָביעקט פון איר ליבע צום יידישן

גלויבן. נישט אין דעם זין, אַז דאָס יידנטום זאָל געווינען, נאָר ווייל זי האָט אים פאַרגעטערט. זי האָט געגלויבט, אַז אַדורכרעדנדיק זיך מיט אים, וועט זי גיכער קומען צו אַ טאָלק און אים פאַרגעשלאָגן צו קומען קיין ווענעדיג. כדי צוצוגעבן מער וואָג איר פאַרבעטונג, האָט זי בייגע־לייגט איר פּאָרטרעט מיט אַ סאָנעט:

„אָט איז דער פּאָרטרעט פון דער, וואָס טראָגט
דיינעם, אויסגעהאַמערט אין איר האַרץ,
וואָס יעדער באַוועגונג דאַכט זיך זאָגט צו די וואָס
קוקן אויף איר: אַז דאָ טראָג איך מיין גאָט,
פאַרנויגט זיך פאַר אים״.

זיינע סענטימענטן האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ ליידנ־שאַפט — אַ פיקס־אידייע און ער איז אפילו איפּערזיכטיק געוואָרן אויף סאַראַ צוליב אירע אינטימע באַציאונגען מיט דער הויף־בירגערלעכער פאַמיליע באַסאַדאָנאַ. ער האָט איר געשריבן, אַז דער שכל אַליין דער־לויבט אים נישט איר איבערצוגעבן דעם עפעקט פון איר בילד. דער פאַרפייניקטער גלי פון זיינע ליבעגעפילן צו סאַראַ, האָט אין אָנבליק פון איר רייצנדיק בילד געפּרוּווט דורכברעכן זיין רעליגיעזן פאַנצער און ער קאָן נישטביישטיין דעם נסיון און מוז איר כאָטש זאָגן אָט וואָס:

— מיר קאָנען זיך צום ווייניקסטן פון דער מאָלעריי און כ׳ווייס נישט וועך פון אונדז האָט מער פרייד פון דעם דאָזיקן אויסטויש. פון מיין זייט קאָן איך אייך זאָגן, אַז ס׳איז פאַר מיר גאָרנישט גינסטיק אויף דער וועלט צו קאָנען אייער פּערסאָן; אויך נישט אייער בילד. איך דאַרף רו אין די לעצטע שעהן פון מיין לעבן און איר האָט מיך פון אַלע זייטן אַטאַקירט, אַז איך קאָן שוין פון אייערע הענט זיך נישט באַפרייען. מיינע געפילן באַהערשן מיך אין גאַנצן, אַז איך וועך טייל מאָל רויט אַנטקעגן אייער בילד. אַזוי ליבנדיק אייך און אַזוי ליידנדיק, ווייס איך נישט ווי אַזוי איך לעב נאָך. פון דעסט וועגן לעב איך און שרייב אייך אַזעלכע ליבע־בריוו, טראָץ דעם וואָס מיינע טעג זענען שוין ביים סוף״.

שפּעטער קומט אַ געדיכט:

„איר זענט אין דער שענסטער בליאונג פון אייער עלטער,
און אייערע באַקן טראָגן דעם גלאַנצשיין פון דער יוגנט.
איך בין שוין ביים סוף פון מיין לעבן,
און כ׳האָב נאָך דאָס פייער אין האַרצן,
ווען כ׳בין פאַרפלייצט שוין מיטן אייז פון טויט״.

ער האָט אָנגעווענדעט דעם דאָזיקן מאַנעווער, אַז זיינע טעג זענען געציילטע, כדי צוצואיילן איר צושטימונג צום שמד. ער האָט איר געוואָלט באַווייזן, אַז די ריינקייט פון זיין ליבע איז דער סובלימער איינפלוס פון קריסטנטום.

דער בריוו איז נישט געוואָרן אָפּגעענטפערט.

ער האָט פון איר שווייגן אַזוי געליטן, אַז ער האָט זיך געאיילט צוריק אָנצוקניפּן די באַציאונגען דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ פריינד, וואָס האָט זיך גערופן דזשיאַקאָמאָ ראָסאַ, ווען ער האָט אויך געבעטן מתפלל זיין פאַר סאַראַ.

פּלוצלונג האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון זיין געליבטער, אין וועלכן זי שרייבט אים, אַז זי האָט באַוויזן דורך דער צייט, קראַנק צו זיין און געזונט צו ווערן. דער בריוו האָט נישט אַנטהאַלטן קיין שום פאַרוואורף.

אינעם זעלבן יאָר 1622 האָבן אָנגעהויבן צירקולירן קלאַנגען, וואָס האָבן געצילט צו דיסקרעדיטירן סאַראַ סולאַם. מען האָט זי באַשולדיקט, אַז זי פאַרלאָזט דאָס יידנטום. אירע שטאַם־ברידער האַלטן זי פאַר אַן אָפּטריניקע. די דאָזיקע פאַלשע פאָרווורפן זענען געקומען פון אייפער־זיכטיקע מיילער פול מיט קנאה, ווייל סאַראַס הויכע קוואַליטעטן האָבן איבערגעשטיגן אַלע פרויען פון איר צייט: קריסטלעכע ווי יידישע. דערויף האָט איר געליבטער גייסטלעכער געשיקט אַ טרייסטבריוו:

„איר זאָגט מיר, אַז מען באַשמוצט אייך. צי האָט מען דען נישט אויך די שטערן באַשמוצט, זאָגנדיק, אַז זיי זענען נישט מער ווי פלעקן אויפן הימל; און דאָך זעען מיר זיי פינקלען מיטן זעלבן אָפּלויכט״.

סאַראַ האָט אָנגענומען די טרייסט־ווערטער און זיך באַמיט צו שטיין העכער פון די קנאה־קליינלעכקייטן. אָבער מען אַטאַקירט זי ווידער און אויף נאָך אַ געוואַגטערן אופן. אַ געוויסער באַלטהאַזאַר באַניפּאַסיאַ, טרעט אַרויס מיט אַ באַשולדיקונג־פּאַמפלעט, וואָס ער האָט געלאָזט אָפּדרוקן אין אַ בוך, אַז סאַראַ קאָפּיאַ־סולאַם פאַרלייקנט די דאָגמע פון אומשטערב־לעכקייט פון דער נשמה. די דאָזיקע שמוצשריפט, געוואָרפן אויף דער אומ־שולדיקער, צניעותדיקער סאַראַ, האָט זי טיף געקרענקט. טראָץ דעם, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו פאַרעפנטלעכן אירע ווערק, האָט זי אָבער באַשלאָסן דעם סקאַנדאַל נישט צו פאַרשווייגן — און צו געבן אַן ענטפער.

אין צוויי טעג האָט סאַראַ אָפּגעענטפערט אויף דער שמוציקער באַ־שולדיקונג פון באַלטהאַזאַר. מיט איר קורצן און קלוגן ענטפער, האָט זי נישט נאָר אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, נייערט צעשמעטערט די גאַנצע „קענ־טעניש" פון איר קעגנער, וואָס איז אַרויסגעקומען אין אַלעמענס אויגן ווי אַ טיפּש. סאַראַ שרייבט:

„דער טיטל פון אייער בוך — האָט מיר דערמאָנט אַ שטריך פון דעם בראַוון רוימער, וואָס זייענדיק אַליין פאַרבעטן אויסצוהערן אַ רעדע צום לויב פון הערקולעס, האָט ער אויסגערופן: „אַך! ווער דענקט דען שלעכט צו רעדן וועגן הערקולעס!".

זי פּאָלעמיזירט מיט וויץ און ווייסט אויסצונוצן די שוואַכע אַרגו־מענטן פון איר קעגנער.

באַניפּאַסיאַ האָט מיט אַ נאַאיוון זאַץ, וואָס האָט זיך ביי אים אַרויס־געכאַפּט צום סוף, נאָך בייגעשטייערט צו זיין דורכפאַל. ער רופט אויס פּאַטעטיש: „ס'איז גאַנץ אמת, אַז מען שטאַרבט, הלוואי וואָלט עס נאָר געווען אַ שפּיל!".

סאַראַ ענטפערט:

„איר, וואָס האַלט אַזוי פון אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה! עד! סעניאָר באַניפּאַסיאַ, אין וואָס פאַראַ שפּיל שפּילן מיר. צי גלויבט איר פעסט אין דעם, וואָס איר פּריידיקט, אָדער גלויבט איר נישט? אויב די

נשמה געווינט, ווען זי באַפרייט זיך פון קערפּער, ווי איר פאַרזיכערט עס אַזוי גוט, און וואָס דאָס איז גאַנץ זיכער, אפילו אָן אייערע באַווייזן, פאַר וואָס זשע האָט איר אַזוי ליב דעם צושטאַנד פון ליידן אויף דער ערד, אַנשטאָט דעם ווייל, וואָס איר איז צוגעזאָגט? פון וואַנען קומט וואָס איר באַגערט בעסער די קעגנוואַרט פון לעבן, ווי דאָס לעבן אין דער ווייטער צוקונפט?".

„איך קאָן אייך נאָך מוחל זיין דאָס, וואָס איר זענט מיט דער געשיכטע פון יוסיפוס פלאַוויוס נישט באַקאַנט — איך קאָן אָבער אייך נישט מוחל זיין, דאָס, וואָס איר קענט נישט די עוואַנגעליע פון אייער אייגענעם גלויבן. ווען נישט, וואָלט איר זיך מיט אייער אָפּאַהנדלונג צוריקגעהאַלטן. ווייל עס שטייט אין הייליקן מתתיהו (קאַפּיטל 12), אַז די צדוקים, וועלכע לייקענען די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, צום קריסטנטום געהערן".

צו דעם דאָזיקן קלוגן ענטפער מיט איר שטעכנדיקער איראָניע, האָט סאַראַ נאָך צוגעגעבן אַ באַקאַנטמאַכונג־וואָרט דעם לייענער, וואָס גיט צו אַ סך חן און צניעות דער מערקווירדיקער פרוי און ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„לייענט עס צוליב איינפאַכן נייגער, די קורצע, אָבער נויטיקע אָפּאָ־לאָגיע. זייט ריכטער צווישן מיין באַשולדיקער און מיר, נעמט אין שוץ אַן אומשולדיקע, וואָס מען באַשמוצט, דערווייטערט דעם באַשמוצער פון אייער קעגנוואַרט און לעבט גליקלעך".

נישט נאָר די עדות פון די לייענער האָט זי באַדאַרפט אין איר קאַמף, וואָס זי האָט זיך פאַרגענומען. זי האָט אויך געוואָלט דערמאָנען איר פאָטער, וואָס האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צו דער דערציאונג פון איר גייסט און נשמה, און וואָס דער טויט האָט אים צוגעכאַפּט, איידער ער האָט נאָך געקענט געניסן פון דער פרוכט, וואָס ער האָט קולטיווירט. זי האָט געוואָלט, אַז איר קאַמף זאָל אָפּשלאָגן אין די הימלען און דערגיין צום אויער פון איר פאָטער, סימאָן סולאַם. ווייל איר קאַמף איז געווען צוליב אַ דאָגמע, אויף וועלכער איר האָפענונג האָט זיך געשטיצט, כדי

נאָכן טויט זיך צונויפצוקומען מיטן פּאָטער. און אָט פּאַראייניקט זי צו איר שניידנדיקן מאַניפעסט די רירנדיקע דעדיקאַציע:

„אָ, דו, וואָס האָסט מיך באַשאַפן אויף דער וועלט, אָ, מיין פּאָטער, וואָס איז געווען אַזוי צאַרט צו מיר. דו, וואָס האָסט זיך באַפרייט פון דיין שטערבלעכן פּאַנצער אויף צו פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די לעבע־דיקע גייסטער, מיט וועלכע דו וועסט הויזן אייביק.

„אָ, צו דיר, מיין טייערער, צו דיר אַדרעסיר איך דעם קליינעם גע־שאַנק. דו וועסט אוודאי קיין גרויסע פרייד נישט האָבן פון דעם קליינעם כבוד, וואָס וועט זיך צו מיין נאָמען פאַראייניקן. איך טרייסט דיך, וואָס דו האָסט נישט איבערגעלאָזט קיין זון, וואָס האָט געקאָנט געראָטן אין דיר. אויף דיר צו געבן אַ סימן פון טייערע דערמאָנונגען, וואָס איך האָב אין מיר אויפגעזאַמלט, פאַר דיין צאַרטקייט, וואָס דו האָסט געהאַט פאַר מיר, באַוויליק אַלזאָ, צו נעמען דעם שוואַכן אויסדרוק פון פּיליאַלער פּיעטעט, פון דער, וואָס איז דיר געווען אַזוי טייער, און אויב גאָט וועט מיר נאָך שענקען עטלעכע טעג פון געזונט און לעבן, וועל איך נאָך באַווייזן אַ ביסל דעם ווערט פון מיין נאָמען, כדי אונדזערע ביידנס נעמען זאָלן אין דער אייביקייט אַריין".

אויף צו קרוינען מיט כבוד דעם רעליגיעזן אַקט, האָט זי געשאַפן אַ ליד אין דער צום מיינסטן באַנוצטער פאָרעם פון יענער צייט, ד. ה. אין סאָנעט. דאָס איז געווען אַ געבעט זיך צו דערהויבן ביז צו גאָט. מיטן פאָרשטעל פון איר פאָטערס בילד און דעם געבעט צו גאָט פון אסתר, וועלכער איז אויך געווען אַנסעלדאָס גאָט, הויבט סאַראַ אָן איר קאָמפּגעדיכט:

„סעניאָר, דו, וואָס זעסט מיין האַרץ ברענען אַנטקעגן דיר, ווי אַ קרבן און וואָס ווייסט, אַז ס'איז נישט דער פאַרלאַנג פון אַ דינעם כבוד, וואָס מאַכט מיינע תפילות און מיינע טרערן אויסגיסן פאַר דיר. ווענד צו מיר דיין בליק און זע דאָס געמיינע פּנים, וואָס די קנאה שטעלט אַרויס קעגן מיר, רייס אַראָפּ דעם דיקן פאַרהאַנג, וואָס פאַרבלענדט זייער גע־דאַנק, אַז דער שלעכטער זאָל זיך נישט גרויסן און באַשמוצן דעם אמת".

„איך ווייס, אַז כ׳בין נישט ווערט דיין חסד; אָבער די נשמה, וואָס דו האָסט געפאָרעמט לויט דיינער, וועסטו איר נישט וועלן זיין אַ שוץ־פאַנצער?״

„קער אָפּ די ליגנס פון אַ געמיינער צונג און באַווייז די, וועלכע באַ־שמוצן מיך, אַז דו ביסט דער שטאַרקסטער אָנשפּאַר פאַר די, וועלכע גלויבן אין דיר״.

דער שרייבער א. פּ. ריאָ שטעלט די פראַגע: „צי האָט זיך טאַקע סאַראַ סולאַם געשמדט?״

קיינער קאָן דאָס נישט באַווייזן. לויט דעם גאַנצן בריוו־אויסטויש, קאָן מען ציען אַן אויספיר, אַז סאַראַ סולאַם קאָפּיאַ איז אין דער טיף פון רענעסאַנס געווען דער פּראָטאָטיפּ פון צניעות; איז געבליבן טריי איר גלויבן און איז ווערט מען זאָל איר נאָמען דערמאָנען צום לויב, צווישן די אינטערעסאַנטע פיגורן פון יידישע פרויען־דיכטערינס פון 17־טן יאָרהונדערט.

.II

גליקל האַמיל — די פּראָזאַאיקערין

דאָס 18־טע יאָרהונדערט האָט אונדז אונטערגעטראָגן אַ הויכגע־שעצטע מתּנה: אַ פרוי, וועלכע איז אומבאַוווּסטזיניק געווען אַ שרייבערין און וועמען די ליטעראַטור־היסטאָריקער האָבן שפּעטער דערשאַצט און אפילו קאַנאָניזירט ווי אַ פּראָזאַאיקערין פון אַ בכבודיקן קאַליבער. די פּראָזע־קינסטלערין, וועמענס פיגור עס לאָקט נאָך היינט ליטעראַטור־פאָרשער און ביבליאָגראַפן איז געווען — גליקל האַמיל (1645 — 1724).

זי האָט חתונה געהאַט ביי צוועלף יאָר מיט חיים פון האַמעלן און געבוירן צוועלף קינדער. די קינדער, וועלכע זי האָט חתונה געמאַכט, האָבן איר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט פאַרשיידענע מענטשן, שטעט און לענדער. זי האָט די אַלע דערפאַרונגען און באַקאַנט־שאַפטן שפּעטער אויסגענוצט אין אירע זכרונות. זי האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט אַ געוואַלדיקן זכרון. די סיבה פון נעמען זיך צו דער פעדער צו פאַרצייכענען אירע זכרונות, איז געווען — אַ טראַגישער איבערברוך אין איר געוויינטלעך רואיק־איינגעשטעלטן משפּחה־לעבן. דאָס איז געווען: דער טויט פון איר מאַן.

זי הייבט אָן ליידן פון שלאָפלאָזיקייט און ווערט אָפּט באַהערשט פון אַ מעלאַנכאָליע. כּדי צו פאַרטרייבן די וואַכע, פיינלעכע נעכט, נעמט זי זיך שרייבן זכרונות. די שאַפערישע נעכט רייסט זי איבער, ווען זי האָט צום צווייטן מאָל חתונה מיטן באַנקיר הערץ לוי פון מעץ. לאַנגע יאָרן האָט זי נישט דערלאָזט צו זיך אפילו דעם געדאַנק פון חתונה האָבן אַ צווייט מאָל, ביז זי לאָזט זיך צום סוף איבעררעדן. זי פאַרענטפערט זיך דערמיט, אַז זי טוט עס אויס מורא, כּדי אויף דער עלטער נישט פאַלן צו לאַסט אירע קינדער.

דער גורל האָט זיך אָבער ציניש אויסגעלאַכט פון גליקל האַמיל׳ס פּראַקטישן אויפקלערן איר צווייטע מאָל חתונה האָבן. צוליבן באַנקראָט פון איר מאַן ווערן זיי פאַראָרעמט און אין גיכן ווערט זי צום צווייטן מאָל אַן אלמנה.

ווידער אַליין, נעמט זי זיך צוריק צו אירע זכרונות און שאַפט זיבן בענד פּראָזע. זי איז געווען אַ מאָראַל־פּריידיקערין און זי באַשרייבט

שפּעטער מיט חרטה איר צווייטע חתונה; זי רעדט צו אירע קינדער, אין אַ פּרומען מוסר־טאָן, אַז אַ מענטש קאָן זיך מיט גאָרנישט באַוואָרענען, ווייל אונדזער לעבן ווערט אָנגעפירט פון אַ העכערער מאַכט...

אין דער שטודיע איבער גליקל האַמיל, שרייבט נ. ב. מינקאָוו, אַז די אַלע מעשיות, וואָס זענען אַריינגעפלאָכטן אין אירע זכרונות (מעשיות אויך פון אַ פרעמדן מקור), באַקומען אַ תיקון אין איר באַשרייבונג און דינען הויפּטזאַכלעך דעם ציל פון מאָראַל. דער אומבאַוווסטזיניקער כוח זיך אויסצולעבן אין שריפט, האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר אין אירע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, נייערט אין איבערדערציילן מעשיות. אַזוי האָט זי גלייכצייטיק באַפרידיקט איר שרייבערישן אינסטינקט.

ווען די מחברין האָט געשריבן איר ווערק האָט זי באַמערקט אין אירע שורות, אַז זי טוט דאָס נישט, כדי זיך אַרויסצושטעלן צוליב אַמ־ביציעס, אָדער מאַכן אַ מוסר־ספר; זי שרייבט דאָס בלויז פאַר די קינדער און כדי צו פאַרטרייבן די מאַליקולע (מעלאַנכאָליע). די קינדער שיקט זי אָפּ לערנען זיך לעבן צו אַנדערע מוסר־ספרים.

זי אַליין איז גאָר קיין מבין נישט געווען אויף וויפל די זיבן בענד זכרונות זענען אָנגעפּיקעוועט מיט מוסר־רייד דורך משלים אָדער אויטענ־טישע פאַלן, פון וועלכע זי ציט אַרויס אַ פרומען מוסר־השכל. זי האָט געגלויבט, אַז איר בוך וועט זיין נאָר אַ ירושה פאַר די קינדער און קינדס־קינדער. זי ברענגט צום אויסדרוק די פּערזענלעכע און משפּחה־דערפאַ־רונגען און צום סוף פון איר דערציילונג מאַכט זי אַ פרומע ווענדונג צו אירע קינדער מיט מוסר־רייד צו באַהערשן די אינסטינקטן און צו קאָנ־טראָלירן די מעשים.

אין אַלע אירע שילדערונגען פון געשעענישן, מעשיות און סיטואַציעס געפינען מיר נישט סתם אַן אַבסטראַקטע דידאַקטיק פון אַ טיף רעליגיעזער נשמה, נאָר אויך ביישפילן פון מענטשלעכער דערפאַרונג.

אין פינפטן בוך, זייט 203, דערציילט זי וואָס עס האָט זיך מיט איר און מיט דער משפּחה געטראָפן נאָך איר מאַנס טויט. נאָך די שלושים איז קיינער צו איר נישט געקומען פרעגן, וואָס זי האָט בדעה צו טאָן.

טאָמער האָט זי בעת די שלושים יאָ עמעצן באַגעגנט, האָט מען איר גע־האַלטן אין איין געבן עצות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום ווערט. „אפּוטרופּסות האָט בעלי זצ״ל ניט וואָלין זעטצין" (אפּוטרופּסות האָט מיין מאַן זצ״ל נישט געוואָלט באַשטימען), איז נאָך די שלושים האָט זי איבערגעקוקט אַלע ביכער און זי האָט אויסגעפונען, אַז זי וועט דאַרפן אויסצאָלן חובות אין סכום פון צוואַנציק טויזנט רייכסטאָלער. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט דאָס אַלץ קאָנען באַווייזן, הגם זי האָט דעמאָלט נישט געהאַט מער ווי הונדערט טאָלער מזומן.

אָבער ברענגען אַלץ אין אָרדענונג, דורכפירן אַן אויספאַרקויף פון אַלע סחורות — דאָס איז געווען גאָר אַ שווערע זאַך דורכצופירן. אמת, אירע צוויי זין, נתן און מרדכי, זענען איר געקומען צו הילף. אָבער זיי זענען נאָך יונג געווען. האָט די אלמנה, באַלאָדן מיט יתומים, געמוזט דאָס אַלץ אויסטראָגן אויף אירע אייגענע פּלייצעס. זי שרייבט וועגן דעם אָט וואָס:

„נון, מיינע ליבע קינדער, זאָלן לעבן, האָט איר געלייענט ווי אייער ליבער, פרומער פאָטער זצ״ל האָט אָפּשייד גענומען פון דער דאָזיקער וועלט, אייער פאָטער, אייער פריינד. נון, ליבע קינדער, געדענקט, יעדער איינער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף זיך אַליין, ווייל איר האָט קיין מענטשן נישט, קיין פריינד, אויף וועמען איר קאָנט זיך פאַרלאָזן. און אויב איר זאָלט שוין האָבן אַ סך פריינד, איז ווי נאָר איר וועט זיי חס ושלום דאַרפן האָבן אין אייער נויט, קאָנט איר זיך דאָך אויף קיין שום פריינד נישט פאַרלאָזן".

אַלע אירע באַשריבענע געשעענישן זענען באַגלייט מיט משלים, וואָס דינען ווי בילדער צו איר געדאַנק און וואָס ווערן שפּעטער פאַר־ענדיקט מיט רעליגיעזע מוסר־רייד פון דער תורה, ווייל דאָס איז אונדזער איינציקע רעטונג — און זי ברענגט גלייך אַ מעשה מיט אַ שיף אויפן ים. איינער פון די ים־פאָרער האָט זיך צו פיל אַריבערגעבויגן איבערן ראַנד פון שיף און איז אַריינגעפאַלן אין ים. דער שיפער האָט אים צוגע־וואָרפן אַ שטריק און אים געהייסן זיך האַלטן פעסט אין דעם שטריק. און נאָך דעם משל גייט זי גלייך איבער צו מוסר:

„אַלזאָ, מיר זינדיקע מענטשן זענען אין דער וועלט פּונקט ווי מיר וואָלטן אין ים געשוווּמען. מיר ווייסן נישט קיין אויגנבליק אויף זיכער, צי מיר וועלן נישט דערטרונקען ווערן. אָבער גאָט דער אַלמעכטיקער האָט אונדז באַשאַפן מיט חסד און רחמים, מיר זאָלן זיין אין גאַנצן אָן זינד. אָבער מחמת אדם הראשונס זינד, איז דער יצר הרע, פאַר אונדזערע גרויסע זינד געוואָרן שטאַרק איבער אונדז. אָבער אונדז, מענטשן, איז די ברירה געגעבן געוואָרן, אַז מיר זאָלן טאָן בייז, חס ושלום, אָדער גוטס.״

ווען זי דערציילט, למשל, וועגן דער באַציאונג פון עלטערן צו קינדער, און פאַרקערט, ברענגט זי די מעשה וועגן דעם פויגל, וואָס האָט געהאַלטן אין אַריבערנעמען זיינע אומבאַהאָלפענע קינדערלעך אויף דעם צווייטן ברעג ים. די ערשטע צוויי פייגעלעך בעטן זיך ביים פאָטער, ער זאָל זיי בשלום אַריבערנעמען אויפן צווייטן ברעג און זיי וועלן אים אָפּצאָלן מיט גוטן אויף דער עלטער. דער פאָטער־פויגל האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין ים, ווייל זיי האָבן געזאָגט ליגן. דאָס דריטע פייגעלע האָט ער אַריבערגעפירט בשלום, ווייל עס האָט געזאָגט דעם פאָטער, אַז עס וועט אים אויף דער עלטער נישט קענען העלפן, עס וועט מוזן העלפן זיינע אייגענע קינדער.

און זי פאַרענדיקט די מעשה מיט אַן אויסגעפּרוּווטן אמת:

„דערפון זעט מען, אַז גאָט האָט דעם אָן שכלדיקן, אומפאַרנונפטיקן פויגל איינגעגעבן אַז אירע יונגיטשקע וועט זי דערציען; און מען זעט (דערפון) אויך וואָס פאַראַ אונטערשייד עס איז, ווי עלטערן באַמיען זיך וועגן זייערע קינדער און דערציען זיי מיט גרויס זאָרג.

„אָבער די קינדער וואָלטן געהאַט אַזוי פיל צרות און זאָרג פון זייערע עלטערן, ווי גיך זיי וואָלטן דערפון מיד געוואָרן״.

צוויי שטריכן זענען בולט אין גליקלס שאַפן: דער עלעמענט פון מאָראַל און פון נאַראַציע. זי אונטערשיידט זיך פון אַנדערע שרייבער דערמיט, וואָס זיי האָבן זייערע טאַלאַנטן אויסגענוצט פאַר אַ לירישער תחינה־פּראָזע, דאַקעגן ביי גליקל האַמיל דרינגט אַרויס די מאָראַל פון דער דערציילונג גופא. נאָר דאָרט, ווו זי גייט אין גאַנצן אַרויס פון די

ראַמען פון אַ מאָראַל־פּריידיקערין, דאָרט אַנטפּלעקט זיך איר ריין בעלע־טריסטישער כוח.

אָן אָנגעלייענטע אין דער רעליגיעזער און וועלטלעכער ליטעראַטור, דערציילט זי ריטערלעכע מעשיות, ווי די דערציילונג פון אמנון און תמר. דעם דאָזיקן סיפּור פּאַראַפראַזירט זי אין אָן אייגענעם נוסח.

לויט נ. ב. מינקאָוו, זאָל זי דאָס נישט האָבן גענומען דירעקט פון תנ״ך. ער שרייבט:

„אויף דעם ווייזן אָן נישט נאָר די פּאַרביטענע נעמען, נאָר אויך אַ וויכטיקער עפּיזאָד אין „שמואל״ ב׳ י״ג. דאָרט שטייט בפירוש: „ויהי לשנתים ימים גוזזים לאבשלום״ (און עס איז געווען אין צוויי יאָר אַרום, האָט מען געשוירן אבשלומען). מרת גליקל שרייבט נישט „מען האָט געשוירן ביי אבשלומען״. זי שרייבט, ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר די ריטער־ראָמאַנען: „נון, עש איזט איין צייט לנג דער נאָך גיוועזין דאַש דער אבדון איין גרושי יאָגד אָן גישטעלט״ אַ יאַגד און נישט קיין שערונג.

זי דערציילט אויך די מעשה מיטן קעניג קרעזוס פון לידיע, (קליין אַזיע), באַרימט דורך זיין רייכקייט, וועלכע ער האָט באַקומען דורך די אָפּזאַצן פונעם פלוס פּאַקטאָל, וואָס האָט אים צוגעשטעלט גאָלדענע פליטערס.

(עס דערציילט זיך אַ פאַבל, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפט פון דער גאָל־דענער שוים פון פּאַקטאָל, האָט זיך גענומען דערפון, וואָס דער קעניג מידאַס, אַ גרויסער ליבאָהבער פון גאָלד, האָט זיך אַזוי לאַנג געווונטשן, אַז צו וואָס ער וועט זיך צורירן, זאָל ווערן גאָלד, ביז ער אַליין איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ ברילע גאָלד... דער דאָזיקער קעניג, דערציילט די פאַבל, זאָל האָבן זיך געבאָדן אינעם דאָזיקן טייך און מיט זיין גאָל־דענעם חומר רייך געמאַכט דאָס וואַסער).

איין מאָל, ווען קרעזוס האָט זיך גערימט מיט זיין גליק פון רייכטום, פאַר זיין ראַטגעבער, דעם פילאָסאָף סאָלאָן, האָט דער פילאָסאָף אים געענטפערט, אַז קיינער איז נישט פאַרזיכערט מיט זיין גליק ביזן סוף פון זיין לעבן.

שפּעטער, ווען קרעזוס איז פונעם מלך כורש געוואָרן באַזיגט, גע־נומען אין תפיסה און פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן אויפן שייטער־הויפן, האָט ער זיך דערמאָנט אינעם קלוגן סאָלאָנס ווערטער: „אַז קיינער איז נישט פאַרזיכערט מיט זיין גליק ביזן סוף פון זיין לעבן" און דאָס דריי מאָל איבערגעחזרט. דער קעניג כורש, דערוויסנדיק זיך די סיבה פון די דאָזיקע אויסרופן אינעם קריטישסטן מאָמענט פונעם פאַרמשפּטנס לעבן, האָט אים אויס רחמנות באַפרייט — און אים נאָך אַריינגענומען צווישן זיינע ראַטגעבער.

נ. ב. מינקאָוו שרייבט, אַז גליקל האַמיל קאָן מען פאַרגלייכן צו דער פראַנצייזישער שריפטשטעלערין, מאַדאַם דע סעוויניע. דער פונדאַמענ־טאַלער צושטייער צו איר טאַלאַנט איז אויך איר זכרון. דאָס האָט איר טאַקע דערלויבט אויפזאַמלען די קערנער צו איר שפּעטערדיקער מי. אַ טייל פון אירע שאַפונגען זענען ווי פלאַנצן מיט אַ רעפּראָדוקציע־אָרגאַן, וועלכע דאַרפן אויפגענומען ווערן פון אַ פּרוכטבאַרן, קולטיווירטן באָדן און אַ קינסטלערישער פּעדער. ווייל פון איר רייכער שריפט־ירושה קאָנען ערשט געשאַפן ווערן הויכע, ליטעראַרישע און געשיכטלעכע ווערטן.

גליקל האַמילס ווערק איז אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער זכרונות־ליטעראַטור נישט נאָר ביי דער פרוי, נייערט אין דער ליטעראַטור ביי יידן בכלל.

**
*

דאָס געשיכטלעכע ווערק פון מרת גליקל האַמיל האָט וואָרט ביי וואָרט איבערגעשריבן אַ יינגערע קרובה. די האַנטשריפט איז אויפגעהיט אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק.

.III

נייע צייטן — נייע טענער

אין 19־טן יאָרהונדערט הייבט זיך שוין אָן צו רעוואָלטירן אין דער דיכטונג דאָס געפיל פאַר גלייכבאַרעכטיקונג. אַ דראַנג נאָך סאָציאַלע מאָטיוון ווערט אויסגעדריקט דרייסט און קעמפעריש אין דעם ליד „תחית המתים" פון אַננאַ ראַפּאַפּאָרט:

„עס הויבט זיך און הויבט זיך אַלץ העכער און העכער
דער רוקן פון אונדזערע ברידער,
און גלייכער און שטאַרקער און שטראָמער אַלץ ווערן
דעם יידנס צעבראָכענע גלידער".

ביי די מיטצייטלער זענען אויך רעליגיעזע מאָטיוון נישט געווען אויסגעשלאָסן פון דער ליטעראַטור, נייערט איינגעפלאָכטן אין נאַטור־לידער.

אַזוי שרייבט זעלדע קניזשניק אין איר האַרבסט־ליד „כפרות":

„עס רוקט זיך נענטער אָן דער אָסיען,
פאַריאָמערט שטייט דער וואַלד,
דער ווינט אין לאָדן קלאַפּט און וועקט
כפרות שלאָגן באַלד.

די עופות נעבעך טרייסלען זיך,
דער חלף איז שוין גרייט,
אין גאַס גייט שוין דער שוחט אום,
דער מלאך פון דעם טויט"...

ביז צו דער השכלה־עפּאָכע האָט נאָך די פרוי געשפּילט אַ מינדער־ווערטיקע ראָלע אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ערשט אין דער ווייטער־

דיקער תקופה, ווען עס ווערט פאַרוועלטלעכט דאָס יידישע לעבן, הייבט אָן די פרוי זיך אַדורכברעכן פון אַלע פאַרבאָטן און געניסן פון דער עמאַנציפּאַציע און פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. זי איז אויך פאַר־טראָטן אויף אַלע געביטן פון שאַפן. די פרוי באַווייזט זיך אויף דער בינע, וווּ ביז איצט האָבן די פרויען־ראָלעס געשפּילט מענער. כדאי צו דערמאָנען אַז די ראָלע פון דער באָבע יאַכנע פון גאָלדפאַדען און געוויסע אַנדערע ווערן נאָך ביז היינט צו טאָג אויסגעפירט פון מענער.

פאַרשטענדלעך, אַז די וועלטלעכע יידישע פרוי האָט לייכטמוטיק און מיט וואַרעמקייט אויפגענומען די דאָזיקע עוואָלוציע פון דער פרוי. איר לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פריידיק באַנייען. דער דאָזיקער פאַקטאָר האָט צעטרייסלט די רעליגיעזע פאַרבאָטן און אָפּגעמעקט די פאַרצייטיקע שאַפערינס פון תחינות און די מוסר־זאָגערינס.

פון דער תחינה־ליטעראַטור ביז דער מאָדערנער דיכטונג איז אַ ווייטער שפּרונג. די צאינה וראינה איז געווען אַ מאַסן־ליטעראַטור. די שפּעטערע דיכטונג איז געוואָרן אַ לייענשטאָף פאַר יחידים.

די ערשטע אַריינצופירן עראָטיק אין דער פּאָעזיע זענען געווען די דיכטערינס: פּאַאולאַ ר. יאַקובאָוויטש, שרה רייזען און אַנדערע. כאָטש זייערע אינדיווידועלע שטימונגען ליגן נאָך ערגעץ טיף פאַרטייעט, רייסט זיך שוין אַרויס אַן אינטימע נאָטע.

אָט איז אַ פּערל פון פּאַאולאַ ר. יאַקובאָוויטש מיט אַ פּערפעקטן גראַם, אין וועלכן זי שטאָלצירט מיט אַ זיגערישער באַפרידיקונג:

„כ'האָב אויפגעריסן ס'ריגעלע
פון טאַטע־מאַמעס טיר,
און לייכט ווי אויף אַ פליגעלע
אַרויס אין פעלד צו דיר".

פּאַאולאַ ר. פּסעוודאָנים פון פּערל פּרילוצקי, דערשיינט אין דער דיכטערישער וועלט אין 1906. זי קומט פון אַן אַסימילירטער היים. זי האָט באַקומען גימנאַזיע־בילדונג און געלערנט מוזיק אין וואַרשעווער

קאָנסערוואַטאָריע. זי האָט אָנגעהויבן שרייבן אין פּויליש. שפּעטער, אונטער דער ווירקונג פון איר מאַן, נח פּרילוצקי, גייט זי אַריבער צו יידיש. זי שאַפט אין פאַרשידענע פאָרמען, לידער און דראַמאַטישע פּראָזע. אירע טעאַטער־פּיעסן ווערן געשפּילט אין וואַרשע, פּעטערבורג און ניו־יאָרק. אירס אַ דראַמע „די ירושה״ איז אויפגעפירט געוואָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג. אין אירע ווערק געפינען מיר אַן אידעאַלאָגישע אָפּשפּיגלונג פון לעבן. זי שילדערט אין דער דראַמע די מאָדערנע פרוי, אירע צוזאַמענשטויסן און דראַמאַטישע קאָנפליקטן. אָט ווי אַזוי פאַאולאַ ר. זעצט איבער אירע אינטימע געפילן אין אַ ליד:

„קום צו מיר אין חדרל,
וועסט נישט זשאַלעווען, מיין קינד,
ריין וועסטו אַריינקומען
און אַרויסגיין אַן אַ זינד...

ליכטיק איז מיין חדרל,
בלימעלעך וואַקסן ביי דער טיר,
וועסט זיך זעצן אויף דער שוועל
און איך נאָענט נעבן דיר...

אין אַ דעמבן קעסטעלע
ליגט ביי מיר אַ פידעלע —
כ'וועל אויף אים, מיין טייבעלע,
שפּילן דיר אַ לידעלע...

קינדיש, נאַאיוו קלינגען די שורות פון פאַאולאַ ר. פון וועלכע מען דרינגט נאָך אַרויס די אַלטע פאַראורטיילן, ווי פאַרברענגען מיט אַ מאַן איז געווען אַ זינד.

⁂

די דיכטערין פראַדל שטאָק, וועמענס לידער מיר לייענען ביי היינט צו טאָג אין פאַרשידענע צייטשריפטן, האָט אויסגענוצט די פאָרעם פון

סאָנעט. אָט איז אַ מאָדעל מיט פיין דורכגעפילטע פערזן, אַ ליד, וואָס פאַרמאָגט אויסדרוק און טעכנישע גאַנצקייט:

„דו טראָגסט דאָס האַרץ אין דיינע שטילע אויגן
באַשטענדיק אום — און זאָלסט דערמאָנען מיך
און מיין שווערע זינד, וואָס שטראָפן דיך,
און האָבן שוין דיין שטאָלצן קאָפּ געבויגן.

צי בין איך ווערט דען דיינע שטילע אויגן?
מיין זעל איז אַזוי הונגעריק נאָך זינד,
און ס'וועט ניט איינער נאָך, ווי דו אַצינד,
אַרומגיין מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן.

און דו וועסט טיף אין דיר דעם צער באַהאַלטן,
און שווייגן שטיל און איידל זיין און גוט,
ביז ס'וועט נעמען אויסטריקענען דאָס גאַנצע בלוט.

און נעמען וויאַנען אינעם האַרץ, דעם קאַלטן —
דו איוב מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
צי בין איך ווערט דיינע שטילע אויגן?"

***

אין דער זעלבער עפּאָכע, אין 1912, באַגעגענען מיר די דיכטערין מרים שמ"ר צונזער, די טאָכטער פון ראָמאַניסט שמ"ר. זי איז געבוירן אין אָדעס און דעביוטירט אין „דאָס נייע לאַנד", אין ניו־יאָרק. אין יענער צייט כאַפּן זיך נאָך אַריין געוויסע דייטשמעריזמען אין דער ליטעראַטור, ווי: זעל, פריידע, א. א. וו. שמ"ר־צונזער שרייבט:

„עס ציטערט מיט פריידע דער לעבן דער נייער,
אין בוזים פון מינדסטן קערן, וואָס שטרעבט
צו גאָלדענע זונען; מיט שטילע געזאַנגען,
דער גייסט פון דער שעפּפונג זיין צויבער־נעץ וועבט".

פון דער זעלבער שרייבערין זענען פאַראַן זכרונות פון איר טאַטנס הויז, אין וועלכע זי דערמאָנט דעם דיכטער מאָריס ראָזענפעלד, וואָס פלעגט אַריינקומען צו איר פאָטער שמ״ר, דעם שונד־ראָמאַניסט (ווי מיר האָבן אים גע׳יידישט) און זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר די באַליידי־קונגען און שיקאַנעס, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון זיינע קאָלעגן, אַלס שניידער און פּאָעט.

אינעם ערשטן פערטל פון 20־טן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע שפּראָצן פון נייע פאָרמען אין דער פּאָעזיע. חנה גערסאָן־ראַבינאָוויטש מאַכט אַ פּרווו איבערצוגעשטאַלטיקן די אַלטע קלאַסישע פאָרעם, באַפרייען זיך פון דער מעכאַניזירטער קוזשניע פון דעם גראַם־ליד. אין דער אמתן איז אַ סך שווערער צו שרייבן אין אוניפאָרמע סטאַנצן־גראַמען. דער גראַם בינדט אָפט די פליגל, דעם אויסדרוק פון דער מעטאַפער. דאַקעגן דאָס ליד אין פרייען, אָדער ווייסן פערז, איז ווייניקער אויסגעשטעלט געשטרויכלט צו ווערן פון אַ באַנאַלן גראַם.

לידער מיט צופעליקע גראַמען שרייבט אויך שרה בוים אין איר ליד „מיינע אָרעמס״:

„מיינע אָרעמס עפענען זיך פאַרחלשטע,
עס רוט אויף זיי די ווייסע שעמעוודיקייט,
עס רוט אויף זיי דער פּחד פון די זינד.
פאַמעלעך קום צו מיר,

מיט לייכטע טריט.
זאָל דיינע טריט דער פּחד נישט דערהערן,
זאָלן דיינע טריט נישט אָפּשאַלן די זינד —
פאַמעלעך קום צו מיר...

די אָרעמס מיינע פלאַטערן פאַרשלאָסן און פאַרחלשט!״.

אין יאָר 1914 באַגעגענען מיר די פאָלקס־דיכטערין לאה ק. האָפמאַן. זי איז די ערשטע קינדער־דיכטערין. אָט איז אירס אַ סטראָפע פון אַ

קינדער־ליד, וואָס דריקט אויס דעם קלאַסן־קאַמף פון אַן אָרעם קינד, אַ שוכפוצער און וואָס רופט זיך: „אַ שוכפוצערס חלום״:

„אַ רייכער פּוצט זיינע שיך,
ביי קליינע יינגעלעך, ווי איך.
ער גייט אין שיך, וואָס זענען ניי,
און גייט דאָ קיינמאָל נישט פאַרביי.
ער פאָרט אין זיין אויטאָמאָביל,
און קויפט זיך אַלצדינג, וואָס ער וויל״ א. א. וו.

אַזוי זענען אָנגעלאָדן אירע שורות מיט אַ פּראָטעסט צו דעם רייכן יינגל, צום רייכן מאַן, „וואָס קויפט זיך אַלצדינג, וואָס ער וויל״, פון וועלכן עס קוואַלט אַרויס אַ קינדישער חן. קיין שום פאָרעם פון שאַפן האָט נישט אַזוי פיל שאַנסן אויפגענומען צו ווערן פונעם לייענער־פאָלק, ווי דאָס געביט פון דיכטונג וואָס דריקט אויס די שטרעבונג צו יושר.

די קוואַליטעט־שטריכן פון דער פּרויען־דיכטונג, איז אַ ספּעציפיש־ווייבלעכע ליריק, וואָס ציט זיך פון 16־טן ביזן 20־טן יאָרהונדערט. עס איז נישט קיין חסרון, וואָס פּרויען־דיכטונג דריקט אויס פּרויען־געמיט. פאַראַן פרויען, וואָס זוכן צו זיין מענלעך אין זייער שאַפן, נעמען זיך צו סיוזשעטן, וואָס ליגן נישט אין דער גרענעץ פון זייערע אויסדרוק־מעגלעכקייטן און ווערן דעריבער אָפט געשטרויכלט. עס איז שטענדיק בעסער צו קולטיווירן דאָס ווייבלעכע אין די פאָרמען, צו וועלכע די פעאיקייטן אַנטשיידן זיך צום בעסטן.

עס זענען אָבער דאָ פאַרקערטע פאַלן, ווו מענער קאָנען זיין ווייבלעך אין זייער שאַפן און קאָנען זיך אידענטיפיצירן מיט דער פּרויען־נשמה. אַזאַ פאַל פון אַ הערמאַפראָדיט אין דער ליטעראַטור איז געווען דער דיכטער און שרייבער א. ח. שעפּס, באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים א. אלמי. אין זיין בוך „מאָמענטן פון אַ לעבן״, דערציילט אלמי זייער קאָמישע אינצידענטן, וואָס האָבן אים גורם געווען זיינע פּילצאָליקע ווייבערישע פּסעוודאָנימען.

שוין אַלס מיטאַרבעטער אין וואַרשעווער „מאָמענט" און שפּעטער אין אַמעריקע, איז אים אויסגעקומען אויסצופילן אַ בכבודיקן טייל פון דער צייטונג. זייענדיק אַ פלינקער שרייבער, האָט ער טייל מאָל געגעבן מוסטערן פון פאַרשיידענע זשאַנערן, ווי צום ביישפּיל, אַ ליד, אַ פילאָ־סאָפיש אַרטיקל און אַ רעפּאָרטאַזש. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט פרויען־נעמען. (אגב, איז „אלמי" דער פּסעוודאָנים, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט ביז זיין טויט. „אלמי" איז באַשאַפן געוואָרן פון אלמא, אַ יוגנט־ליבע, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט רעאַליזירן. דאָס מיידל איז פאַר צרות געשטאָרבן און אלמי האָט דעם נאָמען באַ־שיינט און פאַראייביקט מיט זיין דיכטערישער פערזענלעכקייט).

אלמי האָט באַשטימט געקאָנט אַריינדרינגען אין דער פּסיכיק פון דער פרוי. ס׳קאָן זיין, אַז אויך זיין שטיפערישער כאַראַקטער האָט באַגינסטיקט די דאָזיקע נייגונג צו פרויען־נעמען, ווייל דער סוד, וואָס ער איז אונדז מגלה פון זיין יוגנט, באַשטעטיקט עס. א. אלמי האָט אין דער יוגנט אָנגעשריבן אַ ציקל לידער, אונטערן נאָמען: „מיידלשע געזאַנגען", וואָס האָבן זייער אויסגענומען ביי י. ל. פּרץ. דאָס איז געווען אין יאָר 1909. אַזוי ווי י. ל. פּרץ האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ זאַמל־בוך: „בוך און לעזער", האָט ער געוואָלט אַ טייל פון די מיידלשע גע־זאַנגען אַריינגעמען אין זיין זשורנאַל. ער האָט שוין אָבער געהאַט לידער פון א. אלמי אויפן נאָמען פון א. ח. שעפּס און מיט די לעצטע וואָלט שוין געווען צו פיל פונעם זעלבן פּאָעט; האָט אים פּרץ געראָטן אָוועק־שטעלן איבער די מיידלשע געזאַנגען אַ פרויען־נאָמען. דעמאָלט האָט ער געמאַכט אַ קאָמבינאַציע מיט צוויי נעמען פון זיינע באַקאַנטע און באַשאַפן זיך דעם נאָמען: אסתר זיידלער.

אַזוי ווי י. ל. פּרץ האָט צוליב אַ סכסוך מיטן פאַרלעגער זיך צוריק־געצויגן פון די זאַמלביכער, האָט א. אלמי פון דעסט וועגן דעם מיידלשן נאָמען שפּעטער אויסגענוצט.

אין דער אַנטאָלאָגיע פון יידישע דיכטערינס, פון ע. קאָרמאַן, האָט פּרצ׳ס איינפאַל און אלמי׳ס ווונטש באַקומען אַ תיקון. דאָרט האָט ער

זיך ענדלעך פּאַראַייביקט אַלס אַ פּאָעטעסע מיט אַ ליד, אונטערן פּרויען־נאָמען אסתּר זיידלער.

אין דער ליטעראַטור זענען אַוודאי דאָ ווייניקער פאַלן פון מענער, וואָס זאָלן וועלן און אויך קאָנען פיגורירן אַלס פרויען, ווי פאַרקערט... דער פאַל אלמי איז פאַר אונדז נישט קיין קלענערער כּבוד ווי פאַר אים אַ פאַרגעניגן צו זיין פאַראייביקט אַלס דיכטערין צווישן דיכטערינס.

אַ ליד פון א. אלמי, אונטער דעם פרויען־נאָמען אסתּר זיידלער:

„ווי אַ פויגעלע,
ווי אַ פויגעלע אין וואַלד,
ווי אַ בלום אין פעלד —
בין איך מיט מיין מיידלשאַפט
אויף דער גרויסער וועלט.

ווער עס ליבט אַ פויגעלע,
האַלט עס אין אַ שטייג.
ווער ס'האָט ליב אַ בלימעלע,
פליקט עס אָפּ פון צווייג".

**
*

נאָך אַ מוסטער פון ווייבלעכער דיכטונג פון ליבע בורשטין:

„וווּנדער,
איך ווייס ניט
פון וועמענס בליענדיקן גאָרטן
האָט זיך דער דופט צו מיר דערטראָגן,
און מיטאַמאָל, אַ בליענדיקער גאָרטן
בין איך אַליין געוואָרן,

ווי איטלעך גליד מיינס בליט,
און מיין איטלעך אָדערל
איז אַ זינגענדיקער קוואַל געוואָרן.

**
*

די דיכטערין אסתר שומיאַטשער זינגט אויס ווי אַ סך אַנדערע פּרויען, אירע אייגענע איבערלעבונגען זייער איידל, אָן אַ שום טריוויאַלן אויסקלאַנג.

אסתר שומיאַטשער האָט אויסגעוואַנדערט אַ וועלט. אין איר גרע־סערער לידער־זאַמלונג, וואָס רופט זיך „אין שעהן פון ליבשאַפט" (לויט איין ציקל פון דעם בוך), באַגעגענען מיר לידער אונטערגעצייכנט פון פאַרשיידענע אַדורכגעוואַנדערטע לענדער און שטעט. די דיכטערין פאַר־פעלט נישט אָפּצושפּיגלען די לאַנדשאַפט פון די ווייטע מרחקים און אַסימילירן אין זיך דעם קאָלאָריט פון יעדן לאַנד. ווען מיר לייענען איר בוך, ווייעט אויף אונדז אָן אַ ווייטע עקזאָטיק.

אָן אַנטוישטע אין דער פרעמד זינגט זי טייל מאָל:

„מיט פויגל געצויגן אין ווייטע מרחקים,
די האָגלען פאַרמיידן.
געקומען צום שוועל פון געזעטיקטן לאַגער,
געגרייט זיך האָבן שניטער צו שניידן.

געוויגט זיך די תבואה אַ זאַטע דערשטאַנען,
געשפּאַרט פון שייד האָט דער קאָרן,
מיט ליידיקן בין איך ביים שניטפעלד געשטאַנען —
און ס'האָט קיינער קיין זאַנג נישט פאַרלאָרן".

אין אַ צווייט ליד זינגט זי ווי אַ סטאָאיקער:

„אויסגעטון פון לעבן, מיט ווינט געטראָגן,
שטיין געלייגט צו קאָפּנס און געבענטשט זיין האַרטקייט,
אַ באַזעלטע אויפגענומען אַלע פּלאָגן,
און געזונגען לידער אייגענע גענאַרטקייט...".

אסתר שומיאַטשערס לידער זענען באַהויכט מיטן גלאַנץ פון לעבן — און ווי אומעטיק עס זאָל נישט זיין איר געמיט אין דער אָנרעגנדיקער

שאַפונג, זענען מערסטנס אירע לידער באַזוימט און באַהעלט מיט אַ דינעם וואָל פון פרייד. זי פאַרמאָגט טייל מאָל אַזאַ פריידיקע פאַטענץ, אַז זי פּרוווט אפילו אין אַ דיכטערישער ווייבלעכקייט פאַרוויגן אַ געוויטער.

אָט איז אירס אַ ליד: „הימאַלייען”, ווו זי ווייזט אונדז, און איבער־ציייגט אין דעם לעבעדיקן בילד, די פּערסאָניפיצירונג פון דער נאַטור:

„טאָג איז געקומען מיט שטרייט און מיט קריג,
געבראַכט צו מיין פענצטער אַ בייזן געוויטער,
איך קלייב גרינע ריטער צו פלעכטן אַ וויג,
פאַרוויגן דעם בייזן געוויטער.

הדסים און ווערבע און לולב געריסן,
ביי רואיקע וואַסערן און שטראָמיקע פליסן:
איך אייל מיך צו ריטלען און פלעכטן די ריטער
אַ וויג צו פאַרוויגן געוויטער.

געפלאָכטן די וויגן מיין שטורעם פאַרוויגן,
איז שטורעם אויך דרויסן געוואָרן אַנטשוויגן.
באַוואַכן מיין שוועל געשטעלט האָב איך היטער,
צו וויגן, פאַרוויגן געוויטער”.

אַזוי געוועלטיקט די דיכטערין איבער דער נאַטור און טרייסלט אויף אונדזער פאַנטאַזיע.

אסתר שומיאַטשער איז די פּרוי פון דראַמאַטורג פּרץ הירשביין. ס׳קאָן זיין, אַז דער קעגנזייטיקער איינפלוס פון דעם שרייבער־פּאָרל האָט געוואָרפן אַ גלאַנץ אויף אירע פּערלדיקע לידער פון איר בוך: „אין שעהן פון ליבשאַפט”.

***

נישט זייער באַקאַנט איז שפרה ווייס, אַ דיכטערין מיט פאַרטיפונג. זי מאַכט אָריגינעלע פאַרגלייכן און צווינגט אונדז זיך צו פאַרטראַכטן אין זיך און איבערטראַגן אין דער דיכטערינס וויזיע.

עטלעכע שורות פון אַ ליד אין ווייסן פערז „דורותדיקע בריק״:

אויסגוס פון שטאָלענע הערצער,
מיינע וואָרצלען געאייזנט אין אוראַלטע טיפן.
דורות האָבן זיך דורך מיר געבונדן און געשפּאָלטן.
ים־שטורעמס האָבן צו מיינע ברעגן פולע שיפן צוגעבראַכט,
געאַנקערט זיי אין מיינע אָרעמס.
אין מיין שויס קומען יונגע טויבן זיך פּאָרן,
מיט דער בענטשונג פון אויפגאַנג.

אפילו ווען די דיכטערין זאָל נישט האָבן קיין סך געשאַפן, האָט זי איר אָרט אין דער יידישער דיכטונג.

***

מרים אולינאָווער איז פאַררעכנט ווי איינע פון די באַטייטנדיקסטע יידישע דיכטערינס פון אונדזער צייט. זי איז אַ צאַרטע ראָמאַנטיקערין. אירע לידער עטעמען מיט פאָלקס־נאַאיווקייט און אַבערגלויבן. אין איר בוך „דער באָבעס אוצר״ קומט צום אויסדרוק איר טאָכטערשע ליבע צו די עלטערן, אין וועלכער עס זענען פאַרקערפּערט הן צניעות, הן איראָניע. פון מרים אולינאָווער זענען באַקאַנט צוויי ביכער: „דער באָבעס אוצר״ און „שבת״.

אין דער אַנטאָלאָגיע „דאָס ליד איז געבליבן״, געווידמעט די אומגעקומענע יידישע שרייבערס אינעם לעצטן חורבן אין פוילן איז מרים אולינאָווער פאַרטרעטן מיט אַ גרעסערער צאָל לידער. אַ מוסטער פון אַ צוויי סטראָפיק ליד:

„חלות פלעכטן

ווער עס פוילט זיך פלעכטן חלות,
פלעכטן וועט אַ גרויען צאָפּ.
יאָגט די באָבע צו דעם מולטער,
כאַפּ איך שטיל זיך פאַרן קאָפּ.

און דאָס געלע בעקער־מיידל,
חלות יעדן שבת — אַ בויד.
אָנגעפּלאָכטן אויסגעטאָקטע
און געבליבן אַן אַלטע מויד.״

ווי מיר זעען, קוקט אָפּער ביי איר דער לץ פון אונטער דעם פאַנצער פון אַבערגלויבן. טראָץ דעם, וואָס דאָס בעקער־מיידל פלעכט אָן יעדן שבת אַ פולע בויד, איז זי דאָך פאַרבליבן אַן אַלטע מויד.

מען וואַרפט פאָר מרים אולינאָווער הלמאי זי איז געבליבן שטעקן אינעם מיסטיציזם, אין דער לעגענדע, וואָס האָט געוואָרצלט אינעם פאָלק. די דיכטערין, ווייזט אויס, האָט איינפאַך געוואָלט נעמען דאָס מאַטעריאַל פון פאָלק, עס אָנוואַרעמען מיט איר דיכטערישן פונק און עס צוריקשיקן צו דער סינטעזע פון דער באַקאַנטער פאָלקסטימלעכער לעגענדע. מיט אויסערלעכע דערשיינונגען פון אָביעקטיוויזירן די אינעווייניקסטע דיכ־טערישע וועלט איז מרים אולינאָווער נישט ווייניקער אָריגינעל און אינטערעסאַנט אינעם גבול פון איר דיכטערישן אויסלעבן זיך. „דער באָבעס אוצר״ טראָגט טאַקע דעם איינהייטלעכן נאָמען פאַרן כאַראַקטער פון אירע לידער.

**
*

אויך פראַדל טשאַרני איז אַ דיכטערין מיט פאַרנעם. איר דיכטונג פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנטן ריטעם און פולן אינהאַלט. יעדעס ליד איז אַ מאָדעל פון דורכגעטראַכטקייט און פאַרטיפונג. איר פערז איז ריינע מוזיק, קורץ און פיל זאָגנדיק. לייענט מען אירס אַ פערז, ווירקט עס ווי אַ לאָקנדיקער געטראַנק, וואָס זי גיט בצימצום, ווי דורך אַ טראָפּן־מעסטער:

„ווי דאָס ווילדגראָז

ווי דאָס ווילדגראָז אויף זומפּיקע פלאַכן,
הענגט מיין לעבן פאַרחלשט, נישט נויטיק,

פלעג איך פוסטקייט פאַרזינגען, פאַרלאַכן —
פיל איך איצט עס מיט קלאָרקייט ביז ווייטיק.

לעבן ברעקל פאַרפלאַכט און מאַכט שפל
און פאַרוואַנדלט די פערל אין שטויבן;
ווערט דער עיקר פאַראומזינט ביז טפל
און דער טפל צום עיקר דערהויבן".

אַ גאַנצע פילאָסאָפיע איז דאָ אַריינגעפלאָכטן אינעם סתירותידקן שפּיל פון קלאַנגען.

***

איינע פון די באַטייטנדיקסטע דיכטערינס, שריפטשטעלערינס איז די עסייאיסטין גיטל מייזיל (די שוועסטער פון נחמן מייזיל, לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" און „יידישע קול־טור" אין אַמעריקע). גיטל מייזיל איז אַריבער פון דיכטונג אויף פּראָזע און איז מער באַקאַנט אַלס עסייאיסטין. פון דעסט וועגן וועלן מיר אין אונדזערע קליינע נאָטיצן, געווידמעט אַ טייל דיכטערינס, אונטערשטרייכן אין עטלעכע קורצע שורות דעם חותם פון געוואַגטער עראָטיק. מיר גע־פינען ביי איר אַ מאַקסימום פון סאַמע אינטימסטן אויסגעשריי פון אַ ליידנשאַפט צו אַ פּערזאָן. אירע פערזן זענען אַ שטייגנדיקער קוועקזילבער פון בענקשאַפט, וואָס דערמאָנען אין שיר־השירים:

„איך בענק אַזוי —
די הויט פון מיינע ביידע הענט
לעכצט נאָך דיין גלעט.
איך קאָן ניט מער!
איך שיק אַוועקטרייבן צו דיר דעם ווינט,
ער מוז טון אויפקאָכן אין דיר דאָס בלוט
און מאַכן גלוסטן דיך,
פּונקט ווי איך גלוסט,

הער!
הער, הער!
איך קאָן ניט, איך קאָן ניט מער!".

רבקה גאַלין

רבקה גאַלין איז געבוירן אין 1890 אין אַ ליטוויש שטעטל אין דער געגנט פון סלוצק. זייער יונג פאָרט זי קיין אַמעריקע, ווערט דאָרט קראַנק אויף טובערקולאָז און פאַרברענגט גרויסע טיילן פון איר לעבן אין סאַנאַטאָריעס. זי שטאַרבט אין 1935 אין בליענדיקן עלטער פון פינף און פערציק יאָר.

רבקה גאַלין האָט אָנגעהויבן שרייבן אין סאַנאַטאָריע באַהאַלטע־נערהייט. זי איז געווען פאַרפאַלגט פון אַ נישט געניוגנדיקער זעלבסט־זיכערקייט, אַזוי לאַנג, ביז זי באַקענט זיך מיטן שריפטשטעלער און לערער נח מישקאָווסקי, מיט וועמען זי האָט שפּעטער חתונה. ערשט אונטער דער דערמוטיקונג פון איר מאַן ווערט זי דרייסטער, הייבט אָן ערנסט צו אַרבעטן און ביז די קריטיקער רופן זיך נישט אָפּ מיט לויב פאַר איר טאַלאַנט, קאָן זי נישט אָפּשאַצן אירע אייגענע ליטעראַרישע כוחות.

זי דרוקט אירע קינדער־לידער אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויס־גאַבעס, ווי: „קינדער־וועלט", „קינדער זשורנאַל" און „גרינינקע ביימע־לעך". זי באַווייזט זיך אויך אין אויסגאַבעס פאַר דערוואַקסענע: אין דער „פרייע אַרבעטער־שטימע", אין דער „צוקונפט" א. אַנד.

אירע לידער ווערן אַ לערנשטאָף אין די כרעסטאָמאַטיעס און צו אַ טייל טעקסטן שאַפט מען מוזיק.

אין רבקה גאַלינס שאַפן קומט בולט אַרויס דער גייסט פון ראַסן־פאַרברידערונג, אילוסטרירט מיט אַ פאַרביקער מאָזאַאיק פון קינדער־לעבן. איר בוך „טייבעלעך" דער סכום פון איר שאַפן, איז געווידמעט איר זעקס יאָריק פאַרשטאָרבן קינד.

די דיכטערין באַזוכט אַפריקע, כינע, יאַפּאַן און אַנדערע לענדער. אירע קינדער־לידער איז אינספּירירט פון די אַלע פעלקער, איז אַ דאָמינירנ־דיקער שטריך אין איר שאַפן. מוטערלעך שטראָפט זי אין גראַמען דאָס ווייסע קינד, וואָס שטויסט פון זיך אָפּ דאָס שוואַרצע. דער דאָזיקער דעמאָקראַטישער זשעסט איז גלייכצייטיק אַ דערשיטירנדיקע קריטיק פאַר פעלקער מיט דער באַרבאַרישער הערעזיע איבער ראַסן־אויסגע־ווילטקייט און דערמאָנט אין פרץ'עס ליד „ברידער":

„ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, געלבע —
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען!".

דער זעלבער מאָטיוו הילכט אָפּ אין דער דיכטערינס צוויי־סטראָפיק ליד:

„קינדער

קינדערלעך אין אַפריקע,
קינדער אין יאַפּאַן;
וווּ עס זענען קינדערלעך,
דאָרט איז פרייד פאַראַן.

אַלע קליינע קינדערלעך
זענען קלוג און שיין.
שוואַרצינקע און ווייסינקע,
אַלע פול מיט חן".

און אין אַ צווייט ליד:

„אַ נעגערל

...נאָר פאַראַנען קינדער ווייסע,
זענען זיי אַזוי שלעכט און דום —
ווילן זיי מיט אים ניט שפּילן
און זיי קוקן אויף אים קרום.

און די אויסגעפּוצטע קינדער,
נאַרישע און שלעכט ביז גאָר,
לאַכן פון דעם נעגער־ייִנגל
מיט די קרייזלדיקע האָר".

אַזוי זינגט די דיכטערין און פירט אויס דערמיט אַ וויכטיקע שליחות פון אַ לערערין.

אויפן קראַנקנבעט האָט זי אויך געשריבן אַ רייע לידער פאַר דער־וואַקסענע. אַ קראַנקע, אין טויטגעפאַר, שפּילט זי זיך מיטן מלאך המות, און די לידער זענען נישט קיין דיכטערישער ווידוי, נייערט אַ פּרווו צו באַזיגן דעם טויט. דער טויט פאַרשעמט זיך, ווערט פאַמיליאַר, לייגט אַוועק די שווערד ביי דער שוועל און פאַרהיימישט, זינגט ער מיט איר דאָס ליד. זי איז זיכער, אַז די דאָאיקייט פון ליד נעמט זי מיט אין איר אייביק לעבן, ווייל זי זאָגט אין די ענדע־שורות פון איר לעצטן ליד — „ווייל איך וועל דאַן לעבן און זיין אַזוי לאַנג, ווי טרויער און פרייד און ווי ליד און געזאַנג".

אַזוי לייזט זיך ביסלעכווייז אויף די דיכטערין אינעם גייסט פונעם ליד, וואָס ברענט ווי אַ פאַקל אין דער אייביקייט, מיט פערזענלעכן צער און ליבע צום מענטש.

רבקה גאַלין האָט אין איר ליטעראַרישער ירושה, צווישן אירע לידער, אויך אַ ציקל דערציילונגען פון אַ גאָר פיינעם שניט.

פון די דיכטערינס, וואָס שאַפן היינט צו טאָג אין פּאַריז, זענען:
פּערל האַלטער, טאַניע זיסמאַן. און אין דער פראַנצויזישער שפּראַך שאַפן: רחל מינץ און אירענאַ קאַנפער.

דער צושטייער פון דער פרויען־דיכטונג, אָנהויבנדיק פון די אור־מוטערס, די פונדאַמענט־לייגערינס פון דער יידישער פרויען־ליטעראַטור, וואָס האָבן צוגעשטעלט אַזוי פיל ציגל צו דעם טורעם פון אונדזער דיכטונג און פּראָזע, וועט כסדר אויפאַקערן נייע שטחים און זוכן נייע פאָרמען אין דער ליטעראַטור.

ריקודה פּאָטאַש

זייענדיק אויף אַ באַזוך אין ישראל, האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו פאַרברענגען איניקע קורצע שעהען מיט דער דיכטערין. איך האָב זי געזען אַ באַוועגלעכע, אַ לויפנדיקע צו דער אַרבעט אין בצלאל־ביבליאָטעק. איך האָב זי געזען באַדינען איר אַלטן טאַטן און האָב זי אָבסערווירט אַלס מכניס־אורח. אינעם דאָזיקן קאַדער ווו איך האָב זי באַקענט, האָט זי אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ סאַלאָן־דאַמע. ביים ערשטן איינדרוק וועלכער איז ביי מיר פאַרבליבן האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר די דיכטערין.

ריקודה פּאָטאַש איז אַ מחברין פון פיר ביכער לידער: „ווינט אויף קלאַווישן", „פון קדרון־טאָל", „מולד איבער תמנע" און „לידער". איר בוך, „פון קדרון־טאָל" עפנט זיך מיט צוויי קליינע לידער און רירן גלייך אונדזער עסטעטישן דראַנג. אָט איז איינס ווי אַ מוסטער פון באַלעבן טויטע זאַכן:

„מיין אַלט ליד
ליגט מיטן פּנים
צו דער וואַנט
און וואַרט און וואַרט
אויף מיין דערבאַרעמדיקער האַנט".

די אַמאָליקע דיכטונג שיידט זיך אונטער פון דער מאָדערנער דערמיט, וואָס די אַמאָליקע דיכטערס האָבן באַדאַרפט האָבן עפּעס אַ ממשותדיק בילד אָדער איבערלעבונג, כדי צו קאָנען אין אים אַריינגיסן דעם תוך פונעם געפיל. די מאָדערנע דיכטונג שאַפט דאָס בילד מיטן אָנריך

פון וואָרט; מען פירט נאָר אַריבער דעם פידל־בויגן איבער זאַכן און זיי שפּילן, וויינען און לאַכן. ביי ריקודה פּאָטאַש איז דאָס ספּעציעל אונ־טערגעשטראָכן; אַלץ ווערט ביי איר מענטשיש, נישט נאָר אינעם פאַר־גלייך, נייערט אין זיין נאַטירלעכן מהות. לאָמיר זען ווי אין טויטע זאַכן צאַפּלט ביי איר אַ נשמה. אין אירס אַ ליד, וואָס רופט זיך: „איינ־זאַמער ניגון", זאָגט זי:

„אַ בוים ציט אויס זיין לאַנגגן האַלדז,
און בליקט מיט צוויי סענקענע אויגן — "

פאַראַן לידער ביי דער דיכטערין אין דער זאַמלונג: „פון קדרון־טאָל", וואָס גלאַנצן מיט קינדערשן חן און ווי פאַרפירט פון קינדישן „שדל", באַקומען מיר „אַ שניימענטש און אַ מויז".

ריקודהעס גאַנצער אַרט פון שאַפן איז באַלאַדנאַרטיק. נישט ווייניקער איז אַ באַלאַדע די פאַנטאַסטישע פּאָעמע: „דער פּעכער פון אַבו־בוק־טין", וואָס זי באַצייכנט נישט מיט „באַלאַדע", ווי „די גאָלדענע פּאַווע", וואָס זי באַצייכנט יאָ. אויך אַנדערע לידער פאַרמאָגן אַלע עלע־מענטן פון דער מאָדערנער באַלאַדע. דער דיכטערינס שאַפן איז צונויפ־געוואַקסן מיט דער נשמה פון איר אָרביט ווו זי באַוועגט זיך. מעגן טייל לידער אויסזען ווי איזאָלירט פונעם אַרום, זענען זיי ווי אָנגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט פון ישראל. די סאַמע שענסטע לידער פון איר בוך: „אין קדרון־טאָל", זענען אָן שום ספק די תנ"כישע: „פונעם טאַטנס חומשל" און די ישראל־לידער. אויפן פאָן פון דער היינטיקער ישראל־לאַנדשאַפט עפנט זי די פאַראַדנע טיר צום ווייטן, לעגענדאַרן רעטראָספּעקט פון אונדזערע אבות. די ביבלישע געשטאַלטן קומען אויף פון זייער יאָר־טויזנדיקן גליווער און באַוועגן זיך ווידער אונטער דער פּאָעטישער הויט, וואָס די דיכטערין האָט אויף זיי אַרויפגעצויגן. עס באַקומט דאָ אַ נייעם זין דעם נביא יחזקאלס וויזיע פון אויפלעבן די עצמות. ריקודה פּאָטאַש עפנט דעם טייל: „פונעם טאַטנס חומשל", מיט אַ בראשית־בילד און מיט „די לאַנדשאַפט און דער מענטש" און פירט אונדז ביסלעכווייז אַריין

אין דער תנ״ך־ספערע. זי איז באַשטימט נישט קיין עפּיגאָן פון מאַנגערס חומש־לידער. ריקודה איז אין אירע תנ״ך־מעשהלעך אייגנאַרטיק און צניעותדיק ווייבלעך. פּונקט אַזוי ווי אין אירע אַנדערע לידער אַזוי אויך אין אירע חומש־לידער גלאַנצט זי אין דער פאַנטאַסטישער פאָרעם. אָט זענען עטלעכע פערזן פונעם ליד „דער ים המלח״:

„דער ים המלח
דער מלך פון ים,
האָט איצט אַ בריוו געשריבן
מיט זאַלץ און קריסטאָלענע זעמדלעך״.

ריקודהעס תנ״כישע מעשהלעך, זענען ביז גאָר אָנגענעם צום לייענען: אַ טייל בעטן זיך ממש צו זיין רעציטירט אויף דער בינע. זי באַלויכט מיט געשיקטקייט דעם טונקעלן הינטערגרונט פון דער תנ״כישער צייט מיט אונדזער מנורה־עמבלעם. טראָץ דעם וואָס עס ליגט איבער דער צייט דער אַלטער שטויב פון נאַאיווקייט און פאָלקסטימלעכקייט, געפינען מיר אין יעדן ליד, איר אייגענעם פּאָעטישן רייץ. אין די ערשטע פיר שורות פון איר ליד: „אברהם אָבינו איז מבקר זיין ישמעאלן״, זינגט די דיכטערין:

„אין קדרון גייט אויף אַ שטערן
אין זיין האַנט זיבן גאָלדענע רערן!
ער קלאַפּט אין פענצטער ביי אברהם אָבינו
ווי אַ דינער וואָס דאַרף זיין האַר באַדינען...״.

אויך אין אירע רעגיאָנאַלע ירושלימער לידער, וואָס בלענדן מיט בערג־ און מזרח־דעקאָר, נעמען אָנטייל אונדזערע אָבות, וועלכע זיצן סאָליד אין דער ישראל־לאַנדשאַפט און באַוועגן זיך אין זייערע סאָציאַלע מעשים. אַ ביישפּיל: „מאה שערים״ (הונדערט טויערן) און אַנדערע. „חנה מיט די זיבן זין״ באַקומט ביי ריקודהען דעם אַקטועלן לבוש. זי ווערט דער סימבאָל פון דער ישראל־מאַמע, וואָס האָט ביי דער באַפרייאונגס־מלחמה צושטייער געגעבן אירע קינדער.

די ישראלדיקע לידער פאַרמאָכן זיך מיט צוויי קאָנטראַסט־שטימונגס־פולע חתונה־בילדער, וואָס לאָזן איבער אין געמיט אַ שטאַרקן אַקצענט פון אָריענטאַלישן טרויער און פרייד. „פון קדרון־טאָל״ ענדיקט זיך מיט אַ ציקל שבעה־לידער, געווידמעט ׳דער טאַטשקע פון אַשוויענטשים״.

ריקודה פּאָטאַש קאָן מען צואייגענען צו די דיכטערינס פון אַ נאַציאָ־נאַלן כאַראַקטער, וואָס האָט מיט איר שאַפן אַריינגעפלאָכטן נאָך אַ לאָר־בערבלאַט אין דער קרוין פון דער פרויען־דיכטונג.

**
*

די דיכטערין ריקודה פּאָטאַש איז געשטאָרבן דעם 10־טן מאַי, 1965. נאָכן טויט האָבן אירע פריינד אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון אירע דערציי־לונגען: „אין געסלעך פון ירושלים״.

יעדע אָפּהאַנדלונג פון אַ בוך, איז, שיינט מיר, אַ שטיקל מיניאַטור־געשיכטע פון מחבר אילוסטריט מיט זיין ווערק, דערפאַר איז ווינטשנס־ווערט, איידער מיר פאַרנעמען זיך מיט אירע דערציילונגען, צוצוגעבן אַ גייסטיקן שטריך צו דער דיכטערינס פערזענלעכקייט. די אינטעגראַלע דיכטערין וואָס ריקודה איז געווען, לאָזט זיך אויך באַשטעטיקן מיט דער בולטער אילוסטראַציע פון אירע פּאָעטישע בריוו. די קינסטלערישע נשמה פון דער דיכטערין האָט פאַרמאָגט אַזעלכע ברייטע אויפנעם־מעגלעכקייטן, אַז די פּסיכישע און גייסטיקע אַנטשפּאַנונג האָט נישט געפונען גענוג פעלד אין קאָנצענטרירטע שורות פון ליד, וואָס איז בכלל אַ נערוון־שפּאַנענדיק געביט. דעריבער האָבן די בריוו אירע, אויך געדינט דער פּאָעטישער באַפרייאונג. דאָס איז אויך דער קענצייכן צו דערגאַנצן איר קרעאַטיווע, פּערמאַנענטע אָנוועזנהייט אויפן דערציילערישן געביט. פּונקט ווי דער ירושלימער פּייזאַזש איז געווען דאָס מאַגנעטישע פעלד, וואָס האָט צוגעצויגן די דיכטערין אין פּאָעזיע, אַזוי האָט דאָס לעבן פון ירושלימער איינוווינער, עקזאַלטירט אירע שרייבערישע פּאָטענצן.

גלייך די ערשטע פּערלדיקע דערציילונג: „די מרכבה״, פירט אונדז אַריין אין איר דערציילערישן נוסח. אין איינעם פון די ירושלימער הייף

יאַוועט זיך אַ צעפּאַרענע קאַטש מיט אַ געוואַלדיקן יחוס, מאַנטעפּיאָרעס קאַטש. זי שטייט צווישן די פייגן־ביימער אין רעגן און געוויטער און חלומט אויף איר פּאַרדינטן פּלאַץ אין אַ מוזעאום. דערוויל פאַרשוועכט מען איר יחוס און זי ווערט אַן אָביעקט פאַר יעדן איינעם. מען פּילט זי אפילו אָן מיט אַלטוואַרג, וואָס אַן איינוווינער האָט נישט ווו אַהינצוטון. מיט אַ מאָל נעמען איבער די ממשלה פון דער קאַטש די פייגן־ביימער. נישט ווילנדיק ציט זיך אַריין דורך אַ פעלער אין דער מרכבה אַ קליין פייגן־ביימל, צעוואַקסט זיך דאָרט און באַבלעטערט די קאַטש מיט אַ זיסן טויט... די קאַטש וויל שוין מער נישט לעבן און דאָ האָט זיך אַריינגעריסן אין איר איינגעווייד אַ בוים, וואָס צעשפּאַרט זי. דער בוים פון זיין זייט באַקלאָגט זיך: „פאַרוואָס זאָל ער זיין ערגער פון אַלע ביימער, וואָס וואַקסן פריי און נישט איבער אַ מרכבה?״.

אין אירע דערציילונגען פון די ענגע ירושלימער געסלעך און ליק־לעך, געפינען מיר יידן פון פאַרשיידענע עדות און גלותן: קורדן, בוכאַרער, תימנער, אַפריקאַנער און שיכינאַזים (אשכנזים). זיי לעבן דאָ אויס זייער ירושלימער חלום אין דעם סקלעראַזן שטאַנד פון פרימיטיווקייט, אָן אַמ־ביציעס. זייערע פריידן און ליידן שפּילן זיך טאַקע אָפּ מער אין די געסלעך, ווי אין זייערע היימען — זיי לעבן און ווירקן ווי איין גרויסע משפחה אין אַ קליינער פּראָווינץ, האָבן נאָר נישט ליב די „שיכינאַזים״, וועלכע באַהאַנדלען גראָד זייער פיין די אָרעמע אָריענטאַלישע רוימער־קעס, וואָס קומען צו זיי „מאַכן ספּאַנדזשע״. אָבער זיי זענען פאַרט נישט ווי די ישראלים. „היטלער ימח שמו האָט זיי אַרויסגענומען די הערצער, ער האָט אַלע הערצער אויפגעגעסן און אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין האַרץ, איז ער פון האַלץ״. (זע „דער הילצערנער מענטש״). יורם, דער זון פון יגאל, וואָס איז אומגעקומען אין מלחמה, שרייט אויס צו זיין שטיפטאַטן: „הילצערנער מענטש, הילצערנער מענטש?״ בעת בנת רעאַגירט סטיכיש אויפן אָוועקגיין אין מלחמה פון איר מאַן יגאל, וואַרפט זי זיך אויף דער ערד און שרייט: „צעטרעט מיך, מאַך פון מיר שטויב״. אין דער זעלבער צייט דריקט זיך אויס די דאַנקבאַרקייט ביי יגאלן צו דער מדינה אין אַן אַנטשלאָסענעם ענטפער — און זיין פליכט־באַוווסטזיין

איז אַ לאָגישער: „מען דאַרף אָפּצאָלן מיט עפּעס פאַר דער פרייד צו האָבן אַן אייגענע מדינה״.

ריקודה האָט מיט איר קינסטלערישן אויג און נשמה איבערגעגעבן דעם קאָלאָריט פון אַ ווייטער עקזאָטיק. אירע פרימיטיווע העלדן זענען פול מיט נאַאיוו שיינקייט, קרישטאָל־ריינע ירושלימער נשמות, וואָס בענקען נאָך משיחן און חלומען צו באַוואָרפן אים מיט מתנות, ווען ער וועט זיך באַווייזן. דער בלינדער עובדיה, וואָס זעט כמעט גאָרנישט, זעט אָבער די גאולת משיח. און אַז ער וועט קומען, וועט ער אים אַנטקעגן גיין מיט אַ קענדעלע אייל, ער זאָל קאָנען דער ערשטער אָנצינדן דאָס גרויסע ליכט פון שלום. די פרומע יידן זענען זיך אָבער מצער, וואָס די פרויען טראָגן זעלנערישע הויזן און דינען אין מיליטער — און אַז משיח וועט קומען וועלן זיי אים נישט קאָנען אַנטקעגן גיין — און אפשר דערפאַר האַלט ער זיך אָפּ פון קומען. די משיח־אידיי ביי די דאָזיקע יידן טראָגט נישט קיין נעוראָטישן כאַראַקטער, ווי אין די צייטן פון פאַלשן משיחיזם. זייער גלויבן איז פּראָסט פּשוט אָנגעפילט מיט גאָטס־פאַרכטיקייט, וואָס פירט זייער פאַנטאַזיע צו דער פאָלקלאָריסטישער ווענדונג.

אין אונדזער צייט פון קריכן אויף דער לבנה, פון עלעקטראָנישע מוחות, משחיתים און פיקטיווע וויסנשאַפטן, קומען אונדז פאַר די פרומע פיגורן פון די רירנדיקע דערציילונגען, ווי דאָס רעשטל פון אַ ווייט־פאַרגאַנגענעם פלאַנעט — אָדער פון פאַרן מבול... און דאָך זענען זיי אינטערעסאַנט אין דער פאָעטישער שפּראַך־אַטמאָספערע, וואָס אידענטי־פיצירט זיך מיט זייער תמימותדיקער פרומקייט.

אַן אָרעמע עקרה פון דער באַטעמטער דערציילונג: „אַ שוך אויפן ברוק״ געפינט אַ פרויענשוך און רעדט זיך איין, אַז גאָט האָט איר מסתמא צוגעשיקט די מציאה — און ווען זי וועט אַרויפציען דעם שוך, וועט זי אפשר געהאָלפן ווערן און ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט. די ירושלימער בירגער האָבן ליב דעם רבונו של עולם, ווי ער וואָלט געווען פון זייער שטאַנד.

מחסובה רעדט זיך אויס ס'האַרץ פאַרן רעגן. זי זיצט אין אירע שוואַרצע בגדים און טרויערט אויפן אומגליק, וואָס עס איז אַריינגעפאַלן אַ האָבערל אין פסחדיקן מצה־מעל. „אַ להכעיסניק האָט מיך באַגזלט פון מיין כשרות". אויסבאָרגן זיך דעם סימבאָל פון טרויער, די שוואַרצע קליידער, צוליב דעם איבערגעפירטן כשרות פון פסח, איז אַ קינסטלע־רישער אמת פון אַ טראַגי־קאָמישער סיטואַציע. פון די אַלע גרויע גע־שטאַלטן בליצט אויף פון מאָל צו מאָל אַ ספּאָנטאַנער הומאָר. די תימנערין וואָס „האָט אַ פּרנסה פון אַ קלאָגערין ביי טויטע, האָט אַ פאַרזאָרגטע פּרנסה, וואָס קיינער קאָן מיט איר נישט קאָנקורירן". („די קלאָגערינס").

„אין די געסלעך פון ירושלים" פאַרמאָגט אַ שלל מיט טיפּן. קליינע מענטשעלעך מיט גרויסע טאָג־טעגלעכע זאָרגן. דער עיקר יידן פון דער זיבעטער אָרעמקייט, וואָס זענען רייך אין אמונה — און וואָס נעמען אויף זייער דאַליע, ווי דעם רבונו של עולמס אַ גורל־באַשטימונג און באַפּאַרבן די גרויקייט פון זייער לעבן מיטן שפינען די פאַרביקסטע פאַנ־טאַזיעס וועגן משיחן.

ריקודה פּאָטאַש האָט ממש רעוואָלוציאָנירט די אַלטע טראַדיציע פון דערציילן. אין איר סטיל דאָמינירט די רעטאָרישע פיגור פון פּראָזאָפּאָפּייע, אַן אַרט וואָס באַוועגט צום לעבן מענטשן און מעשים אין קעגנזאַץ צו דער רעאַליטעט. ווי שוין דערמאָנט, אילוסטרירט דורך אירע לידער באַקומען טויטע אָביעקטן אַ נשמה און ווערן פאַרוועבט מיט מענטשלעכע אַטריבוטן. דערמיט ווערט איר דערציייל־נוסח אַ מער פּאָבולאַרער און אויך אַן אָרי־גינעלער. אירע דערציילונגען: „דאָס משיחל", „דער רופא און דער שטערן־זעער" און די לעצטע דערציילונג: „דער בטחון־פּאַרקויפער", זענען אַ בולטערביישפּיל דערפאַר.

ירושלים, דאָס ווינאָרט פון דער דיכטערין, האָט שטענדיק געדינט דער שעפערישער קינסטלערין. איר בלויזער נאָמען סימבאָליזירט שוין די שטאָט. דערפאַר האָט די הייליקע באַרגשטאָט זוכה געווען צו האָבן אַ ריקודה, וואָס זאָל קינסטלעריש איבערשאַפן ירושלים און איר עזבון זאָל אַריינגענומען ווערן אינעם גאָרטן פון לעבן.

מלכה לי

מלכה לי האָט זיך אויסגעטראָטן אַ וועג צום פאָלק. איר ליד איז נישט אָנגעלאָדן מיט שווערע מעטאַפאָרעס און קיין שום רויכל מאַכט עס נישט מטושטש. דאָס וואָרט איז קלאָר און פליסט מיט זיין מעלאָדישן ריטעם צו די ברעגן פון אמת.

מלכה לי איז נישט איזאָלירט פון דעם אַרום: זי שטייט מיטביידע פיס אין אַלע וועלט־געשעענישן. דער חורבן פון יידישן פאָלק, דער רענעסאַנס פון דער יידישער מדינה — אַלץ לעבט אויף אין איר ליד.

אין איר בוך „דורך לויטערע קוואַלן" ווידמעט זי דעם גרעסטן טייל פון אירע לידער דער פאַרברענטער היים. זי מאָנט, זי פּראָטעסטירט און רופט צו נעמען נקמה. זי נעמט זיך אָן פאַר אַלע עוולות און זינגט מיט פּראָטעסט קעגן דעם דיסקרימינירן דאָס נעגערפאָלק אין אַמעריקע:

„בלוט ווי מיין בלוט,
האַרץ ווי מיין האַרץ,
מיין הויט איז ווייס —
דיינע שוואַרץ".

„וועלט, גיב מיין מאַמע מיר צוריק" שאַלט איר דיכטערישער אויפמאָן. די דיכטערין רירט אָן די היטלער־עפּאָכע, ווייל דאָס איז ביי איר אַ נאַטירלעכער לאַמענט: נישט קיין מרחק און נישט קיין צייט האָבן געקאָנט זי מאַכן גלייכגילטיק צום אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

עס זענען שוין באַקאַנט פון דער חורבן־ליטעראַטור פּאָעמעס וועגן שיך אָן פיס. איינע פון די שטאַרקסטע פון זיי איז, דוכט מיר, די פּאָעמע

פון משה שולשטיין: „איך האָב געזען אַ באַרג". אָבער מלכה לי גיט איבער איר וויזיע פון קינדער־שיכלעך אָן פיס מיט צאַרטער מאַמישקייט:

„שיכעלעך פאַרשעמטע
פון פיס אָפּגעפרעמדטע,
אַ לוויה פון שיכעלעך שפּאַנען.
שיכעלעך פאַרפוילטע,
שיכעלעך פאַרקוילטע
די וועלט צו דערמאָנען".

דאָס קלינגט ווי אַ קינדער־מעשהלע אין אַלע דימענסיעס פון גרויזאַמקייט.

די דיכטערין מלכה לי האָט געהערט צו די „לינקע" קרייזן. נאָכן דאָקטוירים־בילבול און די פּראַגער פּראָצעסן, טרעט זי אַרויס פון איר פּאַרטיי מיט אַן עפנטלעכער דערקלערונג. כמעט די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט האָט בשעתו דעם דאָזיקן מוט פון דער דיכטערין גענומען פאַר אַ מוסטער. זי האָט זיך נישט לאַנג געלאָזט פאַרצערן פון די חרטה־פלאַמען און ווי אַ שותף צום יידישן גורל גלייך געפונען אַ נייעם טאָן.

מלכה לי'ס לידער נעמען אַרום אַ פאַרשיידענע טעמאַטיק און ס'איז אָנגענעם צו שפּאַצירן אין איר לידער־גאָרטן. ליבשאַפט צום קינד, צום מענטש און צו גאָטס געמעל אָטעמט זי אַריין אין אירע געזאַנגען, און זיי שלאָגן קריק מיט אַ סך חן און זענען באַהאַרצט מיט בענקשאַפט, פריידן אוןליידן. זי רעוואָלטירט קעגן דער גרויערווירקלעכקייט, נעמט דעם סיוזשעט, שיילט אים אויס פון דעם איבעריקן חומר, ביז ער באַקומט די וויזיאָנערע רעאַליטעט, די פּאָעטישע ווירקלעכקייט. לאָמיר ווי אַ ביישפּיל אילוסטרירן פון „דאָס קלענסטע גרעזל" אין בוך „אין ליכט פון דורות":

„האָט ווער געהערט געוויין פון קלענסטן גרעזל,
ווען אַ שטורעם אַקערט דורך זיין גרינע הויט,
ווען עס ליגט אין גראָזן־פעלד פאַרגעסן —
און עס דוכט, דאָס גרעזל איז שוין טויט?"

אמת, די ערשטע שורה רופט אַרויס אַ וווּנדערלעכע דערמאָנונג פון איציק מאַנגערס פּאָעמע „סאַנקט בעש״ט״: „דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און אַ גראָז״, אָבער דאָס דאָזיקע ליד קאָן מען דאָך נעמען פאַר אַ רמז צום מענטש. ס׳קאָן זיין אַז די דיכטערין אַליין איז אין דעם פאַרבאָרגן. ווייל ווען דער שטורעם הערט אויף, גלייכט זיך אויס דאָס גרעזל מוט־וויליק און „שפּילט זיך פריידיק מיט אַ שטראַל״.

***

מלכה לי איז איינע פון די ווייבלעכסטע דיכטערינס. דאָס קומט צום אויסדרוק, הן אין אירע מאַמישע ליבלידער, וואָס זי זינגט צו אירע קינדער, הן אין אירע פּרוויאישע ליבלידער.

אַ טייל פון אירע לידער־זאַמלונגען זענען געווידמעט ישראל און דעם יידישן פאָלק און דערגאַנצן אירע ביכער מיט אַ צוגאָב פון חשיבות. פול מיט פּאַטעטישן איינפאַל איז „די קרישטאָלענע פלאַש״, אַ רעליקוויע פון טויטע וועלטן, וואָס לעבט אויף אונטער דער דיכטערינס פעדער אין אַן אויסגעצייכנט בילד. עס שטראַלן אַרויס פון די חורבן־לידער אַ מאָנונג פאַרן בלוט און פאַרלענד.

דאָס ליד „פאַרקויף נישט דאָס אַש פון מיין מאַמען״ איז זיכער אַ דערנער־קראַנץ די שילומים. „אַ בוים נאָך מיין מאַמען״ איז אַ נאַרראַטיווע מאָנונג און אַן איכה פאַרן אומקום. דער מאַמע־מאָטיוו פאַרנעמט בכלל אַ בכבודיק אָרט אין איר דיכטונג. זי ברענגט אַרויס אַ סך מאָל זייער בליציק די מאַמישע לעבנס־ריטמען, וואָס אַנטפּלעקן דעם לייענער זיינע אייגענע געפילן, פאַר וועלכע די דיכטערין האָט געפונען די פּאַסיקע אויסדרוקן. מלכה לי׳ס לידער זענען אין שטאַנד צו וועקן ביי יעדן איינעם אינערלעכע באַגייסטערונג. ווי אומעטיק אַ ליד זאָל נישט קלינגען, איז עס פּעאיק דורכצוליכטיקן דיין נשמה און דיך באַפרייען פון יעדער דריקנדיקער אַנגסט. די פּריווילעגיע פון גוטע לידער איז, וואָס מען ענדיקט זיי קיין מאָל נישט, מען לייענט זיי נישט אויס. מען געניסט פון זיי און די פרייד פון געניסן בלייבט אין אונדז. די שיינע נעמען פון

דער דיכטערינס ביכער: „לויטערע קוואַלן", אָדער „ליכט פון דורות" קאָנען ווערן ליכטקוואַלן פאַר ווייטערדיקע דורות.

מלכה לי איז אַ מחבר פון אַכט ביכער. דאָס ערשטע איז פון יאָר 1932 און די לעצטע צוויי „אונטערן נוסנבוים" און „מעשהלעך פאַר יאָסעלען" זענען דערשינען אין יאָר 1969. און ווייל זי איז אַן אויסגע־צייכנטע נאַטור־מאָלערין, איז וועלכעס פון אירע ביכער מען זאָל נישט אויפמאַכן, גיט אויף אייך אַ פּאָכע מיט גאָטס לאַנדשאַפט, וואָס זי מאָלט אַזוי שיין מיט וואָרט און קלאַנג. נישט סתם האָט מלכה לי אָנגערופן איר בוך מיטן נאָמען „אונטערן נוסנבוים". די כוונה דאָ איז געווען: אַ געזאַנג צום יידישן לשון, וואָס איז אפילו אונטערן גרויסן שטורעם נישט אויס־געוואָרצלט געוואָרן. טרויער און פרייד גייען דורך אין אירע לידער ווי אינעם שפּיגל פון לעבן.

אויך אייניקע אינטימע לידער פון איר לעצטן בוך, געווידמעט משהן, זענען גוט דורכגעפילט און אַרויסגעברענגט. זיי פאַרשאַפן דעם לייענער אַן אמתן פאַרגעניגן, ווייל זיי זענען פּעאיק אַריינצוזינגען אין יעדן געמיט באַזונדער.

„אונטערן נוסנבוים", ווי די פריערדיקע ביכער אירע, אַנטהאַלט פאַרשיידענע לעבנס־מאָטיוון, צווישן אַנדערע געווידמעט אויך „אלמנות" און „מושב זקנים". פול מיט איבערלעבונג, דורכגעפיבערט שטאַרק איז דער ציקל ישראל־לידער. לאָמיר, למשל, לייענען די פערזן פון סוף פונעם ליד „דער באָקסנבוים":

„פון פעלזיקן שטיין איצט אַ וואַסערל קוואַלט,
אַ בוים מיט מזוזה'ס — מיט באָקסערס צעשטראַלט,
אַ ברוינע די שאָלעכטס, נאָר זיס איז דער טעם —
ער טראָגט אין די קערנער דעם יחוס פון שטאָם.
עס האָט דאָ רב שמעון אַמאָל אים פאַרזייט
פאַר דורות און דורות דעם באָקסער פאַרגרייט".

אַזוי רעדט די דיכטערין דורך איר רוח־הקודש צו אַלע, וואָס ישראל

האָט באַשאַפֿן און אין אירע געגראַמטע שורות איז פֿאַרבאָרגן אַ מאַמישע בענטשונג. נישטאָ קיין געוואַלדיקע היפּערבאָלישע איינפֿאַלן אין אירע שורות, זיי דרינגען אַרויס גיכער פֿון אַ דערציילערישן אויסגוס. טייל מאָל גיט זי אַ בליק מיט אַ סימבאָל, איז ער באמת ווערט איבערגעחזרט צו ווערן, ווייל דער סאַמע דירעקטער אופֿן פֿון קאָמענטירן קאָן נישט פֿאַרטרעטן קיין ציטאַט פֿונעם דיכטער אַליין.

אָט איז אַ סטראָפֿע פֿון אירס אַ פּערלדיק ליד „דער נייער וועג״:

„דער האָלצפּיקער האָט אויסגעפּיקט מיין נאַכט,
די שעהן זענען ליידיקער געוואָרן;
אַלע אברים האָבן אין מיר אויפֿגעוואַכט —
איך בין נאָך אַלץ אַ פֿרוי און נישט קיין דאָרן״.

אָט דער פֿערז, ווו מיר זעען אין דעם האָלצפּיקער דעם סימבאָל פֿון דעם, וואָס די נאַכט פּיקט אויס, צום אויפֿלייזן זיך פֿון אַ קלעמענדיקן צושטאַנד, מאַכט אונדז קלאָר די וויטאַליטעט פֿון אַ פֿרוי, וואָס דער־וואַכט צו באַנייאונג... דאָס ליד איז אַרויסגעבּרענגט אין אַ בולטער קינסטלערישער ריינקייט. אָדער לאָמיר ציטירן אַ סטראָפֿע, וואָס איז ווייניקער אַבסטראַקט און וואָס טראָגט בלויז די פֿרויאישע ספּעציפֿיש־קייט — פֿון ליד „אלמנות״:

„געווען זיי זענען קעניגנס געזאַלבטע —
אַ מאַן האָט זיי געטראָגן אויף די הענט —
איצט זענען זיי צעבראָכענע, צעהאַלבטע
און פֿילן זיך פֿאַרלוירן און פֿאַרשעמט״.

די אויבן ציטירטע פֿערזן זענען נישט אויסן אונטערצושטרייכן דעם אינטענסיוון וואָרט־אויסדרוק אירן, זיי קומען בלויז צו באַווייזן, ווי מיט קלאָרקייט דערגרייכט זי אויסגעצייכנט איר ציל.

**
*

איר בוך „מעשהלעך פאַר יאָסעלען״ איז אַ באַזונדערע צווייג אין איר דיכטערישער פּאָטענץ. אויך זיי זענען אָנגעלאָדן מיט פּאָעטישן כוח און רעדן צום געמיט פון קינדער און דערוואַקסענע, וועלכע קומען צוריק צום קינדערקוואַל דורך זייערע קינדס־קינדער... מיר זעען אין די מעשה־לעך, אַז מלכה לי פאַרמאָגט אַ רייכע גאַמע פון פּאָעטישע מעגלעכקייטן, וואָס האָבן עוואָלואירט ביי איר דורך דעם אינטים־מאַמישן קאָנטאַקט און מיט דער דירעקטער מיטווירקונג פון אירע אייניקלעך, אַז זי זאָל איר דיכטונג שטעלן אין דינסט פון קינד.

מלכה לי פאַרבינדט איר דעליקאַטע פעדער אַזוי נאָענט מיט דער קינדער־אימאַזשינאַציע, אַז עס שאַפט זיך אַ געמיינזאַם געוועב פון סענ־טימענטן און ווערטן. מיר לייענען און עטעמען די קינסטלערלופט פון אירע באַטעמטע דערציילונגען. די סיוזשעטן זענען נישט קיין טויטע אָביעקטן, נייערט בעלי־חי און נאַטור־דערשיינונגען און אומעטום שפּילט דאָס קליינע מענטשעלע אָפּ זיין ראָלע. פאַרבונדן מיט דער קינדער־וויזיע פירט זי אונדז דורך דעם גאָלדענעם טויער פון דער קינדערהיים — נישט פאַרגעסנדיק אויך דאָס אָרעמע קינד פון האַרלעם. אויך איר פּראָזע איז נישט איזאָלירט פון פּאָעזיע. איר האַנט איז אַזוי מעכאַניזירט צו גראַמען, אַז זי פּילט נישט ווי ערטערווייז לאָזן זיך אויס אירע שורות אין אַ געגראַמטן פינאַל.

די כוונה פון קינדער־ליטעראַטור דאַרף אונדז נישט אַריינפירן בלויז אין דער קינדערוועלט פון עסטעטיק און עמאָציע. זי מוז אויך שטעלן דעם אַקצענט אויף דער עטיק. מען דאַרף אין דעם געפינען דעם מוסר־השכל, כדי אַליין צו מאַכן דעם באַלערנדיקן אויספיר. זענען טאַקע אין דעם גייסט געשריבן אַ סך פון אירע מעשהלעך. „די זקנה מיט די פייגל״ איז אַ מעשהלע, וואָס לערנט אונדז אַז גוטסקייט צאָלט זיך מיט גוטסקייט. פייגל מאַכן אַן אַליאַרעם און ראַטעווען פון טויט זייער אַלטיטשקע שפּיי־זערין.

„די געשיכטע פון דזשינגאַליי״ דערציילט פון אַ ייִנגעלע, וואָס איז פויל צום בוך. קומט אַ מייזעלע און „לייענט״ עס אויס מיט די ציינדעלעך

און מאַכט אַ חורבן אין שטוב... מיר האָבן דאָ דעם קאָמישן און דידאַק־טישן עלעמענט: א) ווי דאָס פעלד־מייזעלע „לייענט" מיט די ציינדעלעך און עסט די ליטעראַטור. מיר זעען פון דער פאָרמעלער שילדערונג אַ קאָמישן שפּיל פון אַ לייען־סצענע...

ב) דער דידאַקטישער מוסר־השכל, וואָס דאָס קינד לערנט דערפון: לייענען אַליין און נישט לאָזן פאַר די מייז...

מלכה לי, וואָס וווינט אין אַמעריקע, דעם „גאָלדענעם לאַנד" פון אַנגעוויטיקטע סאָציאַלע קאָנטראַסטן, רירט אָן מיט אירע מעשהלעך אויך דעם אָרעמסטן שיכט, דאָס שוואַרצע קינד. זי ברענגט אַרויס אַ רירנדיק בילד, וואָס גרענעצט מיט בורלעסק אין דער באַטעמטער דערציילונג „דאָס קאַרטאָפל־ייִנגעלע". קודם־כל פירט זי אונדז אַריין אין דעם טראַדיציאָנעלן דערציילערישן מנהג פון „אַמאָל איז געווען". זי גיט אַ נאַטורבילד: ביים ברעג, אַ קליין אינדזעלע ווי אַ ריזיקער שוואָם און אויף אים אַ בלימל מיט אַ ווייסן, דינעם צוויט. דאָס איז געווען אַ קאַרטאָפל־געוויקס. האָט עס איין מאָל אַרויסגעריסן אַ שוואַרצע האַנט, עס געברענגט אין זייער אָרעמער היים — און זיין נעגערווייב האָט עס גלייך אָפּגעקאָכט. אין אַ וואָך אַרום איז דאָס ווייב געלעגן געוואָרן און געהאַט אַ ייִנגעלע, וועמען מען רופט שפּעטער „דאָס קאַרטאָפל־ייִנגעלע", צוליב זיין גרויסן אַפּעטיט צו קאַרטאָפל...

אויך „רויטע קאַרשן" איז אַ רירנדיק בילד פון אָרעמקייט, ווו די אַקציע שפּילט זיך אָפּ אין קלאַס. די אויסגעצערטע האַרלעם־קינדער באַ־מערקן ביי דער לערערין, בעתן מיטאָג־עסן, אַ בייטעלע מיט שוואַרצע קאַרשן. ווען איין קאַרש קאָלערט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, צינדן זיך אָן די קינדערשע אויגן און אין קלאַס הייבט זיך אויף אַ טומל... קיין איין קינד האָט נאָך דעם זומער נישט פאַרזוכט קיין קאַרשן. די לערערין צעטיילט אירע קאַרשן: יעדן קינד אַ קאַרש. אַ מיידעלע האָט די גוטסקייט פון דער לערערין אַזוי גערירט, אַז זי האָט אַזש איר קאַרש אַליין נישט געקאָנט אויפעסן, נאָר דערלאַנגט דער לערערין און געבעטן צו שפּאַלטן די קאַרש און נעמען פאַר זיך אויך אַ האַלבע. דער שרייבערינס

פאַנטאַזיע האָט געשאַפן דעם דאָזיקן אַקט פון שפּאַלטן אַ קאַרש, כדי צו פאַראייניקן די צוויי פונדאַמענטאַלע עלעמענטן פון קדושה און אינהאַלט אין דער דערציילערישער קונסט.

אין דעם לעצטן ציקל דערציילונגען זענען איניקע געווידמעט ישראל. דאָס בוך פאַרענדיקט אַ ישראל־דערציילונג „דער נס פון דיביימעלעך אין נגב", אַ רעאַל בילד פון מדבר, וואָס וועט בלייבן ווי אַ דויערנדיקע לעגענדע.

מלכה חפץ־טוזמאַן

ווען מען באַקענט זיך מיט די דריי ביכער פון דער דיכטערין מלכה חפץ־טוזמאַן: „לידער", „מילד מיין ווילד" און „שאָטנס פון געדענקען", ווילט זיך זיי צעטיילן אין צוויי באַזונדערע סעריעס: פּאָעמעס און קורצע לידער. די גרעסטע טייל שורות ווידמע איך דעם מיטלסטן בוך, וואָס איז צום נאָענטסטן מיין געשמאַק: „מילד מיין ווילד".

דער טיטל פון בוך איז אַ רמז אויף נאָוואַטאָרישקייט, און אפשר אויך אַ שריט פאָראויס צו סורעאַליזם.

דער פראַנצייזישער פּאָעט גיאָם אַפּאָלינער איז געווען דער אַוואַנגאַרד, וואָס האָט געפּיר״ט צו סורעאַליזם. זיינע נאָכפאָלגער זענען געווען אַנדריי ברעטאָן, פּאָל עלואַר און דער איצט נאָך שאַפנדיקער לואי אַראַגאָן.

אַפּאָלינער איז דערגאַנגען צו אַזאַ קינסטלערישער אַקראָבאַטיק, אַז אין אַן אָנגעצייכנטן וואַזאָן האָט ער אַריינגעבלומט אַ בוקעט ווערטער... לייענט מען דעם וואַזאָן קוויטן און אַנדערע איינגעראַמטע לידער און צייכענונגען, וואָס זענען באַקאַנט אונטערן טיטל „קאַליגראַמען". מען טרעפט אויך די אַנאַטאָמיע פון מענטש מיט די אָדערן פון ליד, וואָס דאַרפן סימבאָליזירן דעם בלוטשטראָם. מען לייענט און מען באַוווּנדערט דאָס ברעכן די ליניע ביים שרייבן לידער. אויב די ווייסנשאַפט באַנוצט זיך מיט דער פאַאונע און פלאָרע פאַר ביאָלאָגישע צוועקן און אַלץ, וואָס געפינט זיך אין דער נאַטור ווערט אויסגענוצט און איבערזעצט אין געאָ־מעטרישע ליניעס און אויף יעדן געביט פון דער פּלאַסטישער קונסט — איז אַפּאָלינערס קינסטלער־ישער איינפאַל מסתמא די סיבה פון ווערן אונדזער גלייכגילט, מיר זאָלן באַקומען דעם אַנגענעמען שאָק...

ווייזט אויס, אַז אויך אונדזער דיכטערין מלכה חפץ־טוזמאַן איז גע־

פירט געוואָרן פון אַ באַצווונגענער אָריגינעלקייט, וואָס רופט אַרויס אונדזער נייגער. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די „קייטן" פון די צווי סוב־סטאַנטיוון „מילדקייט" און „ווילדקייט", אַריינגעשטעלט פּראָנאָמען און ס'האָט זיך גלייכצייטיק געשאַפן אַ טאָפּלטער שאָק, דער טיטל און דער האָריזאָנטאַלער גראַם: „מילד מיין ווילד".

יעקב גלאַטשטיין, וועמענס נאָמען נייטיקט זיך נישט אין סופּערלאַ־טיוון, האָט געשאַפן אַרום מלכה חפץ־טוזמאַנס דיכטונג אַ שעדעווער פון אַן אָפּהאַנדלונג. אַ סימן, אַז ער איז געווען ווי געהעריק אינספּירירט און אַ דאַנק דער דיכטערינס לידער איז אַרויסגעקומען אַ באַטעמטע מעלאָסע פון אַ חכמהדיקער פּאָעמע אין פּראָזע. יעקב גלאַטשטיין באַצייכנט מלכהס צוגאַנג צום ליד, ווי אַ קאָמפּלעקס צו מאָדערניזם. לאָמיר זאָגן, אַז ער איז גערעכט. יעדער לייענער אָדער קריטיקער קאָן האָבן זיין קאָנצעפּציע אין שייכות מיט דעם, וואָס דער דיכטער וואַרפט פאָר דער דיכטערין, אַז זי „פאַרוויקלט, פאַרציקלט, פאַרוועוועלט און פאַרצערטלט איר מאָדער־ניזם".

איך זוך דאָס שיינע אין דער ליטעראַטור, קום איך צו טוזמאַנס אָפּ־פרישנדיקע לידער.

דאָס ערשטע ליד פון בוך „מילד מיין ווילד", וואָס רופט זיך „איך גלייב", איז אַ טריאָלעט, וואָס קלינגט ווי אַ מאָטאָ צו אַלע אירע לידער:

„איך גלויב אין עפּעס וואָס איז איבער ,איך'.
פון דאַנען ציט מיין זעלבסטווערט חיות.
דאָ העלפט אין לאָגיק נישט קיין בקיאות".

דער דאָזיקער קרעדאָ קאָן שוין דעקן דעם טיטל פון בוך, ווו עס פּרעציזירט זיך צום בעסטן איר אַנדערשקייט. די דיכטערין שאַפט זעל־טענע צייטלידער. אויך טרעפט מען ביי איר ווייניקער פאַרמאַכטע פּערזן, ווו עס דאָמינירט ספּעציעל די מוזיקאַלישקייט. אָפט באַווייזט זי זיך אין פרייעם פערז, וואָס איז נישט רייך דיפערענצירט אין דער פאָרעם, נייערט

געפּוצט אין פאַנטאַסטישע ווערטער־פּעדערן, אָבער נישט חלילה אין קיין פּרעמדע.

און אָט אַ מוסטער פון עלאָקוועגץ אין דער קאָנדענסירטער פאָרעם פון ליד: „דונער מיין ברודער" און „בליץ מיין שוועסטער" (גאָלדענע קייט 57). שוין אין די צוויי אויסדרוקן איז פאַרקערפּערט אַ שטילער באַרג מיט יאָמער, דאָס געוויין פון יידישן נצחון. דער יידישער בעל־כרחו־קעמפער געפינט דאָ זיין גאַנץ געבראָכן געמיט, וואָס גייט אויף פון אַזוי פיל פאַרוואונדערונג אַרום אים. ס׳ דונערט פון די צעשאָטענע שורות מיט עמאָציאָנעלער אָנגעלאָדנקייט:

„איך אויך האָב אַ קול
אַ קול פון אַ מוראדיקן ברומען
אין קלעם פון מיין שטומען".

און פון צווייטן ליד די סוף שורות:

„פאַראַן מיר געבאָטן —
שטייפע פאַרבאָטן
דו זאָלסט נישט׳,
דו זאָלסט נישט׳,
אָ, מיין פאַרשייטע, צעלאָזענע
שוועסטערל בליץ.

מיר זעען ווי דאָס וואולקאַנישע בלוט פון ליד גיט אַ שטראָם און ווערט גלייך פאַרהאַלטן מיט דער דאַמבע פון צימצום.

איר ליד „ערד" איז אַ געלונגענער צונויפבונד פון פּרויאישער רייפ־קייט מיט פּאָעטישער עקזאַלטאַציע, אַ מין עראָטישער אויסגעשריי:

„אורקראַפט שלאָגט אויף אין די אָדערן שפּיזיק
און קרייצט אַ געשטייג —
איך ווער ריזיק".

דאָס ליד איז שטאַרק מיט זיינע קאָנטראַסטן פון באַרג־אַרויף און אַרונטער און פאַרענדיקט זיך מיט דער מענטשלעכער פאַרלוירנקייט אין אַנריר פון דער נישט באַגרייפנדיקער מאַכט פון דער נאַטור.

אין געציילטע לידער פּרוווט זי אויסדריקן אַ פאַלקסצאָרן אין אַ קוים מערקנדיקן אָפּבילד. אַזוי קאָן מען אויך אויסטייטשן „אַ דאַך איבערן קאָפּ״.

איינס פון אירע פּרעכטיקע מאַמע־לידער, וואָס מען געפינט אין אַלע אירע ביכער, איז דער סאָנעט „שאָקלענדיקע בריק״. ס'איז אַן אויסדרוק פון פריידיקער רעאַליטעט און אַ געזאַנג פון מאַמעדיקער פּאָעזיע. אָט איז אַ קורצער ציטאַט פון אַ ליד, וואָס רירט אויף חורבן און פאַרוויסטונג אין אַן עקסצענטרישער צעוואָרפנקייט פון ריטעמדיקע האַלבווערטער:

„אַ האַלב אָפּגעריסענע טיר
אויף איינציקן געלענק
ווינט:
מעל־
אַנ־
כאָליע.

אָט כאַפּט מיך דער חורבן פון שוך ביי דער שוועל;
אָט ווער איך
טיל־
תל״.

אין אירע פריי־פערזיקע גרעסערע לידער צעשווימט זיך דער צוזאַמענהאַנג אין איר ווערבאַלער מאַגיק און צוליב דעם שלל פון ווערטער איז שווער צו דערכאַפּן דעם תוך. איך האָב אָבער ליב אירע לידער, ווייל כ'געניס פון זיי מיט אַ שמייכל.

טראָץ דעם וואָס איך קאָן אויך אָפּוואַרפן אויסטערלישקייטן, האָב איך גראָד גערן, וואָס זי „פאַרציקלט, פאַרוויקלט, פאַרצערטלט און פאַרווערטלט״. און ס'וויל זיך מיר זאָגן דעם קלוגן דיכטער און עסייאיסט

יעקב גלאַטשטיין, אין הסכם מיט אַ סענטענץ פון פראַנצייזישן דיכטער פּאָל וואַלערי: „לאָמיר זיך באַרייכערן מיט אונדזערע קעגנזייטיקע די־פערענצן״.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון איר אויסטערלישקייט וועל איך אַרויס־נעמען פון איר ליד „רייד פון איך צו זעלבסט״ אייניקע פערזן:

„ביסטו געוואָרן גוואַלטיק
מולטי קאָנטראַ־געשטאַלטיק״.

ווי פיל מאָל איך לייען דורך דאָס ליד, ווילט זיך מיר פאַרמעקן דעם „קאָנטראַ״. אָבער ווייזט אויס, אַז דאָס געפיל פון ספקות, וואָס באַפאַלט דעם קינסטלער, איז אַזוי שאַרף און רייסט זיך אַריין ווי אַן אָפּאָזיציע צו דעם „מולטי־געשטאַלטיק״. ס'איז דער פילאָסאָפישער דואַליזם פון אַ מענטש, וואָס טראַכט. צום סוף געפינען מיר די שורות, וואָס קלאָרן אויס די סתירות:

„וועסט שטייגן,
שטייגן אויפגעלייזט און גלייביק
אַזש ביזן דימענט־פינטעלע
אין אָרעאָל פון ,אייביק׳״.

דער סוף איז דאָ אַזוי פאַררונדיקט, אַז מען קאָן שוין פון דעם גאָרנישט אַראָפּנעמען און — נישט צוגעבן.

מיר ווייסן, אַז ס'איז נישטאָ קיין קלאַסישע מאָס צו מעסטן געשמאַק. אויך דער קינסטלער איז נישט פאַרליבט אין אַלע זיינע יצירות, כאָטש בעתן שאַפן זיי זענען אָנוועזנדיק אַלע פונדאַמענטאַלע פונקציעס, אַריינ־גערעכנט די קינסטלערישע טרייבקראַפט. אין איר ערשטן בוך לידער מיט דעם איינפאַכן טיטל „לידער״ געפינט מען שוין דעם ווילקינסטלערישן טאָן פון דער דיכטערין אין פאַרשיידענע פאָרמען־ און שפּראַך־נייקייטן. ווען זי באַוויינט דעם יידישן גורל און וויל אים פאַרוויגן, נוצט זי נישט דעם טראַדיציאָנעלן „איי־לו־לו״ — נייערט „וויי־לו־לו״.

דער סאָנעטן־רינג, וואָס ציילט פופצן לידער און רופט זיך „איבער

זיך געבויגן״, איז אַ נשמה־פּאָרטרעט אַרויסגעזונגען אין אַ הויך־פּאָעטישן השתפכות־הנפש, ניואַנסירט פון דעם קאָמפּלעקסן־צושטאַנד פון איר אי־נערלעכער וועלט פון סתירות. ווי אַן ערשטלינגפּרווו איז עס פון דעסט וועגן אין דער זעלבער מדרגה ווי אירע שפּעטערדיקע ביכער.

צום סוף וועל איך ציטירן אַ ליד פון אַכט שורות. נאָר איידער איך ציטיר דאָס ליד, זאָל מיר דערלויבט זיין אַריינצורינגלען צווישן קלאַ־מערן עטלעכע נעבנווערטער.

(אין מלך ראַוויטשס אַ מאמר איז פאַראַן אַן אויסדרוק „כאַפּ״. דער דאָזיקער אויסדרוק באַציט זיך צום ליד און ער שטאַמט פון דיכטער שמואל יעקב אימבער. לויט זיין טעאָריע דאַרף אַ ליד פאַרמאָגן חוץ גראַם און ריטעם אויך דעם „כאַפּ״... דאָס דאָזיקע וואָרט האָט געוואָלט ביי מיר מגולגל ווערן אין אַ „ראָזשינקע״״...).

איז לייענט דאָס ליד מיט דעם „כאַפּ״־„ראָזשינקע... „טריאָלעט פאַר ל. מ. שטיין״:

„וואָס קומט מיר אַרויס? דיין איזאָלדע איז „יידיש״,
דאָך זינג איך אַ ליב דיר, מיין פריינד לאַמעד מעם.
איר בין איך מקנא, דיך גריס איך ידידיש.
וואָס קומט מיר אַרויס? דיין איזאָלדע איז „יידיש״,
און דו ביסט דער אמתער ריטער, רב ייד־איש
(ביז הונדערט און צוואַנציק, למען השם)
און מיר קומט אַרויס: דיין איזאָלדע איז „יידיש״,
זינג איך אַ ליב דיר, מיין פריינד לאַמעד מעם״.

איבער הונדערט און צוואַנציק, אויף יענער זייט לעבן, וועט מען דאָרט אויבן אַנטקעגנגיין דער דיכטערין מלכה חפץ־טוזמאַן מיט אַ פּאָר פּאַרדינטע סאַלוועס, און דאָס דערפאַר, וואָס זי האָט אַזוי אמתדיק אונ־טערגעכאַפּט דעם געטלעכן „ליגן״ פון פּאָעזיע. צי דער דאָזיקער „ליגן״ מאַכט אונדז מענטשלעכער, איז שווער צו זאָגן, אָבער זיכער איז, אויב מען האָט נאָר טאַלאַנט צו געניסן פון פּאָעזיע, ווירקט עס אויפן שאַפונגס־גייסט און ברייטערט בכלל אויס אונדזערע עמאָציאָנעלע דימענסיעס.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

אַ סך וועגן האָבן געכישופט דעם שאַפערישן גייסט פון דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי וואָס פאַרנעמט איינע פון די סאָלידסטע פּאָזיציעס אין אַלע זשאַנערן פון אונדזער ליטעראַטור.

די אָרעמקייט אין פוילן האָט פריער פאַר אַלעם פאַרכאַפּט די גייס־טיק־שאַפערישע וועלט פון דער דיכטערין. פונקט ווי אין אויפשפּראָץ פון איר שאַפן אַזוי אויך אין די רייפע יאָרן, איז זי פאַרבליבן די שפּי־לעוודיקע, אידייען־אָנגעלאָדענע דיכטערין און פּראָזאַאיקערין. אירע פריע לידער ווי „דזשיקע גאַס", געדרוקט אין די דרייסיקער יאָרן, אָדער די פּאָעמע „פרייַדקע" ווידמעט זי דער עיקר דעם אַרבעטנדיקן מענטש. איר ליד שפּיגלט אָפּ די וואַרשעווער אָרעמקייט.

איר פּערסאָנאַליטעט איז שוין רעליעף אויסגעדריקט אין ערשטן בוך 'השוונדיקע נעכט". פון דאָרט ניגונט אַרויס די יידישע טאָכטער, די וועלט־אַרומנעמענדיקע דיכטערין, וואָס איז געקומען מיטן ריטעם פון פרייעם פערז און מיט אַן אייגענעם נאַראַטיוון נוסח.

פאַראַן דיכטערס, וואָס דערזינגען זיך שטאַפּלוויַיז צו אַ בכבודיקער מדרגה. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז גלייך געקומען אַ רייפע שוין מיטן ערשטן בוך און באַלד געפעסטיקט איר פּאָזיציע סיי אין דער פרויען־דיכטונג, סיי אין דער אַלגעמיינער.

פאַר דער סצענישער וועלט איז זי נתגלה געוואָרן מיט איר פּאָעמע „אַלקע", באַקאַנט אונטער דעם גראַמטיטל „אַלקע מיט דער בלויער פאַראַסאָלקע".

די פּאָעמע האָט אַראָפּגעזונגט פון יידישע בינעס אין דער וועלט. פון די קליינע סקעטשן און קינדער־פּיעסעס, „אַלע פענצטער צו דער זון"

אַריינגערעכנט, קאָן מען אַרויסדרינגען איר סובטעלע שייכות צו קינדער־פּסיכאָלאָגיע. מען זעט זי ווי אַ דערוואַקסן קינד צווישן אירע שילערס. עס צייכנט זיך שוין אָן די שפּעטערדיקע דראַמאַטורגין פון דער ברייטער און דער ווייטער וויזיע אין סצעניש ווערק „דאָננאַ גראַציאַ״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דורך דער „הבימה״ אין ישראל.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט במשך פון עטלעכע יאָר געמאַכט איר וווינאָרט אין ישראל, וווּ ס׳האָט זיך רעאַליזירט איר האָפענונג נאָך שיבת־ציון. די דיכטערין איז געקומען אין לאַנד, ווען די מדינה איז געוואָרן אַ יידיש אייגנטום. געווען פיל פּראָבלעמען צו באַהאַנדלען און זיי האָבן אָנגערעגט דעם שרייבער זיי צו ברענגען צום פאָלק. דעמאָלט האָט די דיכטערין אָנגעהויבן בויען אַ מאָנומענט צווישן גייסטיקע מאָנומענטן מיט איר זשורנאַל „היים״. ביי דער גאַנצער הערלאָישער אונטערנעמונג פון זיין אַ רעדאַקטאָרין פון אַ זשורנאַל, האָט זי געשריבן לידער, וואָס זי האָט אַריינגענומען אונטער דעם סימבאָלישן טיטל „ליכט פון דאָרנבוים״. דאָס זענען אָפּשפּריצן פון איר פרייד, וואָס צעפליסט זיך אין אַ לירישן געזאַנג. באַלד אינעם ערשטן ליד „אויף מיין דאָרן בליט אַ רויז״, דאָרט ווו עס צינדט זיך אָן איר פרעגצייכן, פאַרבינדט זי אונדז מיט איר וויזיע און מיר הערן דעם דיאַלאָג פון דער דיכטערין מיט אליהו:

„אין מיין מדבר וואַקסט אַ זאַנג,
ווי זשע קאָן דאָס זיין?
אין מיין טויבן, שטומען טרויער
שלאָגט זיך אַ געזאַנג —
ווי זשע קאָן דאָס זיין?

נאָך אָן אויפגיין און אַ פאַלן
ווען רוישן ווייסע קוואַלן
אויף דיין גרינעם לאַן״.

פון אירע לידער שיידט זיך אויס אַ צניעותדיקייט, וואָס רעדט צום

געמיט. פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר אין אירע לידער אַ מענערישע גערוואַגטקייט. די דאָזיקע דואַליטעט צייכנט אַליין אָן דעם מאָראַלישן פּאָרטרעט פון דער דיכטערין. דאָס כאַראַקטעריסטישע, וואָס מען קאָן זאָגן וועגן קאַדיעס שאַפן בכלל איז אויסגעדריקט אין אירס אַ ליד: „ווי אַ רוישיקע כוואַליע אין ים". „די רוישיקע כוואַליע" רוישט אין אונדז אַריין אַלע שיינקייטן פון אומעט און עמאָציע. זי זינגט אויס נישט בלויז אירע חלומות, נאָר אויך אונדזערע, וואָס זוכן אַ תיקון. אָט ווי עס וואַקסט אויס אירס אַ תפילה פון אַ קלעמענדיקער שטימונג:

„נאַכט,
טרינק מיך אָן מיט פאַרגעסן,
ווי די טרעגער דעם שווערסטן
פון די לאַסטן
אָן וואָג".

ביז צום שטוינען שטעלט זי אויף סימבאָלן אינעם ליד, וואָס ווינקען מיט אַזאַ דורכזיכטיקער קלאָרקייט, ווי ערשט געפאַלענער טוי:

„עס וועלקט נישט קיינמאָל דאָס גראָז
לעבן וואָרצלען פון טרוים".

טייל מאָל דאַכט זיך, אַז אַ שטיפערישער פאַרגלייך פון איר קינסט־לערישער פראָזע האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אירע פערזן. ניין, ער האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט, ווייל זי חזרט זיך נישט איבער, נייערט איז כסדר צופלוסיק, שאַפעריש:

„אויף מיין קאָפּ שטייט אַ פליג
און קנעלט חכמה מיט מיר".

פאַראַן אין אירע לידער אַ צמצומדיקע פילזאַגעוודיקייט, ווי אַ בליץ וואָס לויכט איבערן ווייטסטן מהלך. אַ ליד, וואָס רעדט דורך אַנטוישונג,

קהלתדיק און מיט דער מאָס פון דערפאַרונג: „פאַרנאַכט כ׳גיי דיך באַגע־גענען״. זי רעדט צום פויגל:

„יאָ, נאַרישער, אומזיסט דיין פליען,
ס׳איז פראָסט פאַראַן אין הייסן גליען,
און פלאַם אין ווייסן שניי״.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט בייגעשטייערט צו אונדזער ליטעראַטור פון כל טוב. זי קאָן אַרויסציען מעשהדיק פאַנטאַסטישע לידער, ווי אַ פאַרבלענדער ציט טויבן פון אַרבל... איר שטוינט צו ווערן איבערגע־טראָגן אין אירע וויזיעס און ווערן מיטגעכאַפּט מיט איר פּאַטאָס. זי בויט זיך אויס אין איר ליד אַ שיף און נעמט אייך מיט אינעם לאַנד פון „ליילית״. און איר שווימט טאַקע, נישט בלויז אין דעם ליד, נאָר אין אַלע לידער פון דאָזיקן בוך, וואָס איז אַן אָפּפרישנדיקער שווים־פאַר־געניגן.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז קיין מאָל נישט געווען קיין דרויסנדיקע דיכטערין אָדער באַשרייבערין. זי האָט קיין מאָל נישט געשטעלט דעם טראָפּ בלויז אויף נאַטור־שיינקייט, נייערט געגומען אַ דירעקטן אָנטייל אין אַלע פריידן און ליידן פון יידישן פאָלק. אין דער גרויסער פּאָעמע, וואָס וויקלט זיך אויף ווי אַ מגילה פון די בויער פון יונגן לאַנד ישראל, וואָס רופט זיך איבער מיטן טיטל פון בוך „ליכט פון דאָרנבוים״, גע־פינען מיר אַ מענלעכן כוח פון איר אויסדרוק. ווי „דער שטיינהאַקער אין ראשון״ ברעכט זי דעם גייסטיקן גראַניט און שלאָגט אויס אירע פּאָעטישע שורות אין אַ ריטמישן זאָגן און זינגען. די צייט האָט פריער צוגעגרייט די געשיכטע פון דער ישראל־ווירקלעכקייט און באַפרוכטיקט דער דיכ־טערינס אימאַזשינאַציע צו דעם באַשאַף פון איר שיינער פאָלקס־פּאָעמע, געווידמעט דעם בראשית פון מדינה־אויפבוי.

דער דיכטערינס אָנוועזנהייט אין דער פּאָעמע מערקט זיך אומעטום. אפילו אין דער באַראָנעסע אויפן אייזעלע זעט מען אויך קאַדיען, וואָס איז אַזוי מאַמעדיק באַזאָרגט פאַר איציקלען דעם שטיינהאַקער. אירע

סטראָפעס דערגייען דאָ צו אַ רעליגיעזער סענסיביליטעט, וואָס טראָגט זיך פון דעם אידעאַליסטישן פיאָניער און גרענעצט זיך אפילו מיט אַ מאַזאָכיזם. אָט אַזוי איז זי פילזאָגעוודיק אין איין סטראָפע:

„איך בין זיך מודה: אברהמלען כ׳בין מקנא.
איך ווייס ניט, צי איז ער תמים, צי אַ נאַר.
ער האַקט די שטיינער ווי ער זאָל שפּילן פּיאַנע
און דעם שטויב פון פנים גיט ער נישט אַ שאַר״.

די יידישע מדינה איז אויסגעוואַקסן אין זכות פון פּאָטענציעלן כוח פון יונגן דור, וואָס האָט פאַרלאָזט די באַקוועמע היים פון טאַטע־מאַמע און זיך אַריינגעוואָרפן אינעם ברען פון אַן אָנהייב פול מיט שטרויכלען און געפּאַרן און דערפירט די מדינה צום היינטיקן מעמד. דעמאָלט, ווען עס האָט געדורשט, האָט מען זיך געמוזט ערשט שטעלן גראָבן אַ ברונעם... מען איז געווען בעל כרחו־פוריטאַנער, אַ רעזולטאַט פון די בראשית־באַדינגונגען און אויסגעלעבט די חלומות פון אונדזערע עלטערן. היינט וואַקסט די רעאַליטעט אַריבער דעם חלום. יענער קאָנפליקט פון צע־שיידן זיך ווערט היינט פאַרוואַנדלט אין נאָכפאָלגן.

שווער צו אידענטיפיצירן די דיכטערין פון דער באַחנטער פּאָעמע „פריידקע״ מיט אירע ישראל־לידער. זיי פאַראייניקט בלויז דער באַגריף „קאַמף״: פון פּראָלעטאַריער, וועלכער רעוואָלטירט זיך קעגן זיין מעמד, און פון ציוניסט, וועלכער קעמפט פאַר אַ נאַציאָנאַלער היים און נעמט פאַר ליב זיין שווערע דאָליע.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז אויסגעבונדן מיט דער פאָלקס־לעגענדע און נאָענט מיט אַלע אבות. עס דרייט זיך אַרום אין איר ליד אליהו הנביא אין דער היימישער מיסטעריע פון די באַגלייט־סימבאָלן. ס׳איז דאָ ס׳אייזעלע, ס׳ציגעלע דאָס ווייסע און די דיכטערין באַנוצט זיך מיט זיי ווי מיט אַן אייגנטום, ווי זי אַליין וואָלט געווען די לעגענדע פון אונדזערע אמהות. פאַראַן ביי איר אויך פערזענלעכע, אומעטיקע לידער און מען נעמט זיי אויף ווי אַ קאָלעקטיוון אומעט. טייל לידער זענען שטיפעריש,

קונדסיש, ווי צום ביישפּיל, „צום מלך שלמה קומט די הערלעכע שולמית", „דאָס ליד פון דרום", „לולאי" א. אַנד.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס שאַפונגען האָבן באַקומען אַ נאַציאָנאַלע באַ־פאַרבונג, נישט נאָר דערפאַר וואָס זי האָט געלעבט אַ געוויסע צייט אין ישראל; זי איז אין תוך גענומען אַ דיכטערין געגערט פונעם תנ״כישן וואָרצל. אין אַלגעמיין קאָן מען באַצייכענען איר דיכטונג ווי סטיליזירטע פּראָזע, כאָטש די שפּראַכבאַזע איז אַ פּאָעטישע.

מיטן בוך לידער „דער מלך דוד איז אַליין געבליבן" אַנטפּלעקט זיך קאַדיע פאַר אונדז אין איר גאַנצער דיכטערישער פּאָטענץ. מיט איר ברייטער וויזיע קאָן זי אַלץ אַרומנעמען. באַזונדער האָט מען אַ גרויסע הנאה פון איר ציקל פּאָעמעס „בדיחות". די דאָזיקע לוסטיקע לידער זענען באַווירצט מיט אַ היפּשער דאָזע גאַל. זי גלאַנצט דאָ מיט שפּילעווי־דיקייט און סאַטירע. אירע שפּאַס־לידער, ווי אַ בונטאַרער עכאָ געצילט אין דער קריטיק, זענען נאָר סטיליזירטע און אַמוזאַנטע איראָניע.

אַ פּריווילעגירטן פּלאַץ פאַרנעמט זי אויך אין דער קינדער־ליטע־ראַטור. דער וויזיע־עלעמענט אין אירע קינדער־פּאָעמעס איז אַ פאַנ־טאַסטיש רייכער. די פּערזן זענען נישט סטאַטיש, נייערט אַן אימאַ־זשינאַציע, וואָס צעגייט זיך אין קאָלירטע סטענגעס. אין איר לעצטן בוך לידער „מאַרציפּאַנעס" טרעפן מיר אַ טייל פון באַקאַנטן דראַמאַטישן פּער־סאָנאַזש, ווי „אַ מאַנטל פון אַ טונקעלן געוואַנטל", „אַלקע מיט דער בלויער פּאַראַסאָלקע", „די דאַמע מיטן הינטל" און אַנדערע שפּילעוודיק באַחנטע לידער.

**
*

צו דער פּראָזע פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי בין איך געקומען מיט אַן אויפנעם־גרייטקייט צו געניסן. דאָ וואָלט מען געקאָנט מאַכן דעם פאַלגנ־דיקן אויספיר: דאָס געניסן איז קאָרעלאַטיוו צום פענאָמען פון שאַפן.

איר בוך דערציילונגען „אַ שטוב מיט זיבן פענצטער" טוט אייך אָן אַ שמייכל פון הנאה וואָס האַלט אַן ביזן סוף פון בוך, אַזוי מחיהדיק ווינטלט

אויף אונדז איר חכמה און כוח־הדיבור. ס'רוב דערציילונגען זענען רעטראָ־ספּעקטיווע, אויפגעלעבט פון דער אַלטער, פּוילישער היים. זיי מאָבילי־זירן אונדזערע חושים, וועקן סענטימענטן פון נאָסטאַלגיע און באַוועגן אונדזערע עמאָציעס. פון איין זייט אויסגעוואָרצלטקייט פון דער פּוילישער היים, פון דער אַנדערער — איינפלאַנצונג אין אַמעריקע. פאַרבינדנדיק צוויי פּאָלוסן באַשאַפט זי דעם אויטענטישן טיפּ ייד, וואָס אינטעגרירט זיך נאָר טיילוויז אין דער נייער סביבה און לעבט אין אַ קאָנסטאַנטן אָפּקלאַנג פון דאָ און דאָרט. דערפאַר אָבער ברענגט ער מיט פון אַלע פרעמדן די זאַפטן פון זיין וואָרצל אין אַ נייער פרעמדקייט. אין דעם גאַנצן ציקל דערציילונגען קומט צום אויסדרוק דאָס איינגלידערן זיך אין דער נייער היים, דאָס האַלבע אַסימילירן זיך פונעם אַלטן דור און דאָס אויסבריען זיך פון נייעם, ווי אַמעריקאַנער. אין רעזולטאַט פון דער אַהין־און־קריק־אַסימילאַציע שאַפט זיך אַן אייגענער שפּראַך־אידיאָם, אַ פאַרענגלישטער יידיש אָדער פאַריידישטער ענגליש. מיטן זעלבן סופיקס „לע" ווערט פון אַ קליידעלע אַ „דרעסעלע", ווי עס ווערט אין פראַנקרייך פון אַ היטעלע — אַ 'שאַפּעלע"... אָבער טראָץ דער אַמעריקאַנישער באַ־פאַרבונג פון די אַריבערגעוואַנדערטע בלייבן זיי נאָך אין זייער מהות אַלטהיימיש, נאָענט צו די אַלטע טראַדיציעס. די וואָס ווילן דווקא אַרויפּ־ציען די נייע הויט פון אַסימילאַציע קומען אָפּט מאָל אַרויס קאָמיש, לע־כערלעך, אָבער נישט אומסימפּאַטיש.

ווי אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען די דערציילונג „דער פאַרלוירענער שבת". דאָרט איז געשטעלט דער טראָפּ אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ טייל קליינשטעטלדיקע אויסגעגרינטע אימיגראַנטן. אין צענטער פון דער באַטעמטער דערציילונג געפינט זיך דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע, וואָס איז געוואָרן פון טויבע־פייגעלע — „טערעזע־פיליפּינע"... כאָטש איר מאַמע פּראַקטיצירט די טעאָריע פון וויטאַמינען, צינדט זי ליכט פרייטיק — און דער זיידע רופט זי, ווי עס פּאַסט צום פרייטיק־צו־נאַכטס, ביים יידישן נאָמען 'טויבע־פייגעלע".

די שכנה צו וועמען דאָס קינד קומט אָפּט אַריין, האָט געמאַכט אַ גראַם צו איר נאָמען: „טויבע־פייגעלע, אַ מויד ווי אַ בייגעלע". איין מאָל

זאָגט איר די מאַמעביים ליכט בענטשן, אַז דער זיידע וועט נישט קומען אויף שבת, ער ליגט אין שפּיטאָל. דאָס קינד לעבט איבער די דראַמע פון „פאַרלוירענעם שבת".

אין דער דערציילונג „די בשותפותדיקע סוכה" איז פאַראַן אַ בילד פון צוויי משפּחות, וואו ס׳קומט צום אויסדרוק די מאָראַל פון רייך און אָרעם. ווען דער מאַטעריעלער מעמד ווערט פּלוצעם אויסגעגליכט, געניסן דערפון נישט אַזוי די דערוואַקסענע שכנים, נייערט זייערע צוויי קינדער: ברוכל און כינקע. פּונקט ווי מיר לעבן איבער די דראַמאַטישקייט ביים קינד מיטן עקסצענטרישן נאָמען „טערעזע־פּיליפּינע", אַזוי לעבן מיר איבער די ליכט פון צוויי גליקלעכע קינדער, וואָס זיצן אין איין סוכה.

„דאָס ווייסע חופּה־קלייד" איז נישט קיין נייעס אינעם אַלטן שטייגער־לעבן. דער חתן קומט נישט צו דער חופּה, ווייל ס׳פעלט צום נדן... דער סוף לאָזט זיך אויס טאַקע מיט דער חתונה, ווייל די נגידיתטע פון שטעטל שיקט צו די רעשט פון דער צוגעזאָגטער סומע. די דערמאָנטע דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט דער גוט דאָזירטער דראַמאַטישער אַקציע און צימצום.

די קינסטלערין פון דער קורצער דערציילונג דערקענט מען אין איינציקע ווערטער, ווי דאָס איז בולט אין „אַ פּוטערנער מאַנטל".

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי גיט אונדז נישט קיין פּאָעטישע פּראָזע, אינעם זין פון געדיכטע נאַטור־באַשרייבונגען, נאָר אַ קאָרעקטן מאַמע־לשון. דער סיפּור־המעשה איז נישט אַרומגערעדט, נייערט אַרויסגערעדט. דאַקעגן טרעפן מיר די פּאָעטעסע ביי אַ דיאַלאָג פון אַן אינטעליגענטן פּערסאָנאַזש, ווי מיר געפינען דאָס אין איר ראָמאַן „ביים טויער". די נאַטור־באַפּוצונגען האָט זי פּשוט נישט נייטיק, ווייל זי דאַרף נישט אויספילן אַ בלויז. מיר דאַכט, אַז זי דערזעצט דאָס מיט איר חכמה און פאַרגלייכן, וואָס זענען שיין און אַמוזאַנט. אָט לדוגמא, ווי אירע פאַרגלייכן זענען אָריגינעל: „ער האָט אַ בויג געטון דעם האַלדז, ווי ער זאָל אַראָפּשלינגען אַ פליג" (פון דער דערציילונג „ער איז הייזעריק געוואָרן פון קאַרגשאַפט").

די געדאַנקען, אַרויסגעזאָגטע פון אירע העלדן, איבערראַשן גאָר אָנגענעם. אַ טייל ווערן באַגלייט פון אַ לעבעדיק בילד אָדער מאַטעריעלן זשעסט: „פּישל אַ ביסל פאַרוווּנדערט, וואָס זי האָט אים אָנגערופן „פּיליפּ״ האָט אַ שמייכל געטון און האָט טיף אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע, ווי ער זאָל דאָרט דאַרפן אַריינלייגן זיין נייעם נאָמען „פּיליפּ״. „און אַז חיה־איטע האָט אָנגעפּאַסט אַ היטעלע און האָט געזאָגט „עקסע־לענט״, איז דאָס געווען מיט אַזוי פיל אויטאָריטעט, ווי זי זאָל זיין דעם צווייטן טערמין אַ פּרעזידענט״. „ער האָט אַ הוסט געטון, ווי ער זאָל פון מאַרקוסעס רייד כאַפּן אַ פאַרקילונג״.

אָט איז אַ באַוועגלעכער אימאַזש: „די מיסיס פּאָטאָק, וואָס טראָגט אַ קאָשעק מיט יידישע מאכלים צו איר טאָכטער, טראָגט אַזאַ עלעגאַנטן זומערהוט, אַז ס׳זעט אויס ווי ער זאָל גיין באַזונדער און געהערט נישט צו דער פרוי, וואָס גייט אַ ביסל איינגעבויגן מיט אַ שווערן קאָשעק אין האַנט״. (פון „דער איידעם״).

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף אירע פאַרגלייכן, ווי אַן אָרנאַמענט צום דערציילערישן סטיל, וואָס לאָזט נישט לייענען רואיק, נאָר וועקט און סטימולירט. נישטאָ קיין שיינגייסטער אין איר פּראָזע, קיין אַריסטאָ־קראַטיע אין מאַטעריעלן זין. איר פּראָזע איז אַ רעטושירטע קלישע, אַרויסגעריסן פון לעבן. די העלדן זענען פּשוטע און באַוועגן זיך אינעם ענגן קרייז פון דער טאָגטעגלעכקייט. טאָמער כאַפּט זיך אַרויס אַ דאָקטער פון פאַרהאָרעוועטע עלטערן, ווי אין דער דערציילונג „דער איידעם״, איז ער ווייניקער סימפּאַטיש, ווי זיין שוויגער, וועמען ער גיט אַ לעקציע ווי אַזוי מען דאַרף רעדן מיט די אינטעליגענטע שכנים פון הויז...

אין דער באַגרענעצטער אידייען־וועלט פון אירע פיגורן ברענגט זי אַרויס דערציילונגען מיט אַ תוכיקן אינהאַלט אין לעבן. „הינדע די גערט־נערקע״, וואָס שפּאָרט גראָשנס ביי איר גאַנצער אָרעמקייט, לאָזט שרייבן אַ ספר־תורה. אָדער „זרח דער קהלישער״, אַ מענטש אַ קבצן אין זיבן מאָל זיבן פּאָלעס, נאָר מיט אַ וואַרעם האַרץ, ווידמעט זיך מיט לייב און לעבן צו באַדינען ס׳שטעטל און שטאַרבט, קערנדיק מיטן בעזעם דעם הויף פון הקדש־שטוב.

לאָמיר צוריק גיין צו דער ערשטער דערציילונג „אַ שטוב מיט זיבן פּענצטער", וואָס איז אויך דער טיטל פון בוך. באַשקע די גבירטע איז נישט נאָר אַ טיפּ פון אַ פּרוי אַ פּיאָנערין פון פּראָגרעס. ווען זי באַשליסט צו קויפן אַ נחלה און בויען אַ היים אין ישראל, העלפט נישט דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך פון מאַן און אויך נישט דאָס אַריינמישן זיך פון רב. זי לאָזט איר ווירטשאַפט מיטן רייכן וואַלד־סוחר, נעמט מיט אירע צוויי קינדער און לאָזט זיך אין וועג אַריין קיין ישראל. באַלד אין אָנהייב פון דער מעשה דערוויסן מיר זיך, אַז באַשקע האָט נאָך אַלס מיידל געריטן אויף אַ פערד. דאָס איז דער קינסטלערישער אָנזאָג, וואָס באַגרינדעט די שפּעטערדיקע היים־רעוואָלוציאָנערין. די דערציילונג גיט אונדז נישט בלויז דעם לייען־פאַרגעניגן, נייערט אַ דאָפּלטן, צוליב דעם דורכברוך צו עמאַנציפּאַציע, צו די רעכט פון דער פרוי פאַר איר זעלבשטענדיקייט.

כמעט יעדע דערציילונג ווירקט ווי אַ שטיינדל, וואָס מען וואַרפט אין אַ רואיק וואַסערל. עס רודערט אויף רינגען. עס קרייזלען אַרויס געדאַנקען ביים לייענער, וואָס באַהעפטן זיך אַקטיוו מיטן מחברס שאַפן.

***

דער שליסל מאָטיוו פון ראָמאַן „ביים טויער" איז אויסשליסלעך די ליבע צום לאַנד און צו די רעשטלעך אויסגעוואָרצלטע יידן, וואָס קומען פון אַלע עקן פון דער חרובער אייראָפּע העלפן אויפבויען דאָס יידישע לאַנד.

באַלד פון אָנהייב, ווען ס'קומט דער לאַסטוואָגן מיט עולים צום לאַגער תלתילה, איז דער ערשטער און איינציקער נעגאַטיווער העלד אַ ישראל־דיק אייזל, וואָס שטייט ביים טויער און שטערט דעם אַריינפאָר. הערן מיר אַן איבערוועדל: „אַ מענטש זאָל נישט קאָנען אָוועקטרייבן אַן אייזל! האָסט שוין געהערט? אַ מדינה האָט ער אויסגעבויט און אַן אייזל קאָן ער נישט אָוועקטרייבן. האָסט שוין געהערט?".

דער אַריינפיר איז אַן אַדערויף, וואָס סטימולירט דעם אינטערעס צום פיר־הונדערט־בלעטערנדיקן ראָמאַן. תּלתּילה דאַרף זיין אַ קיבוץ, וואָס טראָגט דערוויל בלויז דעם נאָמען פון אַ קאָמונאַלער ווירטשאַפט. אין דער אמתן איז עס אַ לאַגער, וואָס באַגרענעצט זיך דערוויל צו עטלעכע געצעלטן מיט אַ באַראַק און אַ גרויסן שטח נאַקעטע, בלאָטיקע ערד, וואָס וואַרט נאָר אויף דער ברכה פון דער דריי־איינקייט: אַקער, זיי און בוי. יעדער איז אַהערגעקומען ווי אַן אָפּגעבערענטער מיט זיינע קאָשמאַרן פון אַן איבערגעריסענער איינגעפונדעוועטקייט און אַ נייעם חלום פון אָנהייב.

ביי שלמה שאַפּיראָ איז דער גאַנצער אינטערעס צום לאַנד דאָמי־נירט פונעם ווילן צוריק אויפצובויען זיין ציגעלניע. דער תּימנער האָט אַ מער באַשיידענעם פאַרלאַנג: בלויז אַ ציג זאָל די מדינה אים געבן...

צו דעם דאָזיקן געשיכטלעכן אמת האָט מען באַדאַרפט צולייגן אַ שטאַרקע האַנט און דעם כּוח פון גייסט. מיר זעען אין דעם בוך די מדינה אין איר טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט און געראַנגל, אַ מדינה אין כּסדר־דיקער, דינאַמישער באַוועגונג פון וואַקסן. מען קאָן, דאַכט מיר, געבן די פאָלגנדיקע דעפיניציע: ישׂראל איז געשאַפן געוואָרן פון איינפאַל און ווילן. מיר זעען, ווי אינעם פּראָצעס פון פאַרקאָכן איינפאַל און ווילן, וואַקסן אַריין אויך די בירגער. ביטחון איז אַ וויטאַלע נויטווענדיקייט, ווילן — די גאַראַנטיע צו דערגרייכן. מיט אָט דעם קאַפּיטאַל פון די צוויי אייגנשאַפטן וועט געבוירן ווערן שלמהס ציגעלניע...

עס גייען אַדורך אינטערעסאַנטע פיגורן אין דעם ראָמאַן. ביים סאַמע אָנהייב ווערט אַריינגעפירט צביה, אַ יונג מיידל, די איינציק אָפּגעראַטע־וועטע פון אַ גאַנצער משפּחה. אַ גוטע, אַ צוגעלאָזענע, אַן אַרבעטזאַמע, קריגט מען זי ליב. צביה ווערט דאָ געוויזן ווי אַ דאָמינירנדיקער מאָדעל פון אַ חלוצה. זי איז אויך אַ שיינע און אין איר פאַרליבט זיך דער אָפּיציר יאיר, אַ רמז אויף דעם העלדישן קאָמאַנדיר פון דער מצדה, וואָס האָט געקעמפט קעגן די רוימער. זי איז אָבער אין בוך נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, די אַקס פון ראָמאַן איז דאָס לאַנד גופא. אַלע פיגורן, וואָס

אַרבעטן און ווירקן צום אויפבוי, זענען גלייכע העלדן. זיי זענען גלייך אין דער ראָמאַנטישער פאַרבינדונג מיט די אַרומיקע רויע באַדינגונגען. אָט זאָגט דאָך פּנחס, דער אָנגעשטעלטער אין דער פּלי־געזעלשאַפט:
„יעדער איינער איז אַ חלוץ. דאָס גופא, וואָס מען געפינט זיך אין לאַנד, איז שוין אַ קרן קימת. מען טאָפּטשעט אין דעם זאַמד! און אויף דעם דאַרף מען האָבן פיס, אַן פיס קאָן מען דעם זאַמד נישט איינטאָפּטשען."

פּונקט אַזוי איז צפּורה, די פאַרוואַלטערין פון קיבוץ תלתילה, אַן אינטערעסאַנטע און מאָמעדיקע, וואָס טראָגט דעם עול פון דער גאַנצער מדינה. עס גייט אפילו אַרום אַ קלאַנג, אַז מען רופט זי אין כנסת... אַ רמז, אַז אַן איינפאַכער אַרבעטער קאָן דערגיין צו הויכע מדרגות — און פאַרקערט, מיט הויכע קוואַליפיקאַציעס קאָן אַ ישראלדיקער מענטש זיך אויך פאַרנעמען מיט פיזישע און באַלעבאַטישע אַרבעטן.

מיר גייען איבער פון איין פאַזע פון אַנטוויקלונג צו אַ צווייטער. דאָס אַקספּעלד־הויז מיט די פאַרוואַלטערינס סאַבינע און מאַדזשי. די לעצטע רירט זיך נישט אַן איר תנ"כל, ווו זי שעפּט איר לעבנס־חכמה און באַנוצט זיך דערמיט, ווי זי זאָל דאַרפן געפינען אַן ענטפער אויף אַלע פּראָבלעמען פון לעבן. מען זעט אין דעם הויז די עלנטע מיידלעך, וואָס לערנען שניידעריי, ווערן פּראָדוקטיוו און האָבן גלייכצייטיק אַ היים, און שפּעטער דאָס נייע הויז פון באר־שבע, די פאַרגרעסערטע קליידער־אינדוסטריע, ווו צביה ווערט מיטפאַרוואַלטערין. יאיר — איינער פון די ערשטע בויערס אין נגב, וואָס ווערט אין ראָמאַן אָנגערופן „שמש", גייט זיך צונויף מיט צביה און ער פלאַנצט דאָס ערשטעביימל „אהבה", אַ סימבאָל פון ליבע, וואָס איז דער טריאומף, נישט נאָר פון אַ פּאָרל, וואָס האָט זיך ליב, נייערט דער סימבאָל פון ליבע צו אייגענער ערד. דער ראָמאַן „ביים טויער" איז אַ היסטאָרישער פּרעסק פון אויפבוי, פון מסירת־נפש פאַר אַן אייגן לאַנד.

**
*

דער לייענער האָט דאָ געפונען בלויז אַ קורצן איבערבליק איבערן סכום פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס שאַפן. אַן אָנגעשטראַלטע פון נאַציאָנאַלע

וויזיעס, אַרויסגעליכטיקטע פון פאָלק און פון זיך, איז זי נאָכגעגאַנגען די טריטלעך פון קינד, כדי אַרויסצוברענגען אייביקע ווערטן. אינעם סך־הכל האָט זי פאַרדינט דעם שבח צו זיין די פרייד פון קינד, דאָס פאַרגעניגן פון לייענער — און אַ קוואַל פון באַגייסטערטער אָנרעגונג פאַרן קריטיקער.

אידע מאַזע

אַ קינדער־פּסיכאָלאָג דאַרף נישט זיין קיין דיכטער אויף אַרויסצו־ברענגען די רעזולטאַטן פון זיינע אַנאַליזן; אַ קינדער־דיכטער מוז אָבער אויך זיין אַ פּסיכאָלאָג בכדי אויסצופאָרשן דעם באָדן פון קינד.

אידע מאַזע האָט באַוויזן אין אַ סך לידער, אַז זי קאָן זיך פאַרטיפן אין דער קינדער־פּסיכיק. זי גייט נאָך דעם קינד אין זיינע פיסטריטלעך, זאַמלט אויף זיינע אויפטועך. מיטן אויסמעסט פון אַ דיכטערין פאַררע־גיסטרירט זי די פאַזן פון זיין אַנטוויקלונג, פון זיינע פריידן און דורכ־פאַלן ווי אויך דעם גאַנצן קאָמפּלעקסן־אויפוואַך פון שטעלן פראַגן, פון וואָס די דערוואַקסענע ווערן פריער מיד צו ענטפערן, ווי דאָס קינד פון פרעגן.

אידע מאַזע איז פריער פאַר אַלעם אַ מאַמע — אַ מאַמע, וואָס האָט דורך אירע קינדער־לידער זיך געקויפט אַ סך קינדער־פריינד...

אָט אַזוי שאַפט זי גראַמען און פאַרגאַנצט זיי מיט בילדער, וואָס זענען אַזוי אייגן דעם קינד און וואָס לערנען אים גלייכצייטיק:

„זעט קינדער פון זייגער
די הענטלעך קליין,
ווי זיי אַרבעטן פלייסיק
און האַלטן זיך ריין".

(פון בוך „וואַקסן מיינע קינדערלעך")

אַ קינדערליד איז אַ ריטמיש קלאַפּן פון אַ קינדער־הערצל — און פאַרן דערוואַקסענעם, ווי פאַרן קינד איז עס אַ נחת צו הערן אין ליד דעם אייגענעם האַרצקלאַפּ, דאָס אָפּבילד פון זיינע שפּילערייען. דאָס בוך

איז זייער שיין באַצירט מיט צייכענונגען אָבער צו ווייניק. עס וואָלט געווען געוואונטשן, אַז יעדעס ליד פאַר קינדער אינעם אויפנעם־פּעריאָד זאָל האָבן זיין אילוסטראַציע. אַ באַוויז דערפאַר איז זייער דערפינדע־רישקייט אינעם באַלעבן טויטע זאַכן.

דער פראַנצייזישער פילאָסאָף טהעאָדול ריבאָ האָט אין זיינע עקספּע־רימענטאַלע אַרבעטן אָבסערווירט ווי אַ קינד פון דריי יאָר וואָס שרייבט איבער פונעם אַלפאַבעט דעם אות "L", גיט צו פּלוצלונג אַ שטריך און אַנטדעקט גלייך אַן ענלעכקייט צו אַ מענטש, וואָס זיצט... אַ צווייט מאָל האָט דאָס קינד געמאַכט אַן "F", אָבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און פוס אַרויף... דערזעענדיק דערנעבן די קאָרעקטע "F", האָט ער אויסגערופן: „אָ, זיי רעדן דאָך צווישן זיך!" דער דאָזיקער ביישפּיל באַווייזט, ווי די קליינע פּעריפעריע פון קינדס באַוווסטזיין זוכט זיך אויסצוברייטערן אויף דער וויזועלער וועלט. דעריבער איז נישט גענוג פאַרן קינד בלויז איבערצו־חזרן זיינע אַנטפּלעקונגען פון וואָרט, מען דאַרף זיי דערגאַנצן מיט אַ רייך, וויזועל פעלד פון בילדער.

„דער שרייבער" פון אידע מאַזע וויסט נישט פאַר וואָס מען שרייט אויף אים... ער זיצט דאָך אַזוי שטיל אונטערן טיש און שרייבט בריוו פאַר אַלעמען. ס'איז אים אָבער נישט אַזוי באַקוועם צו שרייבן מיט דער פּען און אין העפט, שרייבט ער מיטן פינגער אויף דער וואַנט...

אָדער אַ צווייט ליד פון אַ רעוואָלטירנדיקן כאַראַקטער. אָבער כדי נישט צו רעדוצירן דעם חן פון דער דיכטערינס שאַפונג, וועל איך צי־טירן דאָס ליד:

„מאַמע איז שולדיק"

איך בין אַ קליין, קליין יינגעלע,
איך קאָן קיין זאַך נישט טאָן,
און שולדיק איז אין דעם מיין מאַמע,
ווייל זי זאָגט מיר שטענדיק אָן:

טו ניט דאָס און טו ניט דאָס,
און ריר קײן זאַך ניט אָן,
מוז איך שטענדיק פאָלגן מאַמען
און קאָן דערפאַר קײן זאַך ניט טאָן״.

אין דער זאַמלונג „וואַקסן מײנע קינדערלעך״ גײט אַרײן אַ ציקל מוטער־לידער, וועלכע איך קאָן נישט פאַרבײגײן און נישט צושטעלן די לעצטע סטראָפע פונעם מאַמישן ליד:

„פאַלט אַ בליץ דורך פינצטערניש,
באַלויכט ער מײנע קינדערלעך;
ציטערט, קלאַפּט דאָס האַרץ אין מיר,
ווי האָגל אויף די שינדעלעך״.
(„האָגל אויפן דאַך״)

אײדע מאַזע פאַרענטפערט זיך אינעם פאָרוואָרט, אַז זי איז באַאײנפלוסט געוואָרן פון דער ענגלישער ליטעראַטור און פראָבירט נאָכמאַכן אײניקע לידער פון אָנגעגעבענע מחברים. די דאָזיקע נאַאיווקײט איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר איר. ווײל אײדע מאַזע איז אַ קינד (נישט חלילה אין שלעכטן זין), זי איז אַ דערוואַקסן קינד. דעם מהות פון דער דיכטערין געפינען מיר אינעם ליד „צו מײן מאַמען״ און אין אַנדערע לידער, ווו זי גיט איר פאָרטרעט פון מאַמישקײט, פון וועלן אײביק זײן פאַרשפּילט מיט די קלײנע מענטשעלעך און מיט דער מיניאַטור־וועלט, וואָס רינגלט זיי אַרום.

דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אומעטיקע לידער, אַרויסגענומען פון די פריערדיקע זאַמלונגען. דאָס זענען צאַרטע עלעגיעס, ביז גאָר רירנדיקע תּפילות פון אַ מאַמע, וואָס האָט פאַרלאָרן אַ קינד. אוודאי זענען די לידער נישט אַרײנגעפּאַסט אין דער זאַמלונג, ווי זי אַלײן באַמערקט עס, נאָר לאָמיר מוחל זײן דער דיכטערין, צוליב דער איבערגעגעבנקײט פון מאַמישן געפיל, וואָס האָט זי באַווירקט דאָס צו טאָן.

רחל קאָרן

ליד און פּראָזע

ווען מען טראַכט פון דער דיכטערין רחל קאָרן, מוז מען גלייך טראַכטן פון דאָרף, ווי וועגן אַ סימבאָל פון איר פאַרוואָרצלטקייט. אין דאָרף האָט זיך געעפנט איר פּאָעטישע וועלט. קאָנצענטרירט אויף דער נאַטור האָט זי געגעבן פרייען שווונג אירע מיידלשע חלומות אין ליד און אין פּראָזע. אירע ערשטע לידער טראָגן מיינסטנס אַ ווייבלעכן כאַראַקטער און זענען מוסטערן פון אָריגינעלקייט, וואָס דער פּאָעטישער דראַנג האָט אַרויסגעשטויסן פון אונטער דער נאַטור־מאַסקע.

אָט זענען פינף שורות פון איר ליד „זומערדיקער רעגן״:

„ווי פאַרזעסענע מיידלעך שטייען איבערצייטיק
פולע לאַנגעס תבואה
און וואַרטן אויף די זינגנדיקע מחותנים,
וואָס זענען אַלץ נאָך נישט געקומען
צוליב די אָבלדיקע, כמאַרנע רעגן־טעג״.

מיר זעען דאָס בילד ווי אַן אַלעגאָריע צו די פאַרזעסענע מיידלעך, ווו ס׳איז אונטערגעשטראָכן די קריטעריע פון ספּעציפישער ווייבלעכקייט. און אין דעם זעלבן כאַראַקטער איז דאָס ליד „חשוון״:

„די פרישע שוואַרצע סקיבעס ערד
ליגן הכנעהדיק און מיד אַנטקעגן אָסיענדיקער זון
ווי געווינערינס אין זייער ערשטער קימפּעט,
וואָס שמייכלען שטיל אָפּער פון זייער וווייטיק
און זענען גרייט צו ווערן מאַמעס נאָך אַ מאָל״.

די פּלאַסטישע בילדער קומען אונדז פאָר ווי פיגוראַנטן צו לעבע־דיקע סצענעס פון אַ שפּילעווודיקער אָנוועזנהייט: „געווינערינס... וואָס שמייכלען שטיל אַפּער פון זייער ווייטיק".

רחל קאָרנס דיכטונג איז פילפאַרביק אין איר סיוזשעט. זי דריקט אים אויס אין אַ פיגורעלער, פּאָעטישער צאַרטקייט און מיט אַ פשטות, וואָס דרינגט אַריין אין געמיט. אַזוי איז זי אין אַלע אירע לידער, אין די פריערדיקע ווי אין די שפּעטערדיקע. מען קאָן אויפמישן צופעליק אַ בלאַט און נעמען אַ סטראָפע פון אַ ליד — זאָל זיין פון איר בוך „באַ־שערטקייט" און זען, ווי אין געציילטע פיר פערזן ווערט אויפגעשטעלט די ביאָלאָגישע דראַמע פון דער פרוי:

„און ווי דאָס ערשטע ברוינע בלאַט,
אויף זומערדיק צעגרינטן בוים,
באַהאַלט זיך אויס פאַרשעמט מיין גראָע האָר
און קברט שטיל איבער מיין יונגן טרוים".

אַ ליד איז אפשר נישט מער ווי אַן אויסרייד אויף איבערצוזעצן אַן אָנגעלאָדן געמיט. קאָן זיין, אַז ס'ליד פּירט אפשר אין ערגעץ נישט, ס'איז אָבער דער נס פון אילוזאָרישער טרייסט.

דער דיכטערינס אַלע לידער זענען באַזוימט מיט אַ חשוונדיקן טרויער. אַן עלעגיע וואָס נעמט אַרום די וועלט און דינט, מסתמא, ווי אַ נשמה־געלייטער קודם כל דער דיכטערין אַליין.

ווען דער זומער נייגט צו שקיעה און פאַרגיי ברענגט זי אונדז די קומענדיקע שורות:

„דער ווינטער האָט קמצניש איינגעקנייטשט די טעג
און מיט תכריכים־שטעך פון ווייסן פראָסט,
פאַרנייט דעם שפּאַלט צו בענקשאַפטן און טרוימען".

איר בוך „די גנאַד פון וואָרט", דערשינען אין 1968, איז נאָך אָנגע־זאַפּט מיט נאָכווייען פון דער לעצטער מלחמה. דער טרויער פון יענער

הפקרדיקער צייט רייסט זיך אַריין אין יעדן ליד אירן און איר וויזיע גרייכט אין רעטראָספּעקטיוו, צו דער באָבען („באַשיץ מיך און באַהיט״):

„אַרום מיר איז נאַקעט הויל און גאָל —
עס דינגען זיך אומזיסט
די צינגלעך פון דער וואָג,
דער שפּעט־האַרבסט ווינטיקט אַריין
אין מיין נישט באַוואָרנטן טאָג״.

„נשמה־לאַנדשאַפטן״ איז אַ זעלטן געראָטענער טיטל צו איר משפּחה־לידער, אָבער די אינטימקייט איז אפשר נאָר אַן אויסרייד, וואָס איז כולל דעם כלל, ווי דאָס פאַנטאַסטישע ליד פון די שטעקשיך, וואָס רע־וואָלטירן זיך, מען זאָל זיי נישט פירן כסדר צו די קברים, נייערט צו דער שוועל וואָס היט נאָך דאָרטן „די שיין פון אַמאָליקן גליק״. אָבער צו גלייך מיט דער מתנה פון עכטער דיכטונג דאַרף אַ דיכטער האָבן אַזאַ גרויס האַרץ, וואָס זאָל דינען ווי אַ קאָלעקטיווער קבר פאַר אַלע אומגע־בראַכטע קדושים. רחל קאָרן פאַרמאָגט עס. אין איר ליד „צו מיין נישט געבוירענעם זון״ דערקלערט זי:

„פון אינעווייניק קומט די קעלט
ווי ס׳וואָלטן זיך צעעפנט אַלע קברים,
וואָס כ׳טראָג אין זיך
שוין אַזוי פיל יאָר״.

דער טיטל פון איר בוך „פון יענער זייט ליד״ — זאָגט אָן די עלעגיע; ווי דער טרויער וואָלט זי באַצוווּנגען אים אויפצוּנעמען אין איר ליד. זענען טאַקע אירע לידער מאָנומענטן פון אַ טיף־אויסגעזונ־גענעם צער. ווען זי זאָל נאָר האָבן געשאַפן די איינציקע פּאָעמע „איוב״, וואָלט מען געמעגט זי אָנרופן גרויסע דיכטערין. ווייל דאָ איז דער סיוזשעט גלייכמאָסיק צו אירע פּאָעטישע מעגלעכקייטן.

פון דעם לעצטן ציקל לידער „ווי פון תנ״ך אַרויס״, פון איר בוך „פון יענער זייט ליד״, פילט מען דעם רוח הקודש, וואָס האָט גענידערט אויף איר פון ישראלדיקן הימל. אין די דאָזיקע לידער געפינען מיר דעם הויכן גראַד פון אינספּיראַציע. דאָרט האָט זי אָנגעפּילט אירע זינג־באַטעריעס. מען פילט דעם אויסלאָד פון אָנטציקונג, וואָס דאָס פּאָעטישע געמיט האָט אָנגעזאַמלט. אַלע דיכטערס, וואָס קומען אין קאָנטאַקט מיט דער ישראל־לאַנדשאַפט פילן אָפּ אַ פרישן שאַפונגס־כוח. אויף דער גרענעץ צווישן פילן און קענען ליגט נאָך אַ גאַנצע וועלט. ביי אונדזער דיכטערין קאָן מען דאָס אָנרופן: דער ראָמאַנטיזם. דער דאָזיקער עלע־מענט שלאָגט דירעקט פון דער נאַטור אַריין אין אירע לידער, וואָס ווערן ווערבאַלע לאַנדשאַפטן.

רחל קאָרן, וואָס ווידמעט אַזוי פיל שורות דעם טרויער און זינגט אַרויס איר חכמה מיט באַשיידנקייט, דינט ווי אַ באַוויז, אַז ישראל איז דער ווירקנדיקער באַלזאַם אויף אויסצושעפּן אָט דעם צער.

קלוגשאַפט פון דיכטערישן אויסדרוק האָט זיכער אַ נאָענטע שייכות מיטן פּראָדוקט פון דערפינדערישקייט אויפן מאַטעריעלן געביט; די וועגן זענען נאָר אַנדערע. מיר קאָנען געשטאַלטיקן מיט פיזישע מיטלען אַנטפּלעקערישע איינפאַלן דורך אַן אַנטשטאַנענער נויטווענדיקייט. פּאַ־ראַנען דיכטער, וואָס פּראָדוצירן חכמה און פילטרירן זייערע נשמה־איינדרוקן. אָט דעם גייסטיקן עסטעטיזם באַוווּנדערן מיר ביי דער דיכ־טערין רחל קאָרן.

פּונקט, ווי די קורץ־שורהדיקע קונסט פאַרמאָגט אַזאַ איבערכוח, וואָס איז מסוגל אָפּצושאַפן אַלע גרענעצן פון אוממעגלעכקייט, מוז מען אין קעגנטייל קענען איבערגעבן אין פּראָזע די געשעענישן פונעם מענטש־לעכן לעבן, אונדזער ערדישן גאַנג, אויף אַ סובלימירטן אופן פון קאָנדענסירטער נאַרראַציע. רחל קאָרן איז איןביידע געביטן הויך טאַ־לאַנטירט. אַ קינד פון דאָרף, וואָס איז געוועזן נאָענט און פאַמיליאַר מיט יעדן באַשעפעניש און מיט אַלץ, וואָס ווימלט אויף דער ערד, האָט זי באַרייכערט אונדזער פּראָזע־ליטעראַטור מיטן פויערים־מאָטיוו. אין אירע

נאָוועלן „ערד" אַנטפּלעקט זיך דער הינטערגרונט פון דער דיכטערינס צוגעבונדנקייט צום דאָרף, צום פּויער, צו זיין אָרעמער דאָליע און פּאָל־קישן אידיאַם. באַשרייבן דעם דאָזיקן סאָציאַלן שיכט, הייסט אין אַ געוויסן זין, זיך סאָלידאַריזירן מיט אים, אַרויסווייזן פאַרשטענדעניש, מיט־געפיל. רחל קאָרן לעבט זיך אַריין אין אירע העלדן און איז ווי אַ זאַנג צווישן זאַנגען — אַ וווּנדערלעכע קאָרנזאַנג!...

אירע העלדן זענען געשילדערט אויפן פאָן פון מענטשלעכער נויט, וואָס פאַרקריפּלט זייערע געפילן און נעמען זיי אויף אָן רעוואָלט, ווי אַ גורל־באַשטימונג.

אין די צוויי לעצטע דערציילונגען „שלמה נודזשע" און „צוריקקער" איז שוין דאָ אַ רמז אויף אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס הייבט זיך אָן אויספּיקן אין מיט פון דער אָרומיקער ווירקלעכקייט. משפחה־אויפטרייס־לונגען, קאָלעקטיווער בונט, אַלץ וואָס מען קאָן אָנרופן לעבן ווערט פון דעסט וועגן צוגעדעקט מיט דער איינטאָניקער רוטינע פון דאָרפישן יאָך. די דאָזיקע מאָנאָטאָנע קאַדענץ איז אויפגעריסן געוואָרן דורך דער קינסט־לערישער פעדער פון רחל קאָרן. ווען פון יענעם שטעטל איז שוין גאָר־נישט געבליבן לעבט עס ערשט אין דער ליטעראַטור, ווי אַ מוזעאַלער אָביעקט, וואָס האָט זוכה געווען צו אייביקייט. אין איר פּראָזע זענען שטאַרק אָנוועזנדיק אירע פּאָעטישע פאַרגלייכן און טייל מאָל דוכט זיך, אַז זי שרייבט אונטער אַ דירעקטיווער ליניע פון פּאָעזיע. איר פּראָזע איז אָבער געשמאַק און געזונט ווי דאָרפיש ברויט. איבערהויפּט די דער־ציילונג „ערד", וואָס צייכנט זיך אויס מיט הערלעכע פּאַסטאָראַלע בילדער און אין מיטן דערינען... אַ פּייזאַזש פון מלחמה (די ערשטע!). די דער־ציילונגען שפּיגלען אָפּ פּרימיטיווע טעמפּקייט, אָרעמקייט, קאַרגשאַפט און האַס צו די אָרומיקע און צו זיך אַליין.

אַ טיף־דראַמאַטישע דערציילונג איז „שלמה נודזשע", געשאַפן אין שאָטן פון אַלטן פאַנאַטיזם, וואָס האָט אויסגעשפּרייט זיין ממשלה אויך אויפן יונגן דור.

אַ קאָשמאַרנע לעבנס־געשיכטע איז די דערציילונג „הענט". אַ יונגער

בחור פאַרלירט דעם זכרון, טועגדיק זיין פליכט אויפן פראָנט. מען ברענגט אים אַ היים אַ צערודערטן און זיין גאַנץ לעבן וואַשט ער די הענט פון בלוט, ער שאָבט אפילו די הויט... אַ צווייטע אויפטרייסלונג קערט אים צוריק דעם געדאַנק, אָבער שוין ביי די נאַצישע רציחות, בעת מען באַפעלט אים הרגענען אַ מענטש. ער רעוואָלטירט און ווערט גלייך אַ לעבעדיקער פאַרשאָטן אין גרוב מיט אַנדערע קדושים. אַ פּסי־כיש געריייניקטער דורך זיין רעוואָלט — פאַרשווינדט דאָס בלוט פון זיינע הענט.

פון איין בוך ביזן צווייטן זענען ביי דער דיכטערין געווען אויסגע־לייגט שטרויכלונגען, און טראָץ דעם, און אפשר גאָר דערפאַר — אויך שטאָפּלען, וואָס האָבן זי געפירט העכער און העכער. פון אַלע וואָגלע־נישן, פון פרעמדן און אייגענעם צער האָט די דיכטערין אָנגעזאַמלט מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך ממש געבעטן אַ תיקון. געפינט מען ביי איר דערציילונגען פון אָפּגעראַטעוועטע פון היטלער־מבול אין זייער צייט־ווייליקן אויפהאַלט אין שוועדן און אין אַנדערע ווינקלען פון דער וועלט. אַ טייל האָבן באַקומען אַ רעאַלע אָפּשפּיגלונג אונטער דעם צוגעפּאַסטן טיטל „שאָטנס". דאָס זענען מיניאַטור־בילדער פון מענטשן, ביי וועמען די מלחמה האָט איבערגעלאָזט טיפע, נישט פאַרצויגענע ווונדן אין זייער געמיט. אָט איז אין עטלעכע שטריכן אַ דערציילונג פון אירע „שאָטנס":

ד"ר מאַרק בלאָך שפּרינגט פון וואַגאָן און ראַטעוועט זיך פון די דייטשן אין אַ פויערישער כאַטע ביי דער אלמנה וויטשעק. די אלמנה האָט אַ יונגע טאָכטער אַ קריפּל מיט צוויי הויקערס. אַ פאַרשעמטע פון גורל צוליב איר פיזישן מצב, ליגט זי אַ גלייכע אין די נעגל פון אַפּאַטיע. די מאַמע נוצט אויס דעם אומגעריכטן „וויזיט" פון דעם יידישן דאָקטער און בעט אים אונטערזוכן אַניעלאַן. ווען דער דאָקטער ציטערט אויף פון איבעררעשונג אין אָנבליק פון דער קאַליקע, ווערט זי, ווי אונטער אַ כישוף, אונטער דעם אָנריר פון דעם יונגן און שיינעם מאַן, וואָס אונטערזוכט זי — גלייך געזונט. דער דאָקטער ווייסט וויל, אַז זיין לעבן איז הפקר. אַניעלאַ האָט פאַר אים אויסגעבעטן ביי איר מוטער כאַטש נאָך איין נאַכט.

דער ווילן צום לעבן איז דערפינדעריש און דעם דאָקטערס אינס־טינקט האָט אים באַצוווּנגען ער זאָל זיך דערקלערן אין ליבע דעם קריפּל... זעכצן חדשים באַהאַלטן זיי אים אויס אויפן בוידעם. ווען אַלץ האָט זיך צוריק נאָרמאַליזירט נאָכן חורבן, האָט דער דאָקטער בלאָך זיך געוואָלט באַפרייען פון אַניעלאַן. די דערציילונג הייבט זיך אָן מיט אַ דראַמאַטישער סצענע פון אייפערזוכט און ווערט געשילדערט מיט אַזאַ קינסטלערישן כוח, וואָס איז אָן פאַרגלייך אייגן נאָר רחל קאָרן אַליין.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן דעם שניידנדיקן קאָנטראַסט, וואָס די נאַטור האָט צוגעטיילט יעדן פון דעם פּאָרל, פּלוס זייער וואָרטלעכן קאָנפליקט און מיר האָבן פאַר זיך אַ ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קונסט, וואָס בעט זיך אויף אַ בינע. דעמאָלט ווען זיין לעבן איז געווען אין געפאַר, האָט ד״ר בלאָך נישט געקאָנט אַריבערטראָגן זיינע טראַכטונגען אויף אַ ווייטן מהלך פון צייט. אַניעלאַ איז בלויז געווען דאָס מעסער אין וועלכן אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן, אַ סימבאָל פון רעטונג. האָט דען נישט דער בלוטיקער מבול אַוועקגעשווענקט אויך אַלע מאָראַלישע ווערטן איבער זיך און איבער אַלע געטלעכע געבאָטן? ביי איר אָבער, איז דאָס צוזאַמענלעבן מיט דעם ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלענעם „פּרינץ״ געווען אַ טריאומפקאָרט, וואָס זי וויל פון האַנט נישט אַרויסלאָזן. פון איין זייט האָט דער דאָקטער מיט זיין ליגנערן אינעם דערקלערן ליבע דעם קריפּל, געבראָכן די צוימען צו דער פרייהייט, און פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך פרייוויליק פאַרשקלאָפּט. פאַרשטייט זיך, אַז דער רעפלעקס פון אייפערזוכט איז אַזוי אָנגעשפּיצט ביי דעם בעל־מום, אַז ס׳איז ביי איר זייער לייכט צו אַנטדעקן די נישט־טרייהייט פון איר נישט־געטויפטן מאַן, וואָס קאָן זיך מער נישט אויסקויפן פאַר זיין געראַטעוועט לעבן. ביי דער דראַסטישער סצענע פון אייפערזוכט, אין מיטן פון אַניעלאַס היסטערישן אָנפאַל, שטייט דער דאָקטער אָן אומבאַהאָלפענער. בעת זי זאָגט אַ תפילה צו איר גאָט און צלמט זיך, גיט רחל קאָרן דאָס אומגלייכלעכע בילד: „דער דאָקטער פילט ווי זי קרייציקט אים צו צו אירע הויקערס״.

די דערציילונג צייכנט זיך אויך אויס דערמיט, וואָס זי לאָזט איבער

דעם לייענער אין דער זעלביקער שפּאַנונג אין וועלכער זי פירט אים אַריין. די טאָפּלטע דראַמע איז אַזאַ טיף־מענטשלעכע, אַזאַ אומענדלעכע, אַז ס׳איז גוט וואָס די שרייבערין לאָזט די דערציילונג צו אונדזער איי־גענער פּערצעפּציע.

לילי בערגער

„פון היינט און נעכטן"

לילי בערגערס בוך „פון היינט און נעכטן" עפנט זיך מיט דער דראַמאַטישער דערציילונג „אין טאָג פון דער הייליקער קאַטערינע". דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע מיידל דערוויסט זיך פון אירע קריסטלעכע חברטעס, אַז זי איז אַ יידישע, גראָדע אין יום־טוב־טאָג פון איר נאָמען, קאַטערינע. אַ „יידישקע" קלינגט ווי אַ זידל־וואָרט צווישן די שילערס. קאַטערינע, אַ מיידל פון פופצן יאָר, נעמט נאָכטראַכטן און פאַרלאַנגט די מוטער זאָל איר אויפקלערן וועגן איר אָפּשטאַם, ווייל די חוזק־שמייכלען, די אָנצוהערענישן פון אירע שול־חברטעס לאָזן זי נישט צו רו. דער סוד וויקלט זיך אויף, ווען קאַטערינע ווערט געוויער, אַז מאַגדאַלענאַ וורובעלסקאַ, די היינטיקע מוטער, האָט זי אין יענע טראַגישע טעג געפונען אין אַ קלומעקל פאַר דער טיר. די דערציילונג איז אַ שפּאַנענדיקער עפּיזאָד פון אַ סך אַזעלכע און ענלעכע געשעענישן פון יענע נאַקעטע מלחמה־אמתן.

איך האַלט אַז די בעלעטריסטישע גאַנצקייט פון דער שיינער דערציילונג ליידט פון דעם צו פיל אַנטבלויזן דעם רעאַליזם, וואָס שאָקירט מיט דעם ציישונגס־אַנאָנס, אויפצוזוכן די משפּחה פון דער יידיש־קאַטוילישער קאַטערינע. די דערציילונג איז דערפירט צו אַ הויכפּונקט, איז שוין במילא איבעריק די אַנעקסירטע פּאָר שורות פון אַ ריין אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער, וואָס איז ווי אַ פרעמדער קערפּער צו אַ קינסטלערישער שילדערונג.

די דערציילונג „דער אויסוואַל" איז אַ בילדל פון פּאַריז אין מלחמה־צייט. די העלדין איז אַ פּאַראַליזירטע פרוי, אַ געוועזענע טענצערין. אַ

פֿאַרביטערטע פון איר געליימטקייט, לעבט זי אין אַ כסדרדיקער אַפּאַטיע און אין אַ פֿאַרלאַנג פּטור צו ווערן פון לעבן. אָבער ווען די סירענעס צעיאָמערן זיך, ווייל זי בשום אופן נישט בלייבן אין שטוב... מען מוז זי אַראָפּטראָגן פון פינפטן שטאָק אין שוצקעלער. אַ טראַגי־קאָמישע סיטואַציע. קיינער פון די שטוביקע האָט נישט אַזוי מורא פֿאַרן טויט, ווי די געליימטע, וואָס הערט נישט אויף זיך צו ווינטשן דעם טויט. ווייזט אויס, אַז דאָס רופן די אויסלייזונג דורכן טויט איז בלויז אַן אויסדרוק פון דערלייכטערונג, ווייל ווען דער מלאך המות איז שוין נעבן אונדז, דערמאָנט מען זיך די פּראַקטישע מאַראַל פונעם קלאַסישן דעוויז: „בעסער ליידן איידער שטאַרבן״. אין דער זעלבער דערציילונג „דער אויסוואַל״, ווו די שרייבערין קומט איבערנעכטיקן אינעם בהלהדיקן געלויף נאָך אַ זיכער ווינקל, שטייט זי ביים פּענצטער אויפן בוידעם־שטיבל און רעדט אַריין אין דער שיינער נאַכט אַריין: „ווי קאָן מען אָפּטאָן אַזעלכע רציחות, ווי קאָן מען הרגענען מענטשן אונטער אַזאַ שיינעם הימל? צי האָבן די רוצחים קיין מאָל אַזאַ הימל נישט געזען?״.

ס׳איז באַקאַנט, אַז שיינקייט קאָן רירן חיות, זיי מאַכן מילד — און פֿאַרקערט, רציחות פון מענטש טעמפּן אָפּ.

לילי בערגער שרייבט נישט בלויז מיט טאַלאַנט, נאָר מיט האַרץ, אַזוי, אַז דער לייענער מוז גערירט ווערן.

אַ זייער אָנציענדיקע דערציילונג, וואָס לייענט זיך מיט געשפּאַנטקייט, איז „אַ נישט דערפילטע צוואה״. די דערציילונגען „פון נעכטן״ זענען כראָנישע שטשערבן, וואָס פאַרציען זיך מכלומרשט פון אויבן, אָבער נישט אין דער טיף. וואָס קאָן דען רירן אַ דייטשן פּראָפעסאָר אַן אַלטע דראַמע פון אַ דערמאָרדעטן יידישן פאָטער, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה, מען זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיינע צוויי קינדער. אַ פֿאַרפּלאָנטערטע דראַמע, וואָס בלייבט נישט אויפגעפּלאָנטערט.

כמעט אַלע דערציילונגען זענען דערמאָנונגען פון יענע גרוילעקע טעג. זיי זענען עס נישט אַלע מאָל דירעקט. גראָד אין די נייע באַדינגונגען און סיטואַציעס, נאָך אַ צוויי צענדליק יאָר, רייסן זיך אַריין ביל־

דער, וואָס זענען געבליבן אין אַזאַ שאַרפֿן רעליעף אין זיכרון, אַז זיי ווערן צו מאָל אַרויסגערופֿן, נישט ווי דירעקטע אַסאָציאַציעס, נאָר ווי אין אַ כּאַאָטישן מישמאַש פֿון אַ שלאָף מיט קאָשמאַרן. דאָס גאַנצע לעבן ליידט פֿון מוראַדיקע שראַמען אין דער נשמה.

די דערציילונג „אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן״, ווי אויך אַנדערע דערציי־לונגען, ווו דער הויפּטהעלד איז אַ הויז־חיה, ווירקן מיט זייער קינסט־לערישן אמת.

עס איז כּדאַי אויף אַ ווײַלע זיך אָפּצושטעלן אויף דער דערציילונג „חיות און מענטשן״, ווי אַזוי עס ווירקט אַ הונט אויף אָפּצוראַטעווען אַ מענטש. עס דערציילט אַ קריסטין, אַ זאָאָלאָגין, וואָס האָדעוועט פֿאַר־שיידענע הויז־חיות און געפֿליגל, ווי אַזוי אירס אַ הונט האָט אַנטדעקט אַ פֿרוי, וואָס האָט גערופֿן הילף פֿון צווישן געדיכטע קוסטעס אין אַ וועלדל. זי איז אַנטלאָפֿן פֿון איר שטעטל, פֿון וואַנען מען האָט אַרויס־געפֿירט די ייִדן. דאָ קומט צום אויסדרוק די „מענטשלעכע״ האַנדלונג פֿון אַ הונט, וואָס איז דרעסירט געוואָרן ביי דער זאָאָלאָגין אין אַ סביבה פֿון מענטשלעכקייט — אין קעגנזאַץ צו די הינט אויסדרעסירטע צום מאָרד און פֿאַרניכטונג.

צו די אָריגינעלע מוסטערן פֿון אונדזער ליטעראַטור געהערן די דערציילונגען פֿון הויז־חיות.

יעדע דערציילונג פֿון לילי בערגער האָט אַ פֿאַרדינטע באַרעכטיקונג צו באַקומען אַ פּלאַץ אין דער ליטעראַטור. אין יעדער באַשרייבונג געפֿינט מען עפּעס, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך אין לעבן און וואָס שאַפֿט דעם אינטערעס צום דערציילטן.

לאָמיר נעמען לדוגמא די דערציילונג „די באַגעגעניש״ מיט רעגינע, וועמענס מאַן איז פּלוצלונג געשטאָרבן און זי איבערגעלאָזט אין פֿאַר־צווייפֿלונג ווי אַ יונגן יתום. דער איינזאַמער, ייִנגערער פֿריינד פֿון איר מאַן און פֿאַך־קאָלעגע, דער אינזשעניר יאָנאַס, האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר־אינטערעסירן מיט איר. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פֿאָטערלעכקייט צו דער יונגער אלמנה און געוואָרן איר אַפּוטרופּוס. מיט דער צייט האָט

זיך ביי דעם איינזאַמען מענטש מיט די דרימלענדיקע סענטימענטן צו משפּחהדיקייט דערוועקט אַ טיף געפיל צו דער פרוי, פאַר וועלכער ער איז געווען נישט מער ווי אַ גוטער פריינד. רעגינע נעמט אָבער נישט אין אַכט זיינע אָנצוהערענישן. איר פאַרצווייפלונג שטעלט זיך ווי אַ וואַנט קעגן די ערלעכע געפילן פון איר הויזפריינד. זי פאָרט אַוועק צו איר שוועסטער קיין אויסטראַליע.

די רייזע און נייע באַדינגונגען האָבן זי געמאַכט פאַרגעסן אין פוילן און איר אַלטער היים, ווו זי האָט געלאָזט איר פריינד, צו וועמען זי שרייבט אפילו נישט מער ווי אַ יאָר. פּלוצלונג דערוועקט זיך אין איר אַ בענקשאַפט צוריק נאָך וואַרשע און טאַקע אויך נאָך יאַנאַס... זי וועט אים מאַכן אַ סורפּריז, אים אַנקלינגען... מיט איין וואָרט, זי לעבט איבער אַ פאַרויסגעזעען פאַרגעניגן פון אַ צופעליקן וויזיט. ענדגילטיק איז ביי איר רייף געוואָרן אַ פאַרלאַנג צו באַנייען איר לעבן מיט דעם ערלעכן יאַנאַס פון וואַרשע... זי קלינגט אים אָן און קומט צו אים אין שטוב.

דער גורל איז אָבער אַ ציניקער. ווייזט אויס, אַז דער פונק האָט זיך פאַרלאָשן. זי טרעפט אַן אומאָרדענונג אין זיין הויז, ער קלערט איר גלייך אויף די סיבה: ער פאָרט אין עטלעכע טעג אַרום אָפּ קיין ארץ ישראל.

דער לעצטער טייל פונעם בוך, פון דער סעריע „מענטשן פון מיין שטעטל" זענען הומאָריסטישע קאָמפּאָזיציעס. דער הומאָר איז אַ נאַטיר־לעכער, אַן אוממיטלבאַרער און דער שמייכל פּאַסט זיך אַריין אין דער ראַם פון דער געשילדערטער סביבה.

„מענטשן פון מיין שטעטל" הייבט זיך אָן מיט דער דערציילונג „דער רביצינס יושר". די שרייבערין שילדערט דאָס „חדר" אין שטעטל און מאָלט דעם קאָנטראַסטפולן פיזישן און כאַראַקטער־פּאָרטרעט פון דעם קליינעם און דאַרן רבין און דער הויכער חיה־שרה די רביצין. אי־לוסטרירט פון קינסטלער בען, שטרייכט דאָס נאָך אונטער דעם עפעקט פון דער שילדערונג. די רביצין, ווי אַן אשת־חיל פירט טאַקע אָן — נישט בלויז מיטן רבין, נאָר אויך מיטן „חדר". זי גיט אַכטונג די קינדער זאָלן זיך איבערלופטערן, האַלט אַ וואַך אויג אויף די קינדערס „וואַרעמס",

וואָס יעדער קינד ברענגט אויפן טאָג. צווישן די פּעקלעך זעט זי שוין, ווו מען דאַרף אַראָפּכאַפּן פון איין פּעקל און צולייגן צו אַ מאָגערער מאָלצייט... זי קאָן נישט פאַרטראָגן אַז איינער זאָל זיך איבערפּאַקן — און דער צווייטער זאָל עסן אי פּאַסנע אי נישט צו דער זעט. דער טראָ־ציקער און דרייסטער איינשטעל פון דער העראָאישער רביצין פּאַר גע־רעכטיקייט איז אַ ליכטיקע לאַמטערנע, וואָס שיינט אין די טונקעלע געסלעך פון אָרעמקייט אויף אַלע געביטן.

די נאָבעלע געשטאַלט „הערצקע דער רופא", „מעכעלע וויל זען די וועלט", „דער לערער ר׳ מענדעלע" דאָס זענען די לעצטע טיפן פון אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט אָן אַ יורש.

זאָל מיר נאָך דערלויבט זיין צו דעם איינדרוק פון געלייענטן צוצו־געבן אַ באַמערקונג, אונטערגעהאַלטן פון אַ קלינגוואָרט פון באָמאַרשע: „אָן דער פרייהייט צו קריטיקירן איז נישטאָ די שמייכלעריי פון לויב".

נאָך וואָס נוצט די שרייבערין עטלעכע מאָל אין פאַרשיידענע דער־ציילונגען די צוויי אויסדרוקן: „אַרגומענט" און „אַגיטירן"? זיי זענען באַרעכטיקט, ווען זיי קומען פון אַ פּערסאָן, וואָס מוז זיך מיט זיי באַנוצן. אין דער חכמה פון דערציילן קוקן זיי מיר אויס ווי אויסלענדער, וואָס דרייען זיך אַרום אין אַ פרעמדער שטאָט... עס זענען דאָ גענוג סינאָנימען אויף צו פאַרטרעטן זיי. דאָס איז נישט סתם אַן אומחן, וואָס מיר האָבן געוואָרפן אויף די ווערטער, נאָר מיר דאַכט זיך, ווען מען לעגיטימירט די צוויי באַשעפענישן, וואָלטן זיי גלייך געזאָגט, אַז זייער יחוס קומט פון אַ פאַרטייאישן וואָקאַבולאַר.

יעדעס וואָרט אויף זיין אָרט שאַפט האַרמאָניע און באַפרידיקט דאָס אויג און דאָס אויער.

„אָפּגעריסענע צווייגן"

לילי בערגערס פּראָזע איז גוטע בעלעטריסטיק. זי שרייבט אויך אינטערעסאַנטע עסייען. דאָס בוך „נאָכן מבול", ווו די שרייבערין האָט

קאָנצענטרירט די סאַמע טראַגישסטע קאָנסעקווענצן פון בלוטיקן היטלער־מבול, האָט באַקומען דעם יעקב ווייסליץ־פּרייז.

פונעם בוך: „אָפּגעריסענע צווייגן", האָב איך שוין אַ טייל דער־ציילונגען געקענט פון זשורנאַלן. פון דעסט וועגן האָב איך זיי נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט אינעם בוך — און דאָס, נאָר צוליב דעם פאַרגעניגן פון לייענען שיינע ליטעראַטור.

לילי בערגער געלינגט זייער לייכט צו פאַנגען דעם לייענער. ס'איז קענטיק, אַז די שרייבערין שאַפט מיט פאַרגעניגן, די לעבט שטאַרק איבער דעם סיוזשעט און דורך דעם צינדט זי אויך אָן אונדזער נייגער.

לילי בערגערס דערציילונגען לעבן אין דער נאַטירלעכקייט פון אויס־דרוק, אָן סימבאָלן, אָן רמזים. מיט אַ קלאָרער שפּראַך מאָדולירט זי אירע העלדן אין וועמענס סביבה זי באַוועגט זיך. די שרייבערין אַליין איז אַ געליטענע און אַנטוישטע, ווי אַ סך פון אירע העלדן מיט וועלכע זי אידענטיפיצירט זיך.

פון דער סאַמע ערשטער דערציילונג: „קאַלאַהאָראַס איינִיקלעך", ביז דער לעצטער: „דאָס בערשטל", איז איין גרויליקע ליניע פון אַנטוישטע און אויסגעשעפּטע. די ערשטע דערציילונג איז אַ מיניאַטור־געשיכטע פון גאַנצן יידישן פאָלק אין גלות, וואָס ליידט פון אַ בלוט־פאַרשטאָפּונג אין די אָדערן. עס געניוגנט אַ שטאַרקע נשמה־אויפטרייסלונג, אַז דער קראַנקער זאָל קומען צום באַוואוסטזיין, אַז די קראַנקייט איז אַ כראָנישע און האָט אָנגעשטעקט די פרישע דורות. די בעסטע אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען פון דור־דורות געוועזן אַסימילירט און געדינט מיט זייערע הויכע קוואַליפיקאַציעס דעם מלכות, דערזעען זיך פּלוצים ווי פרעמדע און אַרויסגעשטויסענע פון אַלע זייערע פּאָזיציעס ווי אומווערטיקע יידן. די טראַגעדיע איז אַ טאָפּלטע, ווייל פּלוצעם ווערן די קינדער געוווּיער פון זייער יידישן אָפּשטאַם. די דערציילונג מאַכט אַ שטאַרקן רושם, סיי מיט דעם אינהאַלט, ווי מיט דער קאָנסטרוקציע. ווען מען הייבט אָן כסדר פאַרפאָלגן די יידן, זיי באַזייטיקן פון זייערע שטעלעס, באַליידיקן — וועקט זיך ביים יונגן דור דער אַטאַוויזם, דער קאָמפּלעקס און טייל מאָל

טאָקע באַגלייט מיט אַ רעפלעקס פון רעוואָלט צו די עלטערן, וואָס האָבן פאַר זיי אויסבאַהאַלטן זייער אָפּשטאַם. בכלל איז די פּסיכאָלאָגיע פון אַלע פאַרגלויבטע אינעם „סאָציאַליסטישן״ רעזשים פון פּוילן (ווהין אויך די מחברין איז געפאָרן העלפן בויען), דאָ אַרויסגעברענגט אַ נאַ־קעט־אמתע. ווי לאַנג עס רירט נישט אָן די אייגענע הויט וויל מען נישט זען און הערן די עוולות, וואָס ווערן געטון דעם צווייטן. די דערציילונג „אַ צעשטערטער שלום־בית״, איז אַ בולטע אילוסטראַציע פאַר דעם אויבן־געזאָגטן.

אַ טייל אָפּגעריסענע צווייגן נאָכן היטלער־חורבן, האָבן אָפּגעפונען זייערס גלייכן און זיך צונויפגעפּאָרט. לייזער מיט סאַלקען זענען אַ פּריש פּאָרפאָלק. זי האָט צווי טעכטערלעך — לייזער ווערט צו זיי אַ פאָטער. דורך דער נייער משפּחה ווערט ער מער איינגעוואָרצלט אין דער בלו־טיקער, פּוילישער ערד, כאָטש ער אַליין חלומט פון ישראל. סאַלקע איז אָבער אַ פּאַרטיי־חברטע, איז איבערגעגעבן און דינט געטריי דעם „סאָציאַ־ליסטישן פאָטערלאַנד״. ביז אין איינעם אַ טאָג קומט זי אַהיים פון דער אַרבעט אַ פאַרשעמטע, און מיט אַ געיאָמער. מען האָט זי אַרויסגעוואָרפן און באַשולדיקט ווי אַ יידישע שעדיקערין, ווי אַ פעסט־פאַרשפּרייטערין. ווי נאָר זי האָט אָפּגעפילט דעם כוליגאַניזם אויף זיך ווערט די גאַנצע שטוב אויפגערודערט און עס ווערט צעשטערט דער שלום בית. זי וויל שוין אַנטלויפן קיין קאַנאַדע, קיין אויסטראַליע, ווו עס וועט זיך נאָר לאָזן. ווען מען האָט אַנדערע גערודפט האָט זי געפּריידיקט, אַז „מען דאַרף זיך קאָנען איינגלידערן״, דאָס איז דערפאַר, ווייל דער מענטש ווערט אַ שרייפל אינעם מעכאַניזם פון דער פּאַרטיי; דער פּסעוודאָ־סאָ־ציאַליזם האָט אַטראָפירט דעם עטישן אינסטינקט פון מיטפילן און ער קומט טאָקע נישט צום אויסדרוק אין קיין שום דערציילונג. אָבער ווען אַלץ אַרום איז אָנגעלאָדן מיט גיפט און האַס צום ייד לעבט מען דאָס איבער פּסיכיש, יחידיש.

און אָט אַ צווייטער פאַל: אַ פרוי קויפט אַ חנוכה־לעמפל און דאָס רודערט אויף איר בענקשאַפט צו דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, דאָס

רופט אָבער אַרויס אַ קעגנערישע רעאַקציע ביי אירס אַ פריינדין: אפילו נישט קיין שטומען נשמה־קאָנפליקט.

„בלעמס אייזל״ איז אַ באַטעמטע דערציילונג. זי דערמאָנט אונדז אין שולשטיינס אַ דערציילונג מיטן טיטל: „מיין פריינד דער וועוועריק״. אָבער ביי לילי בערגער איז דער וועוועריק נישט דער הויפּט־העלד, נייערט אַ דעקאָראַטיוו בילד צו דער שטימונג פון דער דערציילונג. אַ מאַן וואָס האָט לאַנג פאַרפאַלגט די מחברין און שטענדיק איר אונטער־געקומען ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל; שפּילט די ראָלע פון אַ פרעמדן, אַ גוי — און פּלוצעם אַנטפּלעקט זיך דער באַהאַלטענער ייד. שיצנדיק זיך אונטער אַ בוים אין אַ שלאַקסרעגן, טרעפט ער זיך מיט דער מחברין און טוט אַ רעד ס׳ערשטע מאָל צו איר יידיש: „מיר געפינען זיך דאָ ווי אין נח׳ס תיבה״. דאָס איז אַ מוסטערטיפּ פון יידישע מאַראַנען.

ביי ישראל אַשנדאָרף איז פאַראַן אַן אַלעגאָרישע דערציילונג: „די אויסטערלישע געשיכטע פון חיים כייקל די קאַץ״. אַ ייד איז נמאס גע־וואָרן ס׳לעבן, פון זיין פאַרפאַלגט אין געטאָ, און איז מקנא די פיר־פיסיקע באַשעפענישן, וואָס לעבן בעסער ווי דער ייד. ער באַשליסט צו ווערן אַ קאַץ. דורך אַ האָקוס־פּאָקוס ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ קאַץ און הייבט אָן קריכן איבער דעכער און לעבער. ווייזט זיך אַרויס, אַז כאָטש ער איז אין דער קאַצישער פעל, האָט ער נישט קיין רו. די קעץ מיידן אים אויס, די הינט אַנטלויפן פון אים, — אפילו די מייז רייצן זיך מיט אים. דאָס איז דערפאַר ווייל מען דערקענט אין אים יידישע אויגן, וואָס מסרן אים. דער סוף איז, נישט קאָנענדיק אויסמיידן דעם יידישן גורל, איז אים שוין ליבער צוריק צו ווערן אַ ייד.

עס דערמאָנט זיך די דערציילונג צוליב די געבאָרגטע מאַניערן פון דעם פאַרשטעלטן מאַראַן. ער איז, אין קעגנטייל אַזוי גוט אַריין אין דער פעל פון אַ „קאַץ״, אַז יידן מיידן אים אויס. ער פאַרמאָגט אַזאַ אויסשטור־דירטע ציניק, ביז דעם איינפאַל צו נעמען אַ יידיש בוך פאַרדרייט... און דאָך בלייבט ער אַ ייד.

די לעצטע דערציילונג: „דאָס בערשטל״ איז אויך געהאַלטן אין

אַז איך־פֿאַרעם ווי „בלעמס אייזל״. די דערציילונג איז כמעט אַ שעד־עווער. דאָס איז אַן איבערלעבונג פֿון דער שרייבערין. צוליב אַן אַמע־ריקאַנער בערשטל, ווו ס׳איז אַריינגעקלעבט אַ שטיקל פּראָזע־קאָנטרע־באַנדע — „מיין מאַמעס בענטשלייכטער״. דאָס איז אַ בייסיקע סאַטירע אויף די פּוילישע חמ׳ס, וואָס האַלטן די שרייבערין, בעת איר פֿאַרלאָזן פּוילן אין אַרעסט צוליב אַ בערשטל, וואָס האָט אַ טאָפּלטע פֿונקציע, עס דינט צו פּוצן די האָר און האָט אַ באַהעלטעניש אויף ניי־געצייג. דאָ בייטשט לילי בערגער מיט דער רוט פֿון וואָרט און נעמט נקמה אין אירע פּייניקער. די האָר־שפּאַלטערישע עקספּערטיזע פֿונעם בערשטל אין דער קאָנטראָל־צענטראַלע, שטעלט אויס אויף חוזק דעם גאַנצן טאָטאַ־ליטאַרן רעזשים.

אין לילי בערגערס דערציילונגען איז אויך פֿאַראַן הומאָר וואָס לאָזט לייכטער פֿאַרטראָגן דעם דראַמאַטישן לייענשטאָף.

צום סוף צוויי באַמערקונגען, דיקטירט פֿון דער עסטעטיק צום וואָרט.

אין דער דערציילונג: „די נאָז און דער קרייץ״ פֿון דער סעריע „היינטצייטיקע מאַראַנען״, איז דאָ אַן אויסדרוק: „אַ געשוואָלענע פּרי־זורע״. אמת, ס׳איז אַריינגענומען אין געגנדזן־פּיסלעך, ווייל ס׳איז דירעקט איבערגעזעצט פֿון פֿראַנצייזיש: „קואָפיר גאָנפלע״. דער דאָזיקער אויס־דרוק דערמאָנט אין געשוואָלענע פֿיס... די אַסאָסיאַציע איז גראָד נאָענט דעם סיוזשעט. אָבער אויף אַזאַ פֿריזורע פֿעלן נישט קיין יידישע אויסדרוקן. לאָמיר זאָגן, אַן אַרויפֿגעשוימטע פֿריזורע, אַן אויפֿגעבערגלטע, אויפֿגע־טורעמטע — אָבער נישט קיין „געשוואָלענע״.

די צווייטע באַמערקונג איז צו דער לעצטער דערציילונג, „דאָס בערשטל״. די מחברין זאָגט דאָרט, אַז זי איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם אַנגעפּרעסענעם נאַטשאַלניק, וואָס האָט גערעדט מיט אַ דונערנדיק קול — מיט אירע פֿינף־און־פֿערציק קילאָ. מיר, וואָס קענען די שרייבערין און ווייסן, אַז זי צייכנט זיך נישט אויס מיט וואָג, איז דאָס באַמערקן מיט פּרעציזקייט די וואָג אירע, אַ שטרויכל צום לייענען.

אַז ס׳איז געשטאַנען אַן איינגעבראָכענע און אויסגעצערטע פּרוי, דרינגט שוין אַרויס פון דער פּיינלעכער סיטואַציע אין וועלכער זי האָט זיך געפונען — און דאָס איז אַ סך מער ווי אונטערשטרייכן די פינף־און־פערציק קילאָ...

בענס אידעלע צייכענונגען און דאָס שער־בלאַט קאָמפּלעטירן דאָס אינטערעסאַנטע בוך מיטן סימבאָל פון אַ בוים מיט אָפּגעריסענע צווייגן.

יחזקאל קאָרנהענדלער

„יידן אין פּאַריז"

איידער מיר וועלן איבערגיין צום בוך, וועלן מיר מאַכן אַ קליינע עקסקורסיע און רעזומירן קאָרנהענדלערס ביז איצטיקע אַקטיוויטעט.

יחזקאל קאָרנהענדלער שאַפֿט שוין אין פּאַריז עטלעכע פֿערציק יאָר. זיין שרייבערישע און קולטור־אַקטיוויטעט איז אַלזייטיק און פּערמאַנענט. מיר קאָנען אים אַלע פֿון זיין פּען און פֿון זיינע מעשים־טובים. ער האָט קיין עין־הרע אָנגעזאַמלט פֿון כל טוב, זיין שפּיכלער איז אַ פֿולער.

יחזקאל קאָרנהענדלער איז אַ מחבר פֿון מערערע ביכער, אין כמעט אַלע פֿון זיי שפּיגלט זיך אָפּ דער מהות פֿון זיין פּערזענלעכקייט. דאָ אין פּאַריז האָט זיך פֿאָרמירט זיין אינטעלעקט, דאָ האָט ער איינגעזאַפּט די פֿראַנצייזישע קולטור, איר געשיכטע און ליבע צו דער פּלאַסטישער קונסט. קאָרנהענדלער איז מקיים די מצווה פֿון קולטור־עקספּאַנסיע צווישן די מאַסן. ער קאָלפּאָרטירט קולטור דרייפֿאַכיק. אויסער אין זיינע דער־קלערונגען אויף עקסקורסיעס, אויך אין זיין געדרוקטן וואָרט און אין זיינע אינטערעסאַנטע רעפֿעראַטן. זיין שרייבן טראָגט בכלל אַ רעדעוודיקן סטיל, זיין פּראָזאָלאָגיע איז אַ דירעקטע און זאַכלעכע. נישט נאָר האָט זיך קאָרנהענדלער באַקאַנט און באַליבט געמאַכט אין פּאַריז, נייערט ווייט אויסער אירע גרענעצן. ווי אַ מדריך האָט ער אָנגעהויבן נאָך אין די ליבע קינדער־יאָרן, אין וואַרשע. דעמאָלט ווען מען האָט אַזוי ליב צו לייענען העלדן־טאַטן און אַוואַנטורעס, וואָס באַפֿליגלען די פֿאַנטאַזיע פֿון קינד איז אין אַ שבת נאָכן מיטאָג דעם תכשיט איינגעפֿאַלן צו נעמען אַ כאָפּטע יאַטן, הויף־חברים און זיי פֿירן אין „יענע גאַסן" אויספֿאָרשן

אַ גויאישע, רייכע געגנט. נאָר זיינע ערשטע שריט ווי אַ פּירער האָבן זיך ליידער פּאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. נישט קאָנענדיק נאָך אַליין געפינען די טאָפּאָגראַפיע פון די וואַרשעווער גאַסן און נישט וויסנדיק ווו איין און ווו אויס, האָט ער אַ פרעג געטון דעם ערשטן און בעסטן דורכגייער און אָנגעטראָפן, מעשה שטן, אויף אַ פרומען ייד, וואָס איז אַרויס מיט אַ שטראָפנדיק מענה־לשון: „שקצים, לאָבוזעס, אַ היים זאָלט עץ גיין; אַ היים אין שטוב אַריין און זאָגט בעסער אַ קאַפּיטל פּרק!".

ס'איז אַ ווונדערלעך סאָלידער אַקסיאָם, „אַזוי ווי צו זיבן, אַזוי צו זיבעציק". דאָ אין פּאַריז, האָט ער שוין געגעבן שווונג און לעבט אויס זיינע אַספּיראַציעס ווי אַ פּירער איבערן אַלטן פּאַריז, איבער היסטאָרישע זעאונג־ווערטיקייטן — און דערפון איז געבוירן געוואָרן דאָס צוויי־בענדיקע פּאָעטיש־פּאָפּולאַריזירטע „אַלט פּאַריז".

פון דער דאָזיקער שטיינקונסט אין וועלכער ער איז אַזוי פאַרליבט, ציט ער אַ טאָפּלטן שרייבגענוס און קנעט אויך אויס זיין בעלעטריסטישע קונסט. דערצו פּאָדערט זיך אַ סך קינסטלערישע פאַנטאַזיע. גראָבט ער טאַקע ווי אַן אַרכעאָלאָג היסטאָרישע שאָטנס פון דער פיקציע און ברענגט זיי צום לעבן און אַקציע. אַ שרייבער קאָן נעמען שטיקער געדענק־בילדער וועגן געשעענישן, אויסערלעכע, אָדער אינערלעכע קאָנפליקטן און פון דעם רוישטאָף אָרגאַניזירן זיין בעלעטריסטיק. קאָרנהענדלער האָט אָבער אַ נייגונג צו דערציילן וועגן מענטשן און מעשים, וואָס זענען מער יענעוועלטיקע ווי דאָאיקע. פּונקט ווי ער איז באַוועגלעך אין לעבן, אַזוי איז ער דינאַמיש אין זיין דערציילערישקייט. זיינע נאָוועלעס זענען אָנגעפּיקעוועט מיט בייסנדיקע, סענסאַציאָנעלע געשעענישן, וואָס האַלטן דעם לייענער אין שפּאַנונג ביזן סוף. ס'איז מיר באַקאַנט אַ טשעקאָווער קוריאָז. ווען דער עולם האָט געלייענט זיין נאָוועלע, „אַ צענטער צום מנין", זענען געקומען לייענערס און אים געפרעגט, צי די געשיכטע איז אַן אמתע... אויב עס קאָן דעם לייענער אַזוי פאַראינטערעסירן אַ מעשה און וועקן זיין נייגער, איז דאָס שוין דער בעסטער סימן, אַז דער שרייבער האָט דערגרייכט דעם אמת פון קונסט.

קאָרנהענדלער האָט בכלל אַ קולט פאַרן שיינעם גייסט, ווי פאַר פּלאַסטישער קונסט. מען קאָן נישט האָבן קיין קולט פאַר עפּעס, וואָס זאָל נישט זיין פריער אין אונדז גופא; דאָס הייסט, אַז מיר אַליין זאָלן נישט זיין אַ טייל פון דעם וואָס מיר האָבן ליב. איך וועל דאָ אונטער־שטרייכן צוויי פון זיינע ביכער: „ראַשעל" און די „פראַנצייזישע קוריאָזן". דאָס ראַשעל־בוך איז אַ הערלעכער שפּאַציר דורך דעם נייצנטן יאָר־הונדערט. די געשיכטע פון אַן אָרעם וווּנדערקינד, וואָס איז אויסגע־וואַקסן צו איינער פון די גרעסטע פיגורן פון דער פראַנצייזישער בינע. זיין בוך, „פּאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן" איז אויך געשיכטע, נאָר דער אַמוזאַנטער, דער שפּילעוודיקער טייל פון איר, די ראָזשינקע, וואָלטן מיר געזאָגט. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל פון פראַנצייזישן עספּרי, די געשיכטע דורך אַ שמייכל.

און איצט אַ קורצן איבערבליק וועגן זיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן. קאָרנהענדלערס זשורנאַליזם איז אַ פּענאַרבעט בעל כרחו, דאָס איז זיין פּרנסה־קוואַל. געשעענישן אין גייסט פון דער צייט, פון דער קעגנוואַרט, וואָס מוזן ווערן אָפּגעבאַקן און קאָנסומירט, רופן זיך ביי אים „רעפלעק־סיעס", אָדער „געלייענט און געזען". די דאָזיקע קליינע שטיקלעך פּראָזע, זענען נישט געגעבן דורך קיין פאַרגרעסער־גלאָז פון סענסאַציע. דאָס איז אַ מין ראַפּסאָדיע פון שטילע באַמערקונגען, פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן, וואָס זענען קאָמענטירט מיט אַן אייגענעם קריטישן חוש, ווו עס קלאַפּט דער צייט־זכרון. טייל מאָל טרעפן מיר אויך עפּיזאָדן צום פאַרגלייך מיט דער אַקטואַליטעט; עפּיזאָדן וואָס זענען שוין פון לאַנג קאַנאָניזירט געוואָרן פאַר דער געשיכטע, וואָס וועקן אָבער אינטערעס און דערמאָנען גלייכצייטיק. איך ווייס נישט צי זיינע אַרטיקלען וואָס ציילן אין די טויזנטער, קאָנען זיין אַ טשיקאַווער מוסטער פון אַ רעקאָרד־צאָל — כ׳וועל נישט מאַכן קיין פאַרגלייך מיט דער בריטישער ענציקלאָ־פּעדיע... מען וואָלט אָבער פון דעסט וועגן געקאָנט אויסלייגן פון זיינע אַרטיקלען אַ שיינעם טעפּיך איבער זיין אויסגעטראָטענעם „אַלט־פּאַריז", וואָס איז אויך אַן אויסגעטראָטענער וועג פון אָנערקענונג מצד די פּאַ־ריזער יידן.

כ׳האָב אויסגערעכנט די מעלות און מעשים טובים פון אונדזער באַליבטן שרייבער און מדריך. צי האָט ער אָבער נישט קיין חסרונות, וואָס מען וואָלט אים באַדאַרפט פאָרוואַרפן? זיכער אַז יאָ; עס קאָן זיין, אַז ער האָט אַזוי פיל חסרונות, אַז ס׳איז אונדז שוין פיל לייכטער צו רעדן וועגן זיינע מעלות... ווי עס זאָל נישט זיין, איז ער ברוך השם גוט פאַרפּאַנצערט און אויב מיר זאָלן אים שיקן פיילן, וועלן זיי אָפּ־שפּרינגען פון אים.

קאָרנהענדלער אָקערט כסדר דאָס פעלד פון דער פראַנצייזישער גע־שיכטע און דערנעבן ספּעציעל די ראָלע פון יידן, וואָס שפּילן אין איר. וואָס מער ער גראָבט, אַלץ מער סטימולירט עס זיין פאַרלאַנג צו דערגיין צו נייע אוצרות און ער געפינט זיי טאָקע. אַ באַווייז איז זיין בוך: „יידן אין פּאַריז״.

**
*

כ׳ווייס נישט צי ס׳איז נאָך דאָ ביי אַ פאָלק אַזאַ גוט ווערטל ווי „שווער צו זיין אַ ייד״. קאָרנהענדלערס בוך באַשטעטיקט דאָס צום בעסטן.

איך שטעל מיר אַליין די פראַגע אויף וויפל מיר איז געלונגען אַרויס־צוברענגען איניקע קאָנדענסירטע געדאַנקען וועגן דעם בוך, „יידן אין פּאַריז״. מיר דאַכט זיך, אַז וואָס מען זאָל נישט זאָגן וועט זיין נישט מער ווי אַ בלאַסער אָפּשיין פון דעם איבערגעלעבטן.

ס׳איז אַן אוניווערסאַלע באַשטעטיקונג, אַז די לאַנדבירגער קענען וויניקער דאָס לאַנד און די שטאָט ווו זיי לעבן, איידער די טוריסטן־באַזוכער. אַ יוצא מן הכלל — ספּעציעל ווי אַ יידישער מדריך, איז ווי מיר ווייסן, קאָרנהענדלער. דער מחבר פירט אונדז אַוועק אויף אַן עקס־קורסיע אין מיטלעלטער און ברענגט אונדז צוריק צו דער איצטיקער צייט. דאָס בוך איז אַ גיגאַנטישער אויפטו אויפן גייסטיקן און טעכנישן געביט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער טיף ווי אַן ערנסטע שטודיע, באַלערנדיק און גלייכצייטיק אַ פאַרכאַפּנדיקער לייענשטאָף. די רייכע ביבליאָגראַפיע אין דעם בוך איז דער בעסטער באַוויז דערפאַר.

דער ייד איז די אַקס אַרום וועלכער עס גראַוויטירט די קריסטלעכע רעליגיע. צוויי מאָמענטן לאָזן זיך אונטערשטרייכן אין דער אינטערע־סאַנטער אַרבעט: די פּסיכאָלאָגיע פון פאַנאַטיזם, וואָס איז אַ מולטי־בלוטיקער באַגריף — און דער צווייטער מאָמענט, די הויך־קינסטלערישע באַגלייט־דערשיינונגען, דער אימפּולס צו פאַרקערפּערן די געשעענישן אין גייסט פון דער צייט אין דער מאָנומענטאַלער קונסט און אָרנאַמענטיק.

מיט דער פאַרבינדונג פון שריפט און סקולפּטור איז דער קריסט־לעכער וועלט געלונגען צו שאַפן אַ האַרמאָנישע סינטעזע פון דעגראַדאַציע און קעגנערשאַפט צו דער יידישער רעליגיע. דאָס אַריבערטראָגן די לע־גענדעס אויף אויסערלעכע אָביעקטן אין אַזאַ גראַנדיעזן פאַרנעם, פירט אויס אַ טאָפּלע ראָלע; עס וועקט באַוווּנדערונג און ווערט גלייכצייטיק אַ דראַסטיש מיטל אָנצוצינדן די געפילן פון פאָלק מיט שנאה. — ווייל דאָס אַריינאַייביקן לעגענדעס אין שטיין ווערט לייכטער אינטעגרירט דורך די אָפּטישע געדענק־מעגלעכקייטן פון מענטש.

נישט קיין כראָנאָלאָגישן איבערבליק האָבן מיר זיך פאָרגענומען דאָ צו געבן וועגן די „יידן אין פאַריז". מען וואָלט אַ גרויסן טייל פון בוך געקאָנט רעזומירן אין קורצע שורות: יידן האָבן רייכער געמאַכט די קעניגלעכע קאַסעס און באַפרוכטיקט די קריסטלעכע געשיכטע מיט פרימיטיווער פאַנטאַזיע אין שריפט און אין שטיין. מען דאַרף זיך אָבער אָנטון אַ כוח כדי נישט צו דערמאָנען די פּראַכטיקע בלעטער פון דער געשיכטע פון נאָטרע דאַם, פון דעם גרויסן קאַפּיטל: „די באַזיגטע סינאַ־גאָגע און די טריאומפירנדיקע קירכע", וואָס איז איבערזעצט דורך דער עקזאַלטירטער פאַנטאַזיע פון קינסטלער און איז מסוגל אַרויסצורופן ביי אונדז געמישטע געפילן פון אַנטציקונג און רעוואָלט. די באַשרייבונג זאָגט עדות וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע און נאַאיווע פאָראורטיילן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט דורך אַזוי פיל פיגורן און אויסגעצאַצקעטע סטאַטועס אויף אַ טייל פראַנצייזישע קירכעס. די אַלעגאָריעס, אויסגעדריקטע אין שטיין, האָבן אָבער נישט איבערצייגט דעם ראַציאָנעל־דענקענדיקן מענטשן. באַ־קענענדיק זיך מיט דער געשיכטע פון יידן אין אַלע פרעמדן ווי אַ מינ־דערהייט, אויסגעשטעלט אויפן קריסטלעכן חסד און קאַפּריזן, האָט דאָך

די יידיטע רעליגיע און דער יידישער גייסט בכלל — נישט נאָר נישט קאַפּיטולירט, נייערט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען געקעמפּט און אַרויס מיט כבוד און טריאומף. יאָ, אויפן שאַכברעט פון געשיכטע איז דער ייד אַ וויכטיקע פיגור, וואָס מאַכט ציטערן אַ וועלט.

קאָרנהענדלער פירט אונדז אַריין אין דער מיסטעריעזער וועלט פון רעליגיע, האַס און רציחות און דעמיסטיפיצירט פאַר אונדז די שפּראַך פון שטיין. ער איז אַזוי אַרום דער רש״י־קאָמענטאַטאָר פון די סימבאָ־לישע פיגורן. ס׳איז שווער צו זאָגן וועלכעס קאַפּיטל איז מער אויפטרייס־לענדיק: צי דאָס פאַרברענען דעם תלמוד און פריער נאָך דער דיספּוט אַרום אים, צי די פּראָפּאַנאַציע פון דער האָסטיע, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ רייכע ליטעראַטור פון פאַנטאַזיע און לעגענדעס, וואָס זענען פאַראייביקט אין 12־טן און 13־טן יאָרהונדערט מיט דער גאַנצער נאַאיוויטעט פון מיטל־עלטער. אָבער דאָס שטוינענדיקע דערביי איז, וואָס דער מחבר ציטירט היסטאָריקער, וואָס זענען געפאַלן צו אַזאַ מאָראַלישער דעקאַדענץ, אַז זיי זוכן אונטערצושטרייכן דעם „אמת״ פון יענע נסים און נפלאות. איין אמת איז אָבער אַ שרייענדיקער, אַז מען האָט געברענט יידן און דער קרבן יונתן איז דער סימבאָל פון אַ מערצאָל און דאָס איז שוין ליידער נישט קיין לעגענדע!

ווען מען זאָל זיך פאַרטיפן אין דער יידישער געשיכטע, וועט מען נאָך דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג געפינען ענלעכע געשעענישן און אויך בלוטיקע אַרויסרופן דורך יידן זעלבסט־פאַרלייקענער און משומדים, ווי ס׳איז געווען דער ייד ניקאָלאַ דאָנין, דער שולדיקער אינעם פאַר־ברענען דעם תלמוד. מיר זענען אויך היינט נישט ווייט אַוועק פון יענעם מיטלעלטער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אויטאָדאַפעס און יידן־פּייניקונגען — שוין נאָך דעם היטלער־חורבן.

מיר מוזן נאָך דערמאָנען דאָס קאַפּיטל, „דאָס פּלעצל״, וואָס איז זייער באַלערנדיק. קאָרנהענדלער קלערט אויף די לאָגיק און דעם אָפּ־שטאַם פונעם באַגריף „פּלעצל״, מיט וואָס עס ווערט באַצייכנט דער יידישער קוואַרטאַל. אָנהייבנדיק מיט דערקלערונגען פון אַלטע פּאַריזער

בירגער, קומט ער אַליין צום מקור פון דעם וואָרט, דורך די בריוו פון דער מאַרקיזע דע סעוויניע.

דער לעצטער טייל פון בוך נעמט אַריין קורצע עפּיזאָדן פון היימישע מענטשן אין פּאַריז, ווי: טעאָדאָר הערצל, שלום שוואַרצבאַרד, דער גאָר יונגער הערשל גרינשפּאַן, וואָס האָט דערשאָסן דעם דייטשן דיפּלאָמאַט פאָן ראַטה אא״וו.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די שטיינשילדלעך אויף די מויערן פון פּאַריז, ווו ס׳האָבן געוווינט די קרבנות פון ווידערשטאַנד אין דער היטלער־צייט. צום סוף וועגן דעם בוך מוז געזאָגט ווערן אַ באַזונדערער שבח פאַר די פאָטאָ־רעפּראָדוקציעס פון דער געשיכטע פון נאָטרע־דאַם און בכלל פאַר אַלע געראָטענע אויפנאַמעס אין וועלכע עס האָט אויך אַ חלק דער מאָלער לעאָן אַפּעלבוים.

דאָס בוך איז אַ געלונגענער באַווייז, אַז דער מחבר האָט דערגרייכט אַ היסטאָרישע דימענסיע.

בנימין שלעווין

„געקליבענע דערציילונגען", — פאַריז 1964

בנימין שלעווין איז איינער פון די רעפּרעזענטאַטיווסטע פאָלקס־שרייבער, וואָס האָט זיך איינגעשניטן אין דער אייביקייט מיט אַן אָרעאָל פון כבוד און רום.

ווען מען פייערט אַ בוך פון אַ מחבר און מען דאַרף נאָך נעמען אַן אָקטיוון אָנטייל אינעם יום־טוב, איז געוואונטשן אויפצופרישן דעם זכרון מיט זיינע פריערדיקע ווערק, טראָץ דעם וואָס מען קען זיי שוין. עס איז אויך ווערט עס צו טאָן אפילו בלויז צוליב אַן עסטעטישער הנאה. נאָר אַזוי ווי עס איז פּאַקטיש אוממעגלעך, איז גוט וואָס שלעווין האָט אונדז געגעבן אַ קאָנדענסירטן סך־הכל פון דרייסיק יאָר שרייבערישער מי, צו וועלכן איר וועט מיר דערלויבן צו באַנוצן זיך מיט אַ פערז פון פראַנצייזישן פּאַבוליסט לאַפאָנטען, וואָס קלינגט אין יידיש:

„דיקע ביכער שרעקן מיך. ווייט פון אויסנוצן דעם מאַטעריאַל, דאַרף מען אַרויסכאַפּן די בלום".

און אָט איז די „בלום" געקליבענע דערציילונגען, וואָס מען קאָן זיך פאַרגינען צו לייענען און איבער וועלכע מיר וועלן היינט ריידן.

ס'איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט אַ לייענער, קורץ נאָכן דערשיינען פון ב. שלעווינס פּרעמירטן בוך „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן". מיר האָבן גערעדט וועגן טיילווייז מאַסיוון סטיל, ווו מען האָט דעם איינדרוק צו גיין אויף אַ באַרג, איידער מען קומט אויף אַ שטיקל פלאַכלאַנד און מען קאָן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַזוי ווי איך האָב שוין דאָס בוך געהאַט געלייענט און דערפון גערעדט מיט באַגייסטערונג, האָט

דער לייענער אונטער דער ווירקונג פון מיינע רייד, זיך פליסיק גענומען צום בוך און שפּעטער מיט מיר מסכים געווען, אַז ס'האָט זיך געלוינט די מי פון אויפקנאַקן די נוס, כדי הנאה צו האָבן פון יאָדער...

עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן נאָכצוזאָגן די ווערטער פון ערודיט און שרייבער אברהם גאָלאָמב: „אַז דאָס ווערק האָט פאַרדינט, נישט קיין האַלבע פּרעמיע, נאָר גאַנצע צוויי פּרעמיעס".

דאַכט זיך, אַז קיין איינער פון אונדזערע שרייבערס דאָ אין פּאַריז, איז נישט באַהערשט פון אַזאַ שרייבערישן אומרו, ווי עס איז ב. שלעווין. בטבע אַ שווייגער, שטענדיק אַ פאַרנומענער, וועט איר אים זעלטן טרעפן קיביצן אין אַ געזעלשאַפט, און אויב איר טרעפט אים שוין יאָ אַ מאָל אַ ביסל אַנטשפּאַנט און שמועסן געמיטלעך מיט קאָלעגן, פּאַסירט אַז ער ווערט פּלוצלונג פאַרשוווּנדן, ווייל דער שרייבערישער אימפּעט יאָגט אים. אויך דאָ, זיצנדיק צווישן חברים, האָט ער שוין אויפגעכאַפּט אַ מאָדעל, אַן אַרט ריידן, אַ קנייטש און ער ווערט נעלם ווי אַ בין אָפּלייגן דעם האָניק... יעדער גאַנג, יעדע רייזע האָט ביי אים דעם זעלבן ציל, שרייבן. נישט נאָר איז זיין טאָג אַרבעט געמאָסטן אויף דער שעה, אַזוי פיל ביים לינאָטיפּ, אַזוי פיל ביים שרייבטיש, אַזוי פיל לייענען אא"וו. ער איז גלייכצייטיק פאַרבונדן מיטן וועלטזייגער, מיטן פּולס פון די געשעענישן, מיט אַלע געשעענישן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזערע נויטן, צו אונדזערע דערגרייכונגען, — און אַלץ באַקומען מיר צוריק פון אים אין אַ סובלימירטן עכאָ פון זיינע ווערק.

פּונקט ווי מען קאָן נישט אין אַ פאַרטיקן בנין אַריינפּאַסן נאָך אַ ציגל, אַזוי קאָן מען נישט אין שלעווינס קאָנסטרוקציע עפּעס צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען. און אַזוי ווי זיין לעבן איז אָרגאַניזירט, ליגט אויך זיין שאַפן אונטער דער זעלבער קאָנטראָל.

מיר זענען געוווינט צו פאַרגלייכן איין שרייבער צו אַ צווייטן, פון אַ מער ווייניק דעם זעלבן קאַליבער. עס איז גראָד אַ כבוד, וואָס מען האָט שוין פאַרגלייכט בנימין שלעווין צו איטשע מאיר ווייסענבערג, אָדער צו אַנדערע מייסטער, ווי זלמן שניאור און י. י. זינגער — שלעווינען

צו לאַנגע יאָר. אגב, רופט טאַקע אַרויס אַן אַסאָציאַציע שלעווינס ערשטע דערציילונג פון דער לעצטער זאַמלונג: „אהרן לייב מיט די בנים" צו ווייסענבערגס „אַ טאַטע מיט בנים".

שלעווין איז אָבער אין זיין סטיל אַזוי אייגנאַרטיק, אַז ווען ער שטעלט צו אַנאָנים אַ ווערק צו אַ קאָנקורס, וואָלט מען געוווּסט ווער ס'איז דער מחבר.

מיר הערן טייל מאָל אַ בינע־קינסטלער, וואָס זינגט פאַר אונדז אַ באַקאַנט ליד, אַ שוין געהערטס פון אַנדערע זינגערס. איינער האָט עס פאַרגעטראָגן מיט מער עמאָציע, אַ צווייטער מיט ווייניקער, נאָר אין בעסטן פאַל רירט עס אונדז שוין נישט. קומט אָבער אַ מאָל אַ שפּאָגל נייער קינסטלער און גיט דעם ליד אַן אייגנאַרטיקע אינטערפּרעטאַציע און דאָס זעלביקע ליד טרייסלט אונדז אויף ביז טרערן און אונדז דאַכט זיך, אַז מיר הערן עס צום ערשטן מאָל. מען וואָלט געזאָגט אַז דאָס ליד האָט אָפּגעפונען די פּערסאָנאַליטעט. פּונקט אַזוי איז מיט יעדער קונסט און מיטן אויבן דערמאָנטן פאַרגלייך. עפּעס האָבן מיר דאָך שוין געהערט דעם ניגון, אָבער עס איז פאַרט נישט דער זעלבער, ער רופט ביי אונדז אַרויס נייע עמאָציעס.

ווען אַ וואַרשעווער לייענט דאָס גרויסע עפּישע ווערק „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן" ווערט ער גלייך מיטגעריסן אינעם רעטראָספּעקטיוו פונעם אַמאָליקן פּוילן פון וואַנען שלעווין איז אַרויסגעוואַקסן און מיט־געוואַקסן. צי מיר נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין יענער קעמפנדיקער יוגנט, צי נישט, זעען מיר זי סיי ווי אין זיין ווערק. ער האָט דאָרט קיינעם נישט אַדורכגעלאָזט: נישט דעם אַרבעטער, נישט דעם אינטעליגענט און נישט דעם קליינבירגער. איר זעענט ווי פאַרבליפּט פון דער וואָרהאַפ־טיקער שילדערונג, ווי אַזוי די אַלע פיגורן פאַרבאַלזאַמירטע אינעם שריי־בערס זכרון, ווערן צוריק לעבעדיק אין זיין בוך און באַוועגן זיך פאַר אונדזערע אויגן.

שלעווין איז אַ רעאַליסטישער מאָלער פון ברייטע שליאַכן, דער גע־שטאַלטיקער און באַזינגער פון אונדזער וואַנדערפאָלק, פון אונדזערע „יידן

פון בעלוויל״, וואָס זענען אונדז נאָך היימישער געוואָרן נאָך דעם ווי ער האָט זיי מאָדעלירט אין זיין ראָמאַן.

די סאַמע רעאַליסטישע שרייבערס מוזן אויך האָבן אימאַזשינאַציע. פון אַ וואָרט, אַ קלאַנג צו קאָנען אויפשטעלן אַ בנין. ווער פון אונדז האָט נישט באַוווּנדערט ווי אַ שפּינעלע ציט פון זיך סטענגעס און הענגט פאַר אונדזערע אויגן אויף אַ געוועב. אויך שלעווינס אימאַזשינאַציע וויקלט סטענגעס פון זיך, פאַרקנעט זיי מיט דער ווירקלעכקייט און גיט עס אין דער פאָרעם פון זיין פּראָזע. זיין שפּראַך איז לעבעדיק און מיט אַ דינעם הומאָר באַזוימט. די נישט דערזאָגטקייט, דער שטריך פון אַ קוים באַ־מערקטן שמייכל ווירקט אויפן לייענערס געמיט און רופט אַרויס אינ־טערעס און באַציאונג צו זיין פעדער.

שלעווין איז אַ ראָמאַניסט אפילו אין זיינע דערציילונגען. ער איז אפשר צו ווייניק סענטימענטאַל, זיין פּראָזע איז אָבער געפּאַנצערט מיט פּראָבלעמען. דער ליבע־עלעמענט אין זיינע דערציילונגען אָדער ראָמאַנען באַגרענעצט זיך נישט צו אַ פיזיאָלאָגישן און פּראַקטישן פאַרבינדן זיך פון צוויי באַזונדערע מינים; זיי דריקן זיך אויס ביי אים אין דער צוגע־בונדנקייט צו אַ צענטראַלער אידיי, וועלכע ער באַפעלקערט. נישטאָ ביי אים סתם מאַנעקינען, ווי פיגוראַנטן ביי אַ מאַסן־סצענע אין טעאַטער. אין זיין שרייבן שפּילט יעדער אָפּ זיין ראָלע, יעדער האָט עפּעס צו זאָגן און שלעווין זאָגט דאָס אונדז מיט זיין שרייבערישן טעמפּעראַמענט, מיט זיין כוח הדיבור.

שלעווינס אַ דערציילונג איז אַ קאָמפּאָזיציע, ווו מען געפינט אַלע עלעמענטן פון אַ ראָמאַן. מיר קאָנען נעמען צום ביישפּיל „די כלה פון קאַלאָמב בעשאַר״. דאָס איז אַ מיניאַטור־ראָמאַן. נישט דערפאַר, ווייל דאָרט דערציילט זיך וועגן דער ליבע פון בחור, דעם געוועזענעם שוחט, צום מיידל פון דער ווילדער סאַהאַראַ, נאָר ווייל די דערציילונג איז באַהאָפטן צו די אַרומיקע קולטור־באַדינגונגען און דרינגט דירעקט אַרויס פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער אינטעליגענטער פיגור פון זיינע פּערסאָנאַזשן און אויך אין דעם ירושלימער אַנטיקוואַר דן מייטעלעס, דעם פאַרליבטן אין ספרים.

ביי די עלטערן פונעם בחור, פֿאַרליבטן אינעם מיידל פֿון הייסן קלי־מאַט, איז דאָס פֿאַרבינדן זיך מיט איר אַ גאַנצע דראַמע, שיער נישט אַ שמד... כאָטשביידע משפּחות זענען יידן, אָבער פֿון צוויי באַזונדערע ווייטע וועלטן. ווי מיר זעען האָט שלעווין אויך דעם צפֿון־אַפֿריקאַנער ייד געגעבן פּלאַץ אין זיין בעלעטריסטיק. מיט אַ פּאָר שטריכן ווייעט אויף אייך אָן דאָס עקזאָטישע געווירץ, וואָס די שוואַרצע שויבערס מיט די ברענענדיקע אויגן האָבן צוגעטראָגן דעם „פּלעצל״. 1)

דאָס וואָס שלעווין זאָגט אין זיין עסיי „מיט שלום אַש אין ניס״, קאָן אָנגעווענדעט ווערן אויפֿן מחבר אַליין: „זיין קינסטלעריש אויג רוט נישט. ער כאַפּט אַרום אַלץ נייע שטחים״.

ס'איז אַ פֿאַרגעניגן צו לייענען ווי קינסטלעריש און קאָנצענטרירט עס איז אַריינגענומען דעם צוקער־בעקערס געוועלבל, רב שמעיהס, אינעם דעקאָר פֿון אַלטן מויער פֿון שפּעטן רענעסאַנס. אָט הערן מיר די ווייכע רעדער פֿון די עקיפּאַזשן און קאַרעטעס, פֿון וואַנען עס וועלן באַלד אויס־שטייגן די קורטיזאַנעס מיט די כיטרע דיפּלאָמאַטן... און ווען מיר זענען שוין אַריינגעצויגן אין דער קעניגלעכער אַטמאָספֿערע פֿון שפּעטן רענע־סאַנס, גייט פֿאַר אונדז פּלוצעם אויף, ווי דורך אַ כישוף, דער ריח פֿון יידישן צוקער־געבעקס, פֿון ברויט מיט קימל און דער גאַנצער אַראָמאַט פֿון יידישן האַנדל, טראַדיציעס און מנהגים פֿון „פּלעצל״.

דער פֿראַגמענט דוב כייקין, ווי אַן אָפּגעשלאָסענע דערציילונג, איז מייסטערדיק און רופֿט אַרויס אַ סך עמאָציעס. דאָ זענען אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעמען פֿון ווידעראויפֿבוי נאָך דער אַנטשטייאונג פֿון דער מדינת ישראל. דער אידעאַליסט און טרוימער דוב כייקין, וואָס איז פֿאַר־בונדן מיט דער ישראל־ערד, מער ווי מיט זיינע נאָענטסטע, קומט אַראָפּ פֿון קיבוץ אין דער וויסטע פֿון באר־שבע, באַזעצט זיך אין אַ צעשאָסן אַראַביש הויז און הייבט אָן אַ נייע פּיאָנערישע אַרבעט פֿון בויען.

מיט אַ טיפֿן אָבסערוואַציע־חוש באַשרייבט שלעווין די רואיקייט פֿון

1) אַ געגנט אינעם יידישן קוואַרטאַל פֿון פּאַריז.

דער וויסטע, פאַרלאָזטער דורך די אַראַבער, ווו די גאַסן האָבן נאָך נישט קיין נעמען, נאָר אותיות פון אלף־בית. ער פאַרבינדט זיך אַזוי נאָענט מיטן ישראלדיקן סטעפּ, אַז עס ווייעט אויף אייך די עקזאָטיק, ווי איר וואָלט זיך דאָרט אַליין אַרומגעדרייט. — שפּעטער קומט אַראָפּ זיין פרוי רחל פון קיבוץ און באַקומט געשמאַק פאַר איינאָרדענען אַן אייגענע היים. אַרויס פון קאָלעקטיוו, גיט זי זיך איבער מיט פרייד דער פאָרעם פון אַ ניי לעבן. אין דעם האַלט איר אונטער דעם זונס מיידל, אַ געקומענע פון די לאַגערן. דאָס לאַנד צעוואַקסט זיך עקאָנאָמיש — און פּאַראַלעל דערמיט וואַקסן די אַפּעטיטן צו פאַרשענערן די אייגענעווירטשאַפט. פּאַקטיש פאַר־לאַנגט דאָך יעדע מאַטעריעלע דעראָבערונג, אַ פרישע דעראָ־בערונג: אַ שיין צימער דאַרף אַ שיין מעבל, און אַז ס׳איז שוין אויס־מעבלירט, פעלט דאָך דער פּלושענער טעפּיך... ביז עס דערגייט צו דעם בירגערלעכן סנאָביזם פון איבערשטייגן די אַרומיקע. דוב כייקין הייבט זיך אָן פילן פרעמד אין זיין אויסגעפּוצטער היים... און ווען ער דערכאַפּט פּלוצעם מיט זיין אויג אַ ברילִיאַנט אויפן פינגער פון זיין פרוי, הייבט ער זיך אויף און שפּאַנט צוריק אַוועק אין קיבוץ.

די דערציילונג איז אַ זאַפטיקע פּאַסטאָראַלע. פון איין זייט די אויס־געוואָרצלטקייט, די נאָכווייען פון חורבן, פון דער אַנדערער זייט הפקרות און געפּאַלנקייט, וואָס ווערט סימבאָליזירט דורך דעם ווייבל פּעסל. אָבער איבער אַלעמען דאָמינירט דאָרט דער ערלעכער איבערגאַנג צו אַ נאָרמאַל געזונט פויעריש לעבן.

אין דער שטילער משפחה־צעריסנקייט אין דער דערציילונג „טאָני ווינקלער״, געפינען מיר אויך מער ווייניק די זעלבע מענטשלעכע גע־פּאַלנקייט, אַנטקעגן דעם ריינעם ערלעכן מענטשן, וועלכער בלייבט כמעט שטענדיק אַליין.

שלעווין באַמיט זיך אָנצושטעלן זיין ליכט אויף דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון דער נאַטור; ער וויל זיך נוקם זיין אין דער מאָראַלישער געפּאַלנקייט פון אַ פיגור און אים שילדערן אין ליכט פון זיינע האַנד־לונגען.

יעדע דערציילונג פון זיין בוך איז אַ באַזונדערע איבערלעבונג. עס איז כדאי אונטערצושטרייכן דעם ליריזם, וואָס באַגלייט די דערציילונג „אַ גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן". דאָ לעבן מיר איבער אַן אַוועקגייענדיקן דור. פּאַרטיי־פּאַנאַטיזם, פאַרבונדן מיט דער לוויה פון טראָצקיס אלמנה, וואָס איז געשטאָרבן אין פּאַריז, אויפן וועג צו פאָרן קיין מאָסקווע רעהאַביליטירן טראָצקין און זייערע זין.

אין אָנהייב פון דער דאָזיקער דערציילונג שילדערט שלעווין דאָס גאָרנשטיבעלע פון פּערעלען, דער אַקטיוויסטקע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וווהין ס'האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ שפּילפייגעלע. זי פאַרשפּאַרט עס אין אַ שטייגל און פאַרנעמט זיך דערמיט ווי אַן אמתע פּראָנצייזין. דער מאַן האָט איר אָנגעקוקט ווי אַ משוגענע: „אַ שפּילפויגל אין אַ יידישער שטוב? ער האָט דאָס גאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין, סיידן אָפּקאָכן און מאַכן דערפון אַ בוליאָן...".

און טאַקע, פון וואַנען קומט אַזאַ זאַך צו יידן? דער פּסיכאָז פון אונדזער וואַנדערפאָלק האָט זיך קיין מאָל נישט געקאָנט צובינדן צו אַ הויז־באַשעפעניש: אַ הונט, אַ קאַץ אָדער אַ פויגל. אָט דער סענטי־מענט האָט קיין מאָל נישט געקאָנט אַנטוויקלט ווערן ביי אונדז, ווי ביי אַנדערע פעלקער. פאַראַן בלויז זעלטענע אויסנאַמען.

ביי שלום אַש איז ערגעץ פאַראַן אַ דערציילונג, ווו אַ הונט נעמט זיך ס'לעבן פילנדיק, ווי זיינע בעלי בתים ווילן אים איבערלאָזן אויף הפקר, ווייל זיי גרייטן זיך צו אַנטלויפן פון אַ פּאָגראָם.

און איצט קומען מיר צוריק צו דער שילדערונג פון שלעווינען. „ווען ס'האָט אַ שיין געטאָן די זון, האָט פּערעלע געזען ווי ס'פייגעלע פּעדערט זיך, ס'וואַשט זיך, ס'נורעט איין מיט פאַרגעניגן דאָס קעפּל אין וואַנעלע און שפּרינגט דערנאָך אַרויף אויף דער הוידלקע. ס'וויגט זיך אַהין און צוריק: ס'זינגט מיט אַ ריינער קאָלאָראַטור, זי האָט זיך אַליין נישט צוגעגלויבט, אַזאַ פּיצלס...".

יעדע הויפּטפיגור, זאָל עס זיין דוב כייקין, צי די רירנדיקע שוועס־טער אין דער דערציילונג „די מעד.־שוועסטער מאַיאַ", וואָס איז אויפגע־

כאָוועט געוואָרן אין בהלהדיקן וואַנדער פון אַלע פּאַרוויסטונגען, אָדער אהרן דער פּאָעט — דאָס זענען נישט סתם טיפּן. יעדער באַזונדער איז אַ סימבאָל, רעפּרעזענטירט אַ דור, אַן עפּאָכע. אַ סך זענען זיי געווען די אהרן׳ס, די פייגעלעך, די סטערקעס. צווישן זיי אויך שלעווין. אויסגעשמיסן פון ביטערע דערפאַרונגען, אַנטוישטע און מידע. די אַלע אַנציגדערס פון אידייען האָבן זיך אַ ביסל שפּעטער אַרומגעזען, אַז ישראל דאַרף זיין דער לעצטער עטאַפּ. מיר האָבן אַזאַ ברייטהאַרציקן אוצר, ווי דאָס לאַנד פון די נביאים, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן מיט בלוט און טאַקע די אַנטשטייאונג פון אונדזער מדינה איז געווען דער דינאַמיט, וואָס האָט געהאָלפן אויפרייסן די פרעמדע טעמפּלען אין אַ פרעמדער וועלט, פאַר וועמענס געטער מען האָט געריכערט קטורת.

איך וועל ברענגען די לעצטע ציטאַטע פון מחבר אַליין: „אַ גאַנץ לעבן האָב איך געזוכט — און דו מיט דודן האָבן עס פּשוט אָן גריבלענישן געפונען. כ׳בין אייך מקנא״. אַזוי רעדט דער יונגערמאַן אהרן צו זיין שוועסטער אין ישראל.

די שענסטע ליבווערטער פאַרן שרייבער וועלן אין בעסטן פאַל זיין שאַבלאָנע ליבע־דערקלערונגען. אָבער ווען מיר קוקן אויף שלעווינס אויסגעשטעלטע ביכער אין אונדזער היים־ביבליאָטעק, קוקן מיר אויף זיי ווי אויף אונדזער אייגן פאַרמעגן. דעריבער איז די דאָזיקע פייערונג נישט קיין אינדיווידועלער יום־טוב פאַרן בעל שמחה בנימין שלעווין: זי איז די מיטפּולסירנדיקע פרייד פון אַ גאַנצן ציבור.

איציק מאַנגער

דער פּרינץ־באָהעם אין דער יידישער ליטעראַטור

כדי צו קאָנען באַצייכענען אַ דיכטער מיט אַ סופּערלאַטיוון טיטל, דאַרף ער קודם כל האָבן סטיל. אין הסכּם דערמיט, וואָס דער סטיל איז דער מענטש, דאַרף, דאָס ווערק, טראָץ דעם, זיין דער באַצווינגער פון אונדזער פאָרשטעלונג. זיין שאַפן מוז זיין בכוח אָפּצומעקן פון אונדזער וויזיע די קאָנקרעטע געשטאַלט מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן. זיין פּערזענלעכקייט דאַרף זיך איינשרומפּן צו אַ קליינעם פּונקט, פון וועלכן זיין האַרץ אָדער געפילס־וועלט זאָל אויסשטראַלן איבערן גאַנצן ווערק. האָבן מיר דאָס געפונען ביים שרייבער, — מעגן מיר אים אָנרופן: גרוי־סער קינסטלער.

עס לוינט זיך אַדורכצושפּאַצירן דעם געדיכטן וואַלד פון מאַנגערס דיכטונג, זיך ערטערווייז אָפּרוען און רוענדיק געניסן, איינעטעמען דעם אַראָמאַט פון זיין פּאָעזיע; זיך באַקענען מיט זיין עקסטראַוואַגאַנטער גרויסקייט, זיין דראַמאַטישער שקצישקייט און זיינע — גאָט־לעסטערונגען. ווען מיר שפּאַצירן אין דעם דאָזיקן מאַנגער־וואַלד און לעבן אין דער שטימונג און לאַנדשאַפט פון זיינע ווייסע שטערנבעכט, קומט אונדז דער דיכטער אַליין אַנטקעגן — ווי דורך עפּעס אַ כישוף־מאַכט און ער שטעלט זיך פאַר אונדז פאָר אין זיין אויטאָ־פּאָרטרעט: „איציק מאַנגער" —

ציוויל — אַ ווילד־צעבליטער עפּלבוים,
„לויטן מיליטער־רעגיסטער איז ער אַ אַ פּשוטער סאָלדאַט,
אין חלום פאַרברענט ער קאַרטאַגאָ און רוים,
און געפינט די פּרינצעסין, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט".

ווו אַהין פירט אונדז איציק מאַנגער?

דעם דאָזיקן פרעגצייכן וועלן מיר פּרווון פאַרענטפערן מיט אַ „פראַבקע" פון זיין שאַפן.

איציק מאַנגער איז דער דיכטער פון מעשהלע, פון דער באַלאַדע, פון דער פאַסטאָראַלע און פונעם שונד־ראָמאַנס. פון דעסט וועגן איז אַזאַ טאָגכראָניק ווי די „ליבע פון שרהלע מיטן מאַרקיז דע פאַנפיני" נישט ווייניקער מענטשלעך, ווי די ליבע־בריוולעך פון וועלוול זבאַרזשער צו זיין כלה מלכהלע דער שיינער.

איידער מיר פאַרזוכן פון די מאַנגער־פּירות, וואָס זענען אַנגעוואַקסן אויפן בוים פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלן מיר פּרווון מאַכן אַ גייסטיקע סכעמע.

מאַנגער איז איבער אַלעם דער דיכטער פון ריטעם, ווו דער גראַם איז געפּאָרט מיטן באַגלייט־אַקאָרד אין אַ שטרענגער, ערלעכער שותפות. דערפאַר זענען זיינע לידער לייכט צו נעמען אויף נאָטן און צו ווערן סצענישע אַטראַקציעס. טראָץ דעם זענען זיינע לידער מעשהדיקע — און אין דער דאָזיקער פאָלקסטימלעכער נאַראַציע בליצט ער מיט חכמה — אַפילו אין די סאָמע לצ'עוואַטע לידער.

אָן שום ספק האָט מאַנגער אָנגעהויבן זיין שאַפן אונטער דעם די־רעקטן איינפלוס פון די בראָדער זינגער, דער עיקר פון וועלוול זבאַר־זשער און די פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור. נישט נאָר זעען מיר ווי דער דיכטער לעבט אין די דלדל־אמות פון זייער עמאָציע, פון זייער פאָלקסטימלעכער ראָמאַנטיק, נייערט מיר פילן דאָס אַרויס אין דער אַרט פון זיין שאַפן. זיין ווערק — קאָן מען זאָגן — איז איין גרויסע בור־לעסקע מיט אַלע ציינישע שטעכלקעס — און דאָך, טיף מענטשלעך דער־הויבן.

ער גרויסט זיך טאָקע צו זיין דער נאָכוווקס פון די קאָמעדיאַנטן — און די דאָזיקע פאַרליבטקייט דריקט זיך אויס אין אַ סאָנעט אין זיין בוך „וואָלקנס איבערן דאַך", אין וועלכן ער שטעלט זיך פאַר אונדז אין אַ צווייטן וואַריאַנט:

„און אָט בין איך, דאָס אייניקל פון אונדזערע אַלטע ר׳ אייזיק וואליך ווירמסיין און ר׳ שלמה פון פראַגן, פונקט ווי זיי האָב איך געטאָן טאָן זינגען און זאָגן פון יידישע צערן צווישן גויאישע האַרן און געפאַרן.

„כ׳האָב איינגעשפּאַנט דעם באַפליגלטן לאָשעק פון עטוואָ צוואַנציק יאָרן, פונקט ווי מיין זיידע האָט געשפּאַנט זיינע קאַשטאַנעס אין סטאָפּ־טשעט, ווו די שיינקייט ווישט די טרערן אָפּ פון אַלע צערן״.

און אַז מאַנגער זינגט שוין וועגן זיך, געשטאַלטיקט ער זיין פאַרבי־טערונג אין די לעצטע צוויי פערזן:

„און טראָץ דאָס געוועלטיקן פון דער דאָזיקער מחלה,
וואָס רופט זיך קנאה, פליט דער רייטער מאַנגער
מיט זיין באַפליגלטן לאָשעק אַריבער אַלע שטרויכלען.

ווער געדענקט זיי נאָך, די פאַרכעס, די נישט־פאַרגינערס
אויפן וועג,
וואָס אָנשטאָט זיך צו פאַרמעסטן אין גייעג,
האָבן זיי אָפּט געמאַכט שטרויכלען דעם רייטער אויפן פערד.

די אויגן פון דער שיינקייט זענען טונקל, טיף און גרויס,
זי טראָגט אויף איר ברוסט אַ קראַנקע רויז,
די אָוונט־זון, וואָס געזעגנט זיך מיט דער ערד״.

**
*

איציק מאַנגער איז אַ קינד פון אַן אָרעמער אַרבעטער־היים, וואָס איז אָבער רייך אין פּאָעזיע. כמעט אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון זיין ווערק, ווערט פאַרהערלעכט זיין ברודער דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער, וועלכער נערט זיין טאַלאַנט און באַאיינפלוסט זיין שאַפן. נישט נאָר זיין אינטעליגענטן ברודער ווידמעט ער אַ טייל פון זיין שאַפן, נייערט די גאַנצע היים מאַנגערס ווערט פאַרפּאָעטיזירט מיט דער אָרעמקייט צו־זאַמען.

אויסער אין די חומש־לידער, אָדער „מדרש איציק", ווי ער רופט אָן זיינס אַ בוך, איז ער אין זיין גאַנצן לידער־מאָסיוו פאַרשיידנאַרטיק. ווען ער ווערט עגאָצענטריש, וועבט ער גלייכצייטיק אַריין אין דער וויזיע פון „איך" מיסטיש־פאָלקסטימלעכע פיגורן, וואָס ווערן אוממיטל־דיק פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־וויזיע. מאַנגער בויט אויף פאַר אונדז אַ מעשהלע אין גראַם און דערציילט אונדז, אַז „אליהו הנביא" לייזט אויס דער מאַמעס סאַמעטן קלייד פונעם לאָמבאַרד... דאָס וואָס באַחנט נאָך מער דאָס פאַנטאַסטישע מעשהלע, איז, וואָס דער דיכטער איז גאָר־נישט דאָ ביים אָנהייב. ער פירט אַריין אין זיין ליד אַן אוווערטורע פון פייגל.

„וואָס זינגען די גראָע פייגל
אויף אונדזער אָרעמען דאַך?
ס'שפּאַנט אַן אַלטער בעטלער
איבערן טונקעלן שליאַך.

דער בעטלער איז נישט קיין בעטלער,
נאָר אליהו הנביא אַליין,
אַ פרומער שטערן פירט אים
און ווייזט אים ווו צו גיין".

אין דער דריטער סטראָפע דערשיינט שוין דאָס היימישע געשטאַלט פון דיכטער אין דער קאָנקרעטער סימפּאָניע פון אָרעמקייט — און ער זינגט פאַר אונדז אויף:

„ער, דער שטילער, טרייסטער
פון אונדזער אָרעמקייט,
האָט אויסגעלייזט פונעם לאָמבאַרד
דער מאַמעס סאַמעטן קלייד"".

אין די ווייטערדיקע סטראָפן ווערט שוין בולט דער נס, וואָס פאַלט

אויס צו דער גליקלעכער געשעעניש. מאַנגער שטעלט אונדז גלייך פאַר די הויפּט־פיגורן פון דער שמחה:

„די מאַמע וועט שיינען פאַר נחת
אין איר סאַמעטן קלייד,
די נישט געקרוינטע מלכּה
פון אונדזער אָרעמקייט".

דער דיכטער פאַרענדיקט זיין ליד, ווי ער וואָלט זיך נאַאיוו פאַר־ענטפערט, אַז נישט ער איז דער מחבר, נייערט דאָס האָט זיין מוזיקאַליש אויער געהערט זינגען די פייגל — און ס׳קומט אויס, אַז ער האָט פּלאַגירט די פייגל...

„דאָס זינגען די גראָע פייגל
אויף אונדזער אָרעמען דאַך,
די טריט פון אליהו הנביא
לייכטן אויפן שליאַך...".

ווען מיר מישן די בלעטער פונעם זעלבן בוך „וואָלקנס איבערן דאַך", געפינען מיר פּערלדיקע סאָנעטן, דורך וועלכע דער דיכטער פירט אונדז אַריין אין זיינע קינדער־יאָרן און מיר זעען ווי דעם דיכטערס פּאָעטישער גייסט לעבט זיך אויס אין דער אָרעמקייט, וואָס נערט זיין ליד. ער עפנט פאַר אונדז אַ פּאַנאָראַמע פון אַן אָרעמען הויף מיט אַ היימישער קאַטע־רינקע — און אַן אָרעם ייִנגל אין אַ ווינקל פון הויף וואַרפט קרישקעס ברויט פאַר די פייגל.

אַלץ איז אַרומגעהילט מיט אַ ראָמאַנטישן דעמער. די אומעטיקע, פּאַסטאָראַלע פון זיינע סאָנעטן וויקלען זיך אויף פאַר אונדז מיט האַר־מאָנישע פאַרגלייכן און ממשותדיקן געשטאַלט:

„אָ, דאָינע אומעטיקער פּאַסטוך־ניגון,
זאָג, פאַרוואָס ווילסטו נישט פאַרוויגן
דאָס קראַנקע שעפעלע, מיין טרויער?

אויפֿן שיידוועג קלויבט דער האַרבסט נדבות
און מיין בענקשאַפֿט פּאַרט אויף קבר אבות,
דער פֿויער און דער קוטשער איז מיין טרויער...".

כמעט יעדעס בוך איז פֿאַרענדיקט מיט אַן עפּילאָג־ליד, ווי מאַנגער וואָלט שוין דערמיט פֿאַרענדיקט זיין שליחות — און אין קאָנקרעטע פֿיר שורות גיט ער אַ רעזומע דורך שיכּרות פֿון ווײַן און געוויין:

„די ערד האָט מיך געגנערט
מיט ברויט און נויט און צער,
און איך האָב זי דערפֿאַר
מיט מיין ליד באַטרערט".

**
*

איציק מאַנגער האָט אַ קליין ביכעלע מיט ליבע־לידער אונטערן טיטל: „וועלוול זבאַרזשער שרייבט ליבע־בריוועלעך צו מלכהלע דער שיינער".

די געגראַמטע ליבע־בריוועלעך זענען מוסטערן פֿון די שענסטע ליבע־לידער אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז אַ קליין תהילימל פֿון פֿאָלקסטימלעכער חכמה, באַחנטן אויסקלאַנג און דיכטערישן פּאַטאָס.

אין מאַנגערס לידער, פֿון וועלוול זבאַרזשער צו דער נייטאָרין מלכהלע דער שיינער געפֿינען מיר די ביאָגראַפֿיע — אויב מען קאָן אַזוי זאָגן — פֿון דער ליבע פֿון דיכטער וועלוול זבאַרזשער צו זיין געליבטער, וואָס האָט געמוזט צוליב אומבאַקאַנטע סיבות, אָדער צוליב אַ ראָמאַנטישן שלייער, אַוועקפֿאָרן פֿון רומעניע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ביים סוף פֿון זיין לעבן האָט דער גורל אים צוזאַמענגעבראַנגט מיט זיין געליבטער אין סטאַמבול — און אין איר הויז פֿאַרענדיקט ער זיין לעבן.

מאַנגער וועבט זיך קינסטלעריש אַריין אין זיין סיוזשעט אויסער מיט אַ זעלטענעם ווערוו, אויך מיט דעם דייטשן דיאַלעקט. פּונקט ווי דער פֿאַרבלענדער, וואָס זשאָנגלירט מיט אַן איינפֿאַכן אָביעקט און ציט דער־

פון רעגנבויגנס, אַזוי ווערט מאַנגער פאַר אונדז אַ טויכער פֿון דער מענטשלעכער נשמה און פון די גרונטן וואַרפט ער אַרויף פאַר אונדז גאַנצע זשמעניעס פערל...

מיר עפענען אויף דאָס ערשטע ליד:

„יאָסי. אָוונד. זיבן אוהר.
דאַטום: דריטער יענער.
אַדרעס: אַן וואָהל געבאָרענע
פרוי מלכהלע דער שיינער".

פונקט ווי דער אַריינפיר, אַזוי דאָס גאַנצע ליד, געהאַלטן אינעם בריוו־סטיל און ענדיקט זיך מיט „פּאָסט־סקריפּטום": „זבאַרזשער ערנ־קראַנץ, יאָסי, פאָסט־רעסטאַנטע".

און אין אַן אַנדער ליד פול מיט נאָסטאַלגיע, פון וועלכן מיר וועלן אַרויסכאַפּן בלויז אַ דריי סטראָפן, נישט לויטן סדר:

„זאָג, מלכהלע, דו שיינע,
צי געדענקסטו נאָך דאָס ליד:
„ס׳איז בעסער צו זיין אַ דאָרן,
איידער אַ בלום, וואָס בליט?"

וואָלט איך געווען אַ שטערן,
וואָלט איך נישט לאַנג געטראַכט
און וואָלט מיט אַ שטילן ציטער
געפאַלן אויף דיין דאַך.

בין איך אָבער נישט קיין שטערן
און אפילו קיין שניידער ניט,
איז מיר בעסער צו זיין אַ דאָרן,
איידער אַ בלום, — וואָס בליט".

**
*

מאַנגער גיט אונדז אַ ממשותדיקן באַווייז אויף וויפל ער שאַצט דאָס פּאָלקסטימלעכע שאַפן פון פעלקער און רופט די יונגע יידישע פּאָעטן זיך צו באַגייסטערן פון זיינע אַנטפּלעקונגען. זיין קליינע זאַמלונג „פעלקער זינגען" גיט אונדז אַ גאַנצע גאַמע פון פאָלקס־לידער, אַן אָפּקלייב פון פרילינגדיקע, יוגנטלעכע, וואָס זינגען זיך לייענענדיק. דאָרט געפינען מיר אוקראַאינישע, רומעניש, פּוילישע, סערבישע, ציגיינערישע און אַנדערע. אַלע איבערגעדיכטעט אונטערן מאַנגער־נאָמען.

אין דער דאָזיקער זאַמלונג טרעפן מיר אָן אויף אַ היימיש פאָלקס־ליד, וואָס לעבט אין דער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן. מען קאָן עס אָנטרעפן אויך אין דער פראַנצייזישער ליטעראַטור, אינעם טעאַ־טער־ווערק פון אַלעקסאַנדער דיומאַ און פּיער דעקורסעל אין דער פּיעסע: „לע קאָליע דע לאַ רען" (דער האַלדזבאַנד פון דער קעניגין). דער יידי־שער טעקסט איז באַקאַנט מיט דעם אָנהייב: „יאָמע, יאָמע, זינג מיר אַ לידעלע, וואָס דאָס מיידעלע וויל").

ביי מאַנגערן ווערט מגולגל דאָס ליד אונטערן טיטל „צוזאָג" — און ס'איז ציגיינעריש, אָט איז דער אָנהייב:

„וויין נישט, וויין נישט, טייער קינד,
וויין נישט, קעצעלע,
איך וועל גיין אין מאַרק אַריין,
אין מאַרק אַריין קויפן דיר
נייע, שיינע בענדער".

אין דעם באַקאַנטן ליד „יאָמע, יאָמע, זינג מיר אַ לידעלע" איז אויך דאָ איין סטראָפע, אַ ווענדונג, און די צווייטע — אַן ענטפער. ביז מיר קומען צו דעם סוף, וואָס איז טאַקע דער תמצית אין אַלע וואַריאַנטן:

„דאָס מיידעלע וויל אַ חתן האָבן".

און אָט איז דער סוף פון דער ציגיינערישער סטראָפע:

„טאַקע, טאַקע, מאַמע קרוין,
לויף אין מאַרק, און טאַקע שוין
און קויף אים פּאָר צען גילדן.
און אויב מ׳עט וועלן עפּעס מער,
דינג זיך נישט און ברענג אַהער
דעם שיינעם, יונגן בחור״.

***

זיין בוך „דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט״ געהערט צו דער חורבן־טעמאַטיק. פונעם דאָזיקן בוך שניידן זיך אַרויס צוויי סימבאָלן: דאָס ציגעלע פונעם יידישן פאָלקס־ליד און די גאָלדענע פּאַווע.

ווען מאַנגער ווערט שטיפעריש, וואָס ער איז פאַקטיש אין זיין מהות, שאַפט ער אַזאַ פערז:

„דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט,
שלאָפט דאָס גאַנצע הויז,
פירן מיר פון חד גדיא
דאָס ציגעלע אַרויס״.

מיר קאָנען אָננעמען, אַז די גאָלדענע פּאַווע, דער עמבלעם פון יידישן פאָלקס־ליד איז אונדזער אויסגעפייניקט יידישע פאָלק — און דאָס ווייסע ציגעלע — אַ קינד פונעם זעלבן פאָלק.

ווען דער דייטשער כוליגאַניזם האָט געווילדעוועט איבער דער וועלט האָט מאַנגער געווידמעט אַ ליד דעם ווייסן ציגעלע און זיין ליד אָנגערופן „דער סוף פון קלאָר־ווייסן ציגעלע״. אינעם דאָזיקן ליד קומען זיך צונויף די צוויי סימבאָלן: די פּאַווע איז אַ שליח און פליט דורך טויזנטער געפאַרן קיין ניו־יאָרק, כדי צו ראַטעווען דאָס פיבערדיקע ציגעלע אין געטאָ, צו בעטן רחמים ביים האַרץ פון דער וועלט:

„דערווייל איז דאָס ציגעלע אויסגעגאַנגען
אין פּינצטערן געטאָ, אין אַ קעלער שטוב,
און דייטשע זעלנער מיט שיכורע געזאַנגען
האָבן עס אַריינגעוואָרפן אין אַ מאַסנגרוב".

און מאַנגער פאַרענדיקט דאָס שוואַנען־ליד פון ווייסן ציגעלע, מאָנענדיק און שטראָפנדיק:

„פאַראַנען אַ כלל, אַז וואָס ס'איז דערמאָרדעט,
קומט שוין נישט קיינמאָל מער צוריק.
אַנשטאָט אַ מצבה וועט איבערן קבר
זיך וויגן יאַנקעלעס לײדיקע וויג.
און די וויג וועט קומען די וועלט צו חלום,
נאַכט איין, נאַכט אויס, יאָר איין, יאָר אויס,
ביז זי וועט נישט ריכטן און וועט נישט פאַריכטן,
דאָס דייטשע מערדער אין משוגעים־הויז".

ווען מאַנגער איז אין יאָר 1958 געווען אויף אַ באַזוך אין ישראל, זאָל ער האָבן — אויף זיינעם אַן עפּנטלעכן אַרויסטריט — אונטערגעשאַצט די שאַפונגען פון דער חורבן־ליטעראַטור. ער האָט לחלוטין פאַרגעסן, אַז ער אַליין האָט צו דער דאָזיקער ליטעראַטור אויך בייגעשטייערט, כאָטש ער איז געווען אויף אַן אַנדער קאָנטינענט און דער קאַטאַקליזם האָט אים דירעקט נישט אָנגערירט. ער האָט דעמאָלט נישט באַדאַרפט האָבן „דעם געשיכטלעכן דיסטאַנס", כדי צו זינגען:

„אויב ס'איז מיר באַשערט צו זיין אַ ווערבע,
וויל איך שטיין ביי זייערע קינדערס וויגן,
וואָרפן מיינע שאָטנס אין זייערע חלומות
און זייערע בלוטן פאַרסמען מיט מיין ניגון".

דאָס איז אַ באַווייז, אַז מען קאָן נישט זיין קיין באַזונדער רינגעלע אין דער קייט פון יידישן פאָלק, ווייל ווען מען רייסט שטיקער פון דער

דאָזיקער קייט, מוז אויך דאָס רינגעלע אויף דער סאַמע עקסטרעמער זייט אויפגעטרייסלט ווערן. טראָץ דעם, וואָס מאַנגערס חורבן־מאָטיוון זענען געטריי צו זיין סטיל, בלייבן זיי די שריפט־עדות! ווייל: „ווערבאַ וואָלאַנט סקריפּטאַ מאַנענט״. (ווערטער פליען, שריפטן בלייבן) — גע־מיינט, פאַרשטענדלעך, אין גוטן זין.

צו די סאַמע כאַראַקטעריסטישטע פּאַר מאַנגערס אַרט געטאָ־לידער, איז „די ציניש אידיליע״:

„דריי טוריסטן ביי חורבות פון געטאָ,
וווּ ס'האָט געהוליעט דער דייטשער מאָרד.
אַן עלטערע מיס, אַ ניו־יאָרקער באַנקיר
און אַן אַלטער ענגלישער לאָרד״.

אין אַ בייסיקער סאַטירע שילדערט ער אין דעם אַכט־סטראָפיקן ליד „די דריי טוריסטן ביי חורבות פון געטאָ״. די ציניק שטייגט ביז צום פינאַל:

„דער אָוונט טונקלט. אין די חורבות פון געטאָ
נעסטן זיך סאָוועס און פלעדערמייז פליִען.
די דריי טוריסטן נעמען דעם עקספרעס־צוג
און פאָרן פאַרברענגען אין פריילעכן בערלין״.

דאָס האָט אויך געקאָנט זיין נישט קיין אויספאַנטאַזירטע ציניק, נייערט אַקטועלע איבערלעבונגען, קאָלאָרירט דורך דער מאַנגערישער פּריזמע, ווייל אַזוי קאָנען מענטשן איבערלעבן טראַגעדיעס, וועלכע רירן זיי נישט אָן טיף פּערזענלעך.

זעען מיר ווי מאַנגער איז נישט אַוועק פון מאַנגערן, אפילו אין זיינע חורבן־מאָטיוון. דאָרט, וווּ דער באָדן איז אַ מינירטער, פירט ער פון דעסט וועגן אַדורך זיין ליד אָן שטרויכל. כאָטש דער סיוזשעט פון די דריי טוריסטן איז גאַנץ באַנאַל, איז אָבער דער אויסקלאַנג ציניש־קלוג — איך וואָלט געזאָגט: היינע'ש.

פּונקט אַזוי איז אָנגעלאָדן מיט צאָרן און ברוגז זיין צוויי־סטראָפיק געדיכט פון „ר׳ לוי יצחק אין זיין טלית און תפילין״, וואָס לעבט גע־דאַנקלעך איבער די געטאָ־בילדער און שווייגט פאַרעקשנט. „דער אַל־טער איז ברוגז מיט זיין אַלטן גאָט״.

די דאָזיקע גאָט־פאַרלייקענונג גייט אַדורך כמעט אין דער גאַנצער חורבן־ליטעראַטור ווי אַ רויט־בלוטיקער שראַם. דער איבערברוך פון פאַרלירן דעם גלויבן אין גאָט, אינעם אל רחום וחנון איז דער ספּעצי־פישער אָנפאַל־שגעון פונעם רעליגיעזן מענטשן; ער מאַניפעסטירט זיך אין אַ גאָט־לעסטערונג.

⁂

אין די אַנאַקרעאָנטישע לידער האָבן מיר אַ טאָפּלען געניוס. מיר זעען מאַנגערן אונטער דער השפעה פונעם גריכישן דיכטער אַנאַקרעאָן, ער פאַרשותפות׳ט זיך צו אים, נישט בלויז מיט זיין פּראָפעסיאָנעלער ליבע צום ליד, נייערט ער פילט זיך דער עיקר נאָענט צו אים דורך דער צווילינג־ליידנשאַפט פון זינגען און טרינקען. מאַנגער האָט מיטן חוש אַרויסגעפילט אין אַנאַקרעאָנען זיינס גלייכן. זינגט ער אונטער דעם וויין־דיקטאַט בראַדיאַגיש און מיט זיין דיכטער־קלאָונישן שוואונג, וואָס קלינגט ווי אַ שמועס פון די צוויי טרובאַדורן:

„איציק, כ׳לעבן, ביסט אַ יינגל,
קום מיט מיר אין שענק אַריין,
עצבות קנייטשט דיין יונגן שטערן,
קום און לייטער אים מיט וויין״.

אין די ווייטערדיקע סטראָפן גיט ער אים אַ „לעקציע״, ווי מען קאָן עס געבן אין וויין־לידער, לייכט און שפּילעוודיק, און ער פאַרענדיקט דאָס ליד אונטער דער וויין־אינספּיראַציע:

„קאַלטער וויין און יונגע בתולות,
קאַרשנבוים אין ווייסן צוויט,

און אויב כ׳בין עמעצן מקנא,
איז נאָר דעם פויגל פאַר זיין ליד״.

עס וואָלט אָבער געווען פאַלש אַריינצונעמען מאַנגערן צווישן די פּאָעטן — אַזוי גערופענע אַנאַקרעאָנטיקער, וואָס האָבן געפּרוווט נאָכמאַכן דעם גריכישן פּאָעט אַנאַקרעאָן — און דווקא נישט אויף קיין וואולגאַרן אופן. דערפאַר טאַקע האָבן זיי געהאַט די זכיה אַריינצוגיין אין דער אייביקייט (אָדער אין דעם פנקס פון די קינסטלער־אָפּאָקריפן, אַריינגערעכנט די איבערזעצער). פון דעסט וועגן קאָנען מיר נישט אַוועקשטעלן מאַנגערן פּאַראַלעל צו אַנאַקרעאָנען, וואָס האָט געלעבט פאַר קריסטוסן. דער גריכישער דיכטער איז געווען דער הויף־דיכטער פון טיראַן פּאָליקראַט, פון אַריסטאָקראַטן און הויפדאַמען. מאַנגער איז דעריבער אין זיין סאָציאַלער אומגעבונג, אין ברייטן זין, די שאַרפסטע אָפּאָזיציע צו דעם אַריסטאָקראַטישן קלאַס. מאַנגער — ווי מיר האָבן געזען — באַזינגט און פאַרזיסט די אָרעמקייט און דעם שניידער־ווערקשטאַט, הן דערציילעריש, הן פאַנטאַסטיש — און דערשיינט פאַר אונדז ווי דער פּרינץ־באַהעם פון יידישן וואָרט און יידישער אָרעמקייט.

***

דאָס וווּנדערלעכע תנ״ך־מעשהלע, אין וועלכן קינסטלער און דיכטער געפינען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און פּרוּוון אויף זייער אופן אים איבערגעשטאַלטיקן, האָט איציק מאַנגער זייער געשיקט און מיט אינטעליגענץ אַסימילירט און איבערגעשאַפן אין זיין קינסטלערישן ווערק „מדרש איציק״. מאַנגער האָט געשאַפן זיין אייגענעם תנ״ך. ער האָט זיך נאָר באַנוצט מיט די נעמען, ווי אַן אַרכיטעקט מיטן בוי־מאַטעריאַל, און ער האָט אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ, אין וועלכן דער דיכטער האָט אַריינגעלייגט גייסט, דערפינדערישקייט און דער עיקר — געפיל. מאַנגער האָט מיט פיל פאַרשווענדערישן געפיל און איינפאַל אַרויסגעבראַכט דאָס לעבן פון די תנ״ך־פיגורן, געבנדיק דעם עפּאָס דאָס מאַטעריעלע און דראַמאַטיש־סענטימענטאַלע פון אונדזערע אבות, ווי ער

וואָלט דאָס געווען דער אינטימער סעקרעטאַר, ווען ס׳ זענען אָנפאַר־טרויט געוואָרן זייערע פריידן אוןליידן. ער גיט דאָס איבער ווי גע־גראַמטע מעשהלעך. דער דיכטער האָט אָוועקגענומען פונעם תנ״ך דעם מיסטעריעזן פרומען שלייער און אים אַנטפּלעקט אין אַן עסטעטישן און דורכאויס מענטשלעכן לבוש. צוויי פולסן קלאַפּן אין דער נשמה פון זיין ליד, רעאַליזם און שפּילעוודיקייט.

„מדרש איציק״ עפנט זיך גלייך מיט אַ שטיפערישער אוווערטורע, וואָס ווערט דער טאָן־שליסל צו דער גאַנצער זאַמלונג:

„איין לויב דיר גאָט אין הימל לויב,
וואָס דו האָסט מיך טון שטערקן,
אַז איך זאָל מיט מיין שוואַכער האַנט
פולענדן דיזעס ווערקן״.

און גלייך פירט ער אונדז אַריין אין דער מאַנגער־אַטמאָספערע פון בוך:

„אדם הראשון ליגט אין גראָז
און שפייט צום וואָלקן אַרויף.
בעט זיך דער וואָלקן תחנונימדיק:
אדמשי קרוין, הער שוין אויף!״.

מאַנגער איז זיך געווען צילבאַוווסט בעת ער האָט זיך גענומען אי־בערדיכטן מיט זיין ספּעציפישער פרייהייט דעם תנ״ך. זיין כוונה איז געווען געבן אַ מאַנגערישן תיקון דעם תנ״ך, אַ סינאָנים צום קינסטלערישן.

ביים מחבר ווערן מלאכים פאַרמענטשלעכט. די דריי מלאכים, וואָס קומען צו אברהם אבינו און לאָזן איבער אַ ברכה פאַר זיין ווייב שרה, די עקרה, זענען גאָר טערקן:

„און פון דער שטיל שיילן זיך אויס
דריי טערקן מיט רויטע בערד —

זיי גייען שטיל, אָן שטויב אויף די שיך,
ווי ס׳וואָלט קיינער נישט געהערט״.

ווען ס׳וואָלטן אויפגעשטאַנען תחית־המתים די צוויי און זיבעציק וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן איבערזעצט דעם תנ״ך אויף גריכיש, וואָלטן זיי זיכער נתפעל געוואָרן פון אונדזער מאָדערנעם אוניקום מאַנגער, וואָס האָט אַזוי רירנדיק אויסגעזונגען דעם טרויער פון אַ מיידל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלטן מאַן. דאָס ליד רופט זיך „אבישג שרייבט אַ היים אַ בריוו״.

„אבישג זיצט אין חדרל
און שרייבט אַ היים אַ בריוו.
אַ גרוס דער טאָליקע מיט שאָף —
זי שרייבט און זיפצט אָפּ טיף.

אַ גרוס דער אַלטער מאַמעשי,
און דעם אַלטן ליפּע־בוים.
זי זעט דיביידע אַלטע לייט
אָפּט מאָל אין איר טרוים.

אַ גרוס דעם שיינעם מילנער־יונג,
וואָס אַרבעט אין דער מיל —
דעם פּאַסטוך עוזר, איר זאָל זיין
פּאַר זיין פּייפל־שפּיל.

דער מלך דוד איז אַלט און פרום,
און זי אַליין איז „עט״,
זי איז דעם מלכס וואַרעם־פלאַש,
וואָס וואַרעמט אים דאָס בעט.

זי האָט געמיינט... נאָר מאַלע וואָס
אַ דאָרפיש מיידל מיינט...

זי האָט נישט איינמאָל אין די נעכט
איר גורל שטיל באַוויינט.

אמת, סע זאָגן קלוגע לייט,
אַז זי טוט אַ ווילע זאַך.
זיי זאָגן איר אפילו צו
אַ שורה אין תנ״ך.

אַ שורה פאַר איר יונגן לייב
און פאַר אירע יונגע יאָר.
אַ שורה טינט אויף פּערגאַמענט
פאַר אַ גאַנצער וואָר.

אבישג לייגט אַוועק די פען,
איר האַרץ איז מאָדנע שווער.
פון אירע אויגן קאַפּעט, פאַלט
אויפן בריוו אַ טרער.

די טרער פאַרמעקט די „מאַמעשי״
און פאַרמעקט דעם „ליפּע־בוים״,
און אין אַ ווינקל כליפּעט שטיל
אַ צאַרטער מיידל־טרוים״.

**
*

אַ טייל פון דער קריטיק האָט מאַנגערן פאָרגעוואָרפן זיין נישט לאָיאַלן איבערבויען דעם תנ״ך, זיין פראָפאַנעם אופן פון אויפפאַסן אונדזערע אבות. מאַנגער האָט פאַקטיש געטאָן ווי אַ קינסטלער. ער האָט אויף זיין אייגענעם אופן מיט זיין לעבנס־בליק אויסגעטאָן פון די פיגורן דעם רעליגיעזן שלייער, אַרויסגענומען זיי פון אַלטן שטויב, זיי געמאַכט ענלעך צו אונדז. דערפאַר דאַרף אונדזער באַציאונג צו די דאָזיקע

העלדן זיין אַ סימפּאַטישע און אַ נאָענטע. סוף־כל־סוף נעמט מאַנגער נישט אַוועק קיין אונץ פון דעם קאַנאָניזירטן תנ״ך!

צי זענען דען נישטאָ אַ סך לייענער, וואָס אידענטיפיצירן זיך מיט מאַנגערס איבערגעשאַפענע העלדן? צי זענען מיר נישט גליקלעך גע־רירט, ווען מיר טרעפן אָן אויף באַדינגונגען און סיטואַציעס, וועלכע זענען ענלעך צו אונדזערע, גלייך דאָס וואָלט געווען אַ רעפלעקס פון אונדזער פּסיכיק?

דער אויסגאַנג־פּונקט פון מאַנגערס שאַפן בכלל, זענען די צווישן־מענטשלעכע שייכותן. אין דער דאָזיקער ספערע גייען אַריין די באַגריפן: ליבע, האַס, דערגרייכונג אא״וו. מאַנגער רירט אָן אין אַלע דימענסיעס די לעבנס־שיכטן און ער פאַרקערפּערט זיי אין ליד. ער איז אויף זיין שטייגער אַ שותף צום תנ״ך — און נישט סתם קיין רעפּראָדוקטיווער שותף, נייערט אַ קרעאַטיווער.

אין דער וועלט פון קריטיק האָט זיין בוך אַרויסגערופן חילוקי־דעות. אָבער דאָס האָט אַבסאָלוט נישט געקאָנט שעדיקן, נישט מאַנגערס נאָמען און נישט זיין נשמה. ווייל ער איז באַשיצט מיט אַ מאַסיוון פּאַנ־צער, וואָס ער אַליין האָט אויסגעפּערלט זיין ווערק. דעריבער באַטראַכטן מיר מאַנגערס ווערק אין ליכט פון קונסט, פון עסטעטיק — און נישט פון פאַרהייליקן דעם תנ״ך.

***

אין מאַנגערס בוך „דעמערונג אין שפּיגל״, דערשינען אין יאָר 1937, פאַרטרויט ער זיך, אַז עס דרעמלט אין אים אַ לאַנגסטיקער חלום אָנצו־שרייבן אַ קאָמעדיע און אַ דראַמע. אויב אַ שרייבער ברענגט אַרויס אַזאַ אינטימען פאַרלאַנג פאַר דער עפנטלעכקייט, איז עס שוין באַשטימט מער ווי אַ חלום, איז עס אַ זעלבסטזיכערער חוש, וואָס ליגט אינעם באַ־וווסטזיין און ווירקט ערגעץ.

מאַנגער האָט אָנגעשריבן „די האָצמאַך־שפּיל״. צי האָט ער שוין דערמיט אויסגעשעפּט דעם דאָזיקן פאַרלאַנג — אָדער האָט מען אים אין

מיטן פליען געשעדיקט זיינע פליגל, אים אַנטמוטיקט, אָוועקגעשטעלט אַ גרענעץ זיינע אַמביציעס? ער באַקלאָגט זיך יעדנפאַלס אין דעם בוך, אַז קליינע, נישטיקע מענטשעלעך האָבן געהאַמעוועט זיין פּאַרמעסט.

דאָס שאַפן פאַר דער בינע איז נישט געווען פאַר מאַנגערן קיין צו־פעליק געביט. דאָס דאָזיקע געביט וואָלט אפשר געווען זיין הויפּט־פּערדל אויף דער ליטעראַרישער אַרענע. ווייל ווי איציק מאַנגער זאָגט אין האָצמאַך־שפּיל: „מיינע קינדער־יאָרן זענען געווען פול מיט טעאַ־טער" — און מאַנגער גיט אונדז גלייך דעם שליסל, וואָס עפנט דעם סוד צו דער דאָזיקער ליידנשאַפט. ער דערציילט, אַז דאָס איז אים געקומען בירושה פון זיין פאָטער, וועלכער פלעגט אויף חתונות און שמחות אויס־ניצן זיין טאַלאַנט פון זינגען און פאַרווילן דעם עולם מיט נאָכמאַכן יעדנס אופן פון רעדן. דעם דאָזיקן קאָמעדיאַנט, דעם שניידער־מייסטער הלל ב״ר אברהם מאַנגער, ווידמעט ער זיין האָצמאַך־שפּיל, וואָס איז באַאַרבעט פון גאָלדפאַדענס „קאָלדוניאַ". טראָץ דעם, וואָס די נעמען זענען גאָלד־פאַדענישע, זענען די טעקסטן מאַנגעריש.

* * *

אין זיינע מגילה־לידער לעבט ווידער מאַנגער אויף אַ שטיק פון זיין חלום. ער דערנענטערט זיך צו דער קאָמעדיע און שפּילט אויס אין גראַמען דאָס שיינע מגילה־מעשהלע פון אסתר און אחשורוש. מאַנגער באַדויערט די מערכה פון יידישן טעאַטער מיט אַ קורצן און טרעפלעכן זאָג:

„איין טעאַטראַל אברהם גאָלדפאַדען האָט מיט איין אַקטיאָר, זיין „טרופּ", געשאַפן דאָס יידישע טעאַטער. און אומצאָליקע הענט זענען ביי דער אַרבעט עס צו צעשטערן".

אין מאַנגערס פּראָזע־בוך „נאָענטע געשטאַלטן" באַשרייבט ער גאָלד־פאַדענס טויט אין אַ שפּיל־האַלוצינאַציע. מאַנגער האָט דאָ אַרויסגע־ברענגט דעם פאָטער פון דער יידישער בינע אין אַ פּראַכטיק כאַראַקטע־

ריסטיש בילד. ער האָט אויסגעשפּילט גאָלדפאַדענס טויט אין אַ דיאַלאָג־סצענע מיטן מלאך־המות — און מיט די פאָלגנדיקע ווערטער פאַרענדיקט מאַנגער דעם טויט פון גאָלדפאַדען:

„זיין לויה איז געווען אַ גרויסע, נאָר זי האָט געהאַט אַ רעזשי־פעלער: די אַקטיאָרן זענען געגאַנגען אָן מאַסקעס".

**
*

ווען מיר וועלן אַפּווענדן אונדזער בליק פון מאַנגערס מעטריקקונסט און מיר וועלן אַ ביסל זיך אָפּרוען, אַנטשפּאַנען זיך פון דיכטונג, נאָכלאָזן די לייצעס פון אונדזער האַרץ און גייסט, לאָזן מיר זיך אַוועק מיט מאַנ־גערן אין דער וואונדערלעכער אוואַנטורע פון זיין גרויס פּראָזע־ווערק „דאָס בוך פון גן־עדן" (אָדער די וואונדערלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שמואל אבא אַבערוואָ). דאָס בוך איז איין טייל פון אַ טרילאָגיע, וואָס מאַנגער האָט פאַרטראַכט — און ווי ער זאָגט עס אין זיין פאָרוואָרט, האָפט ער נאָך אָנצושרייבן די קומענדיקע צוויי טיילן, וועלכע וועלן הייסן „דאָס בוך פון דער ערד" און „דאָס בוך פון עולם התוהו".

דער ציניקער מאַנגער איז אין דעם ווערק אויסגעוואַקסן צו אַ גייס־טיקן הערקולעס. אַרויס פון צוים פון אוניפאָרמען פערז, פאַרמעסט ער זיך דאָ אויף אַ ווייטן און הויכן שפּרונג. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פאָלקס־פאַנטאַזיע באַשרייבט ער אין אַן „איך"־פאָרעם די איבערלעבונגען פון שמואל אבא אַבערוואָ אין גן־עדן, איידער ער איז אַראָפּ געבוירן צו ווערן אויף דער ערד. די באַשרייבונג פון גן־עדן איז אַ געשמאַקע מוציא מיט האָניק. אַ שטיק גן־עדן־פּאָעזיע מיט ערדישע געשעענישן און עפּיזאָדן. בלויז די פּערסאָנאַזשן זענען באַפליגלט און רופן זיך מלאכים און צדיקים.

מיט זיין פאַנטאַזיע איז מאַנגער נישט אויסן געווען איבערצומאָלן דאָס גן־עדן פון פאַלאַצן פול גאָלדענע שטולן, ווו מען עסט דעם שור־הבר מיטן לויתן, אַזוי ווי די מיסטישע לעגענדעס דערציילן. מאַנגער גיט אונדז בילדער פון מענטשלעכן לעבן, פון קלאַסן־קאַמף. דאָס בוך

איז אַ רעוואָלט אין דער פאָרעם פון סאַטירע — און אַן אָפּאָזיציע קעגן אַלע אַבערגלויבנס — מיר וואָלטן געזאָגט, אַ מין נקמה־אַקט אינעם פאַ־נאַטיקער, און קעגן די אַזוי גערופענע כלי־קודש־הערשער, וואָס ווילן אָנהאַלטן זייער ממשלה איבער דעם אַרבעטער און ווילן הערשן אויף דער ערד און אין הימל.

מיר קומען דאָ אויף אַן אַסאָסיאַציע מיטן „הינקענדיקן טייוול" פון רענע לעסאַזש. בעת דאָס קריסטלעכע בוך ווירקט מיט זיין דעמאָנישן כוח פון וואַרפן אַ ליכט־רעפלעקטאָר אויפן ערדישן שלעכטס, ווו די טעאָריע פון בלאָף איז געוואָרן אַ ליכט־רעפלעקטאָר, אַ לעבנס־פילאָ־סאָפיע, שטעלט מאַנגער אונדז פאַר אַוואַנטורעס אין הימלישער אָרביטע — און מיט אַ צווייטן עקסטרעמען פערסאָנאַזש, דעם מלאך.

דאָס לעבן און די ליטעראַטור האָבן געוויסע גרענעצן. מאַנגער האָט מיט דעם בוך נישט רעספּעקטירט, נייערט זיי אַריבערגעשפּרייזט — און דאָ ליגט, דאַכט זיך אונדז, זיין פאַנטאַסטישע גרויסקייט.

פאַראַן אין דער וועלט־ליטעראַטור נאָך דערציילונגען און קאָנפליקטן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין די הימלישע ספערן. ביי וואָלטערן איז פאַראַן אַ פילאָסאָפישע דערציילונג, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ דער שיינ־גייסט פון וואָלטערן.

מיקראָמעגאַס איז אַן איינוווינער פון אַ פּלאַנעט, וואָס דרייט זיך אַרום דעם שטערן סיריוס. ביי וואָלטערן פאַרמאָגט דער קליין־גרויסער העלד פיר און צוואַנציק טויזנט פוס די הייך — און ביי פיר הונדערט און פופציק יאָר איז ער ערשט אַרויס פון דער קינדהייט. ער מאַכט שפּעטער אַ שטודיע־רייזע איבער די פּלאַנעטן און טרעפט אַ צווייטן גיגאַנט, אַן איינוווינער פון אַן אַנדערן הימלישן גלאָב. ווערן מיר גע־וויער, אַז דער מענטש פאַרמאָגט פון צוויי און צוואַנציק ביז נאָענט צו טויזנט חושים. ווי שוין געזאָגט, האָט ביי וואָלטערן די דערציילונג אַ פילאָסאָפישן אונטערשלאַג — ביי מאַנגערן איז דאָ מער דיכטערישע און שקצישע אימאַזשינאַציע. זיינע פערסאָנאַזשן, כאָטש זיי לעבן אין די הימלען, האָבן אַן ערדישע פאָרעם, נאָר מיטן צוגאָב פון פליגל. ביי

מאַנגערן געפינען מיר אַ ציג, וואָס איז נישט גרעסער פון אַן ערדישער ציג, נאָר מיט אַ גאַרגאַנטואַ־פּראָדוקציע פון צוואַנציק טויזנט ליטער מילך אַ טאָג... די פּריווילעגיע צו האָבן אַזאַ רייכע ציג האָט, פאַרשטענדלעך, אַ נגיד אין גן־עדן...

מאַנגער האָט זיך — ווי מיר זעען — „אָפּגעפאַרבט" פון די פראַנצייזישע מייסטער. אויסער פון וואָלטערן, אויך פון ראַבלע, רענע לעסאַזש און אַנדערע.

ער זאָגט טאַקע אין זיין פאָרוואָרט, אַז ער האָט דאָס בוך פאַרטראַכט, „בלאָנקענדיק אין די ביינאַכטיקע שענקען מיט די שאָטנס פון די פראַנצייזישע וואַגאַבונדן און הפקרדיקע זינגער". שלאָגט טאַקע אָפּ פון אַ טייל פון זיינע שאַפונגען דער עכאָ פון די פראַנצייזישע מייסטערס.

דער סאַמע שענסטער עפּיזאָד פון דאָזיקן גן־עדן־בוך איז אַ מעשה נורא מיטן שור הבר. דער גן־עדן־אָקס פּאַשעט זיך אויף דער גן־עדן־לאָנקע. קומען אַרויס די מלאכים קוקן און באַוווּנדערן דעם פעטן אָקס. קומט אויך אַרויס די מלאכטע כאַשע, וואָס איז מעוברת און טראָגט אַ רויט פאַרטעך... דאָס רויטע פאַרטעכל איז טאַקע דער טשוואָק פון דער הימלישער אַוואַנטורע. עס איז דאָך באַקאַנט, אַז רויטע פאַרב רייצט אַן אָקס... נאָר דער שור הבר האָט זיך אויפגעפירט גרויסמוטיק און זיך געלאָזט גלעטן די הערנער.

איין מאָל רוימט אים איין אין אויער די מלאכטע: „משיח קומט". דאָס איז געווען פאַר אים אַ שרעקלעכער קלאַפּ. דאָס הייסט, מען וועט אים קוילן און די צדיקים וועלן עסן זיין פלייש און טינקען שטיקער קוילעטש... די בהמה איז געוואָרן ווילד, אויפגערייצט, אַ כאַפּ געטאָן אויף די הערנער די מעוברתע מלאכטע, געלאָפן ווי אַ פייל פון בויגן און אַריבער אינעם גויאישן גן־עדן, וו מען זעצט אים איין אין תפיסה...

ווייטער באַשרייבט מאַנגער די גאַנצע טראַגי־קאָמעדיע מיטן אויסלייזן דעם אָקס און צוריקנעמען אים אינעם יידישן גן־עדן.

***

אין יאָר 1958 איז דאָס בוך פון גן־עדן אַרויס אין האָלענדיש. אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַגענטור אין האָלאַנד האָט זיך געווענדעט צו מאַנגערן וועגן רעכט איבערצוזעצן דאָס בוך אין פראַנצייזיש, ענגליש, איטאַליעניש און אין די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן.

דאָס דאָזיקע פריילעכע בוך, וואָס טוט אונדז אָן דעם אָרעאָל פון שמייכל, איז אַ מייסטערווערק — אַ סינאָנים פון מאַנגער־ווערק.

**
*

מאַנגער איז געשטאָרבן אָנהייב יאָר 1969. ער איז געקומען די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיך ענדגילטיק „אַוועקזעצן" אין לאַנד. ליידער האָט ער נישט באַוויזן זיך צו באַזעצן און האָט זיך — אַוועקגעלייגט און אַ צו־געשמידטער צום בעט, דורך זיין געליימטקייט, האָט ער שוין אַפילו נישט באַוויזן זיך צו „וואָלגערן אין דער היים" (אַ שורה פון זיינס אַ ליד). דאָס מזל פון כבוד און רום האָט אים צוגעשפּילט אין ישראל גלייך נאָך זיין אָנקומען און דער העברעאישער פאַרלעגער עמיקם גורעוויטש, באַוועל־טיקט פון אַ שטאַרקן ענטוזיאַזם פאַר מאַנגערס שאַפן, האָט אָרגאַניזירט די אויפפירונג פון דיכטערס מגילה־לידער, וואָס האָט גלייך „איינגענומען" דעם יונגן סאַברע, וועלכער האָט אינטואיטיוו אַרויסגעפילט דעם פאָלקס־זינגער, וועלכער אַנטפּלעקט פאַר אים אַ נייע וועלט פון הויכע ווערטן. לאַנגע הדשים האָט זיך געצויגן דער דערפאָלג פון דער סצענישער אויפ־פירונג פון די מגילה־לידער — און דער דאָזיקער דערפאָלג האָט פאַק־טיש רעהאַביליטירט אין די אויגן פונעם ישראל־פאָלק דעם יידיש־שרייבער פון גלות.

די פילזייטיקייט און פילפאַרביקייט פון מאַנגערס שאַפן לאָזט זיך פאַרגלייכן צו אַ קאַסקאַדע מיט אַ סך העגט, וואָס יעדער וואַסער־פאַל־אָרעם גיסט זיך אַריין קלינגענדיק און ריטמיש אינעם גרויסן אָקעאַן פון דער יידישער ליטעראַטור.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

„אַ שטוב אין שטעטל" (פּאָעמע)

אין דער ליטעראַטור, ווי אין אַנדערע פאָרמען פון קינסטלערישן שאַפן, גייט שטענדיק אָן אַ מיינונגס־פאַרשיידנקייט, וועלכע טעמאַטיק מען דאַרף עקספּלואַטירן: צי דאַרף מען אויפלעבן די ווייטע פאַרגאַנגענהייט, אָדער גלייך געבן אַ תּיקון דער צאַפּלדיקער קעגנוואַרט? אויב דער שרייבער איז אָנגעגריפן פון אַ סיוזשעט, — צי זאָל עס זיין אַ וועלטלעכער, אַ נאַציאָנאַלער אָדער אַן אויטאָביאָגראַפישער (ווי עס זעט אויס צו זיין דאָס ווערק פון דיכטער י. יאַנאַסאָוויטש) דאַרף, קודם כל, דער אינהאַלט, וועלכן מען דאַרף געבן אַ פאָרעם, אַנטשפּרעכן דעם קינסטלערס געמיט, ווייל די גרויסקייט פון ווערק ליגט נישט אינעם תּוך פונעם סיוזשעט, נאָר אינעם כּוח פון זיין וויזיע און אין דער וואָרהאַפטיקייט פון זיין אויסדרוק. איז שוין במילא אומבאַשטרייטבאַר, אַז יעדעס ווערק, וואָס איז דין דורכגעפּילט, ווייעט מיט דער בלוט־וואַרעמקייט פון דיכטערישן נערוו. און אָט דער נערוו קרייצט דורך דעם גאַנצן שטח פון דער פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל".

איך האָב געלייענט יאַנאַסאָוויטשס פּאָעמע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און האָב דערביי געמאַכט אויסרופן פון אַנטציקונג. דעריבער, האַלט איך טאַקע פאַר אַ חוב, מיינע אויסרופן אויסצודריקן דער עפנטלעכקייט.

אין דער פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל" שילדערט דער דיכטער זיין אייגענע היים, דאָס לעבן פון יידישער אָרעמקייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות. יאַנאַסאָוויטש ברענגט אַרויס אין אַ פּאָעטישער נאַראַציע די משפּחה אין אַ פאַרשיידנאַרטיקער גאַמע, און דערפירט זי צו גראַדועלער

שטייגערונג און מיט אַזאַ פּשטות, אַז דאָס בוך קאָן געלייענט ווערן פון יעדן איינעם.

איך וועל מיר דערלויבן צו באַרירן די פיגורן פון דער פּאָעמע, און קודם־כל דעם טאַטן, אַזוי ווי דער דיכטער טוט דאָס אין זיין פּאָעמע. אינעם טאַטנס פּאָרטרעט האָט דער דיכטער אַריינגעלייגט כמעט זיין נשמה — און דערפאַר, אפשר, האָט ער אַזוי וויניק פּלאַץ געגעבן דער צניעותדיקער מאַמען, וואָס איך האַלט פאַר אַ פאַרנאַכלעסיקונג מצד דעם דיכטער. דאָס באַשרייבן בלויז פון דעם טאַטנס קאַפּאָטע, וואָס גיט צו דעם פאָטער באַזונדערע חשיבות, שטעלט אַוועק אין שאָטן די נאָבעלע און הערצאישע געשטאַלט פון דער מוטער, וואָס האָט די קרוינראָלע אין דער אָרעמער מלוכה. זי קעמפט גאָרנישט פּאַסיוו מיטן אומברחמנותדיקן דלות און מער ווי דער טאַטע טראָגט זי דעם עול פון פּרנסה און ליידט דערביי פאַר זיך און פאַר יעדן קינד באַזונדער.

דער טאַטע, וועלכער איז אַ קרבן פון זאַכן, וואָס זענען פאַר אים אומ־באַגרייפלעך, גייט אַרום מיט אַן אויסערלעך שטילן ברוגז אויף זיין מזל, מיט דעם אייביקן „פאַר וואָס?״ ער פילט, אַז זיין גורל איז אָפּהענגיק פון עפּעס, וואָס ער אַליין קאָן נישט באַנעמען. דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ גוטן ווילן, נאָר ס׳גייט נישט, „כאָטש טו און מאַך״.

אפשר גאָר נישט ווילנדיק האָט דער דיכטער אין דער מאַמעס גאַליקן פאָרוואורף צו איר פּרנסה־געבער, אַרויסגעבערענגט אַ גאַנץ באַ־זונדערן און טיף פּסיכאָלאָגישן שטריך פון פאַמיליע־לעבן. נישט אַלע פאָרווורפן און קריגערייען זענען אַ רעזולטאַט פון אָרעמקייט. דאָ קומט צום אויסדרוק, כאָטש נישט אוממיטלבאַר, נאָך אַ רעוואָלט: דער טאַטע שלאָפט; די מאַמע האָט אַפילו נישט די מעגלעכקייט אַראָפּצוריידן זיך פון האַרץ פאַר דעם סאַמע נאָענטסטן מענטשן פון איר לעבן; זאַמלט זיך ביי איר אָן דער פאַרלאַנג אויסצושרייען. אָט איז אַ גאַנצע לעבנס־פילאָסאָפיע אין עטלעכע שורות:

„אַ לעבן אַ? אַ וועלט... אַ ליכטיקייט ביי לייטן. —

און דאָ? נישט שטראָפן זאָלסט מיך פאַר די רייד,
נישטאָ אַ וואָרט מיט וועמען אויסצובייטן".

אַ קעגנזאַץ צום טאַטן, דעם גם זו לטובהניק, איז דער פעטער הענעך. צוליב אַ פאַמיליע־ענין וויכט ער די גרויסע, שלעכטע וועלט און זוכט פאַרגיטיקונג אין דער געזעלשאַפט פון די קינדער. אַ מענטש מיט אַ נאָ־בעלער גאווה, וואָס גלייבט אין זיין ריינעם געוויסן מער ווי אין עולם הבא.

ער וויל עולם הבא אויך אויף דער וועלט — און זיין מתנגדישע נשמה דערשלאָגט זיך טאַקע, דורך שמד, צו עשירות און כבוד, נאָר פאַרן טייערסטן פרייז פון חרטה, וואָס דערפירט אים צו זעלבסטמאָרד.

מיט קאַרג געמאָסטענע ווערטער ברענגט יאַנאַסאָוויטש אַרויס דעם מהות און קעגנזאַץ פון די צוויי מענלעכע כאַראַקטערן. דער טאַטע, אַ מענטש אַ ציטער־דיקער, אַ פאַרטראַכטער, וואָס שמייכלט אָפט צו מלאכים, נישט וויסנדיק אַליין אין וועמענס זכות ער לעבט און קאָן באַאיינפלוסט ווערן פון אַ קלוגן זאַג, איז אָבער שטאַרק מיט איין זאַך, ער לעבט מיטן כוח פון אמונה.

דיליידן פון די קינדער, וואָס לעבן צווישן דערוואַקסענע, ווי צווישן פעלדזן און פאַרזוכן די זעלבע האַרטע ווירקלעכקייט פון טאָג טעגלעכער נויט, איז באַזונדערס רירנדיק און פיין דורכגעפילט. די פלאַסטישע שיל־דערונגען פון אַלע געשטאַלטן גייען אַדורך ווי אַ טעלעוויזיע. אַפילו די טויבע באָבע בלומע, וואָס ווערט מגולגל אין דער שיינער שוועסטער ווי אַ המשך, גיט אַ בלענד אויף אין שטעטל מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען און פאַלט אַ קרבן ביים ערשטן פּרווו.

ווען נייע אַספּיראַציעס וועקן זיך אין פאַגראַמירטן שטעטל, ווען ס׳בליט אויף דער חלום נאָך אַן אייגענער היים, טוישט דער טאַטע אויס די מאַטעריעלע וועלט אויף אַ וועלט פון נישט ערדישע דמיונות און לאָזט זיך אין וואַנדער. און דאָ טאַקע באַקומט די פּערזענלעכקייט פון טאַטן אַ פּגם, ער פאַרלאָזט די היים.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר שוין באַגעגנט אַזאַ גע־

שטאַלט, ווי די מאַמע פון יאַנאַסאָוויטשס פּאָעמע. אַזאַ מוסטער פון אויס־דויער איז דוואָשע, נוחס ווייב אין דעם ווערק פון מנחם באַריישא „דער גייער”. דערפאַר זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן, אַז דער דיכטער האָט נישט געננוג געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף דער פּערזאָן פון דער מאַמען.

מיט אַ שמייכל פון פאַרגעניגן געניסט מען פון יעדער סטראָפע פון דער פּאָעמע. קאָנדענסירט, קלאָר און דערביי נישט פאַרנאַכלעסיקט די עסטעטישע געזעצן פון ריטעם און גראַם.

איר לייענט די פּאָעמע ווי אַ „שיר השירים” פון יידישער אָרעמקייט.

יחיאל האָפער

אַ בוך נאַכטלידער

פאַראַן אומשטענדן און זאַכן, ווי נאָר מען קומט מיט זיי אין באַרי־רונג, רופן זיי ביי אייך אַרויס אַן אַסאָסיאַציע אַ בילדלעכע, אַן אידייאישע, אַ מאָראַלישע פון עפּעס, וואָס האָט אויף אייך אַמאָל געווירקט און געבליבן ערגעץ אין אייער זכרון.

גלייך אין אָנהייב פון בוך, ווען כ׳האָב מיך אָנגעשטויסן אויפן ציטאַט פון בראשית... „און גאָט האָט פונאַנדערשיידט צווישן דעם ליכט און צווישן דער פינצטערניש״ אא״וו, איז מיר אַפּערגעשוווּמען פון עפּעס אַ באַהעלטעניש שילערס אַ באַלאַדע „די פאַרטיילונג פון דער ערד״. דער מיטאָלאָגישער גאָט זעאוס (יופּיטער) האָט פאַרטיילט דאָס ערדישע קעניג־רייך דער מענטשהייט. נו, ווייסט איר דאָך, ווי אַזוי מען האָט רעאַגירט דערויף. מען האָט זיך געוואָרפן נאָך די מאַטעריעלע ווילטאָגן פון דער וועלט, יעדערער לויט זיין געשמאַק און פאַרלאַנג און מען האָט צעכאַפּט גאָטס מתנות. געבליבן איז בלויז דער דיכטער מיט ליידיקע הענט...

אין דער צייט, ווען אַלע האָבן גיריק זיך געוואָרפן נאָך דער צעוואָר־פענער שפע אויף דער ערד, האָט דעם דיכטער פאַרבלענדט גאָטס שיינ־קייט... נו, גלוסט זיך מיר פאַרגלייכן יחיאל האָפער צו דעם דיכטער פון שילערס באַלאַדע. יענעם האָט פאַרכאַפּט דער טאָגיקער בליאַסק — און יחיאל האָפער איז פאַרבלענדט געוואָרן פון דער נאַכט; ער האָט זי פאַר־כאַפּט און איר געווידמעט דאָס גאַנצע בוך לידער אין דער צאָל פון זעכציק.

איינס פון די ווירקנדיקסטע לידער, ביי וועלכן מען קאָן נישט גלייכ־גילטיק איבערמישן דאָס בלאַט, הייבט זיך אָן:

„די נאַכט בענקט צו גאָט
ווי איך אַמאָל״.

יחיאל האָפּערס בוך לייענט זיך ווי אַ תפילה, וווּ אַלע ליידנשאַפטן פון דיכטערס געמיט זענען דאָמינירט פון גאַנצן נאַכטפּאַרנעם. די הויפּט־אַרטעריע, וואָס לויפט אַדורך דאָס גאַנצע בוך, פאַרשפּינט מיט נאַכט, איז דער לעצטער קאַטאַקליזם, וואָס האָט אונדז יידן אַזוי שווער געטראָפן. אַלע ווייטיקן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דעם דיכטערס נשמה רייסן זיך אַדורך דורך דער באַגייסטערונג פאַר דער נאַכט, ווי שטיקער אייז, געטריבן פון אַן אויפגעטייעטן קוואַל. אָט איז אַ ברוויזנדיקער איבערגאַנג פון ליבע צו האַס, וואָס דער דיכטער דריקט אויס אין אַן אַנגסטגעפיל פאַר דער נאַכט:

„נאַכט —
כ׳האָב דיך אַזוי ליב געהאַט,
איצט האַס איך דיך, כ׳האָב פאַר דיר מורא״.

אַ סך שורות דערמאָנען מיר יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס האָט מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן אויסברוך פון צאַרן, געריסן פּאַסן פון זיך און פון דער נאַטור. ווען קאַצענעלסאָן איז אַזוי דראַסטיש מיט אויסזידלען יעדע אָרגאַ־נישע טייל פון דער גאָטהייט, פּונקט ווי די זון, הימל און שטערן וואָלטן אַ דירעקטן אָנטייל גענומען אינעם אויסראָטן פונעם יידישן שטאַם, מאַכט דאָס יחיאל האָפּער מיט צוריקגעהאַלטנקייט, ווי אַ מאַמע, וואָס איז אָנגעברוגזט אויף איר קינד און „שילט״ מיט אַ „געשעדיקט זאָלסטו מיר נישט ווערן״!

אַזוי זינגט יחיאל האָפּער — אָדער, בעסער געזאָגט, — אַזוי וויינט ער:

„רוצחים רוצחנען אין דיר
גנבים גנבנען אין דיר
זונות זינדיקן אין דיר״.

אויף דעם און אַנדערע אופנים דריקט ער אויס די פאַרשוועכונג פון דער הייליקייט פון דער נאַכט.

איך ציטיר נישט לויטן סדר. עס זענען דאָ אַזוי פיל פאַרכאַפּנדיקע סטראָפן, אַז מען געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט, וועלכע פון זיי צו ברענגען ווי אַ מוסטער.

ווי מעלאָדיש און סובטעל, צאַרט און טיף יידיש דורכגעציטערט, זענען די דאָזיקע פערזן אין אָט דער פּערסאָניפיצירונג:

„נאַכט —
ביסט אַזוי יידיש
מיט דיין לאַנגן שוואַרצן בגד
מיט דיין פּעכענער באָרד
און מיט די גאָלדענע לעכער
פון דיין דורכגעשאָסענעם קאָפּ״.

יחיאל האָפּער פאַרשטייט, אַז דער כוח פון דיכטונג וואָרצלט נישט בלויז אינעם טיפן ברונעם פון אינטימע נשמה־באַוועגונגען, אַרויסגע־בראַכט מיט די פּאָעטישע פליטערס פון דער מעטאָפער און פאַרגרע־סערונג. דאָס קינסטלערישע שאַפן מוז נישט נאָר אַרומנעמען אַלע חושים, נאָר אַפילו זיי פאַרטאָפּלען.

ווען יחיאל האָפּער זאָגט בלויז „נאַכט״, באַגלייט מיט אַ געדאַנקען־שטריך, פילן מיר אין דער מאַקסימום־פאַרקירצונג דעם גאַנצן צויבער פון קאָלאָס, וואָס די נאַכט קאָן אין זיך איינשליסן.

„דער קינסטלער איבער אַלע קינסטלערס — זאָגט געטע — איז די נאַטור״. און נאָך אַ מעלה האָט זי, די נאַטור, וואָס זי לאָזט זיך אַזוי אָפּצוימען, איבערמאָדעלירן. האָפּערן מעג מען אָנגעטרויען די נאַכט, ער

זאָל זי איינקעסטלען אויף זיין שטייגער אין אַ קינסטלערישער פּאָעמע. ווייל וואָס פאַר אַ מיניאַטור ער זאָל פון איר נישט מאַכן, בלייבט זי דאָך גרויס אין איר קליינקייט, ווי קליין זי זאָל נישט זיין אין איר גרויסקייט.

אַ גוטער לייענער — האָט ערגעץ ווו געזאָגט עמעצער — איז אַ האַלבער פּאָעט... ער געפינט טייל מאָל אין דעם בוך דאָס, וואָס איז אין אים זעלבסט: אָט דאָס, וואָס ער אַליין וואָלט געזאָגט, ווען ער וואָלט נאָר געהאָט די אויסדרוק־מעגלעכקייטן.

משה קנאַפּהייס

„לבנה־קריכער" (פּאָעמען)

ווען מיר זיצן אין טעאַטער אין דער דערוואַרטונג אויף דער פֿאָר־שטעלונג, קאָנען נאָך אונדזערע געדאַנקען בלאָנקען אין פֿאַרשיידענע ריכ־טונגען. אָבער ווען דער פֿאָרהאַנג עפֿנט זיך און עס גיט דיר אַ קלאַפּ אין אויג אַ פֿאַרבנשפּילנדיקע דעקאָראַציע, פֿאַרשווינדסטו גלייך, ווי דורך אַ כּישוף, פֿון דיין קרייז און ווערסט באַווירקט פֿון איין אָנפֿירנדיקן כּוח, אינטערעס.

אָט אַזאַ איינדרוק האָט מען ווען מען בלעטערט משה קנאַפּהייס בוך.

דאָס בוך פֿון פּאָעמען האָט דריי טיילן: „לבנה־קריכער", „מקום" און „חלום פֿון געטאָ". אַזוי ווי מיר נעמען לייענען די פּאָעמע פֿון זיינע קינדעריאָרן, אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז דער קאָלאָריט פֿון וואַרשעווער לשון, וואַרשע מיט אַלע חנען: חנען פֿון אָרעמקייט, חנען פֿון קינדעריאָרן אין אַ בילדלעכן פֿאַרנעם. עס איז קענטיק אַז דער דיכטער לעבט זיך אויס בכּבֿודיק אינעם פֿאָלקסטימלעכן זשאַנער. דערביי גיט ער אין די סאַמע טראַגישסטע סצענעס אַ בורלעסקן שטיך. ער איז נישט קורץ און דאָך נישט לאַנגווייליק. עס איז נייטיק צו באַמערקן, אַז אינעם פֿאָלקס־טימלעכן פֿערז דאַרף מען זיך נאָך שטאַרקער היטן נישט אַריינצופֿאַלן אינעם בדחנישן טאָן פֿון אַ דערציילן ביים טיש...

פּונקט ווי דער פּאָרטרעט דאַרף האָבן אַ פּינקטלעך אַנאַטאָמישע אויסמעסטונג, אַז עס זאָל נישט זיין קיין דיספּראָפּאָרציע פֿון די גלידער, אַזוי האָט אויך דאָס ליד זיינע אויסמעסטן. ביים דיכטער קנאַפּהייס דאָמי־נירט דער מאָדערנער גראַם: אַ לויזער, אָבער אַ ריטמיש פֿליסנדיקער.

טייל מאָל געפינען מיר אַ צו אָפענע פּרימיטיוויקייט, וואָס מען דאַרף אין דער דיכטונג אויסמיידן, ווייל געשליפנקייט פון אויסדרוק איז דאָך ווי דאָס מענטעלע צו דער ספר־תורה.

פול מיט קינדערישער תמימות זענען די שטעלן, ווען דער דיכטער פילאָסאָפירט איבערן פענאָמען פון חלום — און ווייל איז דעם, וואָס חלומט די דאָזיקע פאַרגלויבטקייט אין טונקעלע זאַכן.

נעמענדיק אין אַכט די וואַנדלונגען און דעם גורל, וואָס זיינע פּאָע־מעס האָבן דורכגעמאַכט, מוז מען זיך באַציען מיט אַ דרך־ארץ פאַר יעדער צוריקגעשטעלטער סטראָפע.

ווי מיר דערוויסן זיך פון זיין אַריינפיר צו דער פּאָעמע „מקום”, איז דער דיכטער נאָך ווייט פון צו זיין אַ זקן. ער דערציילט אונדז וועגן זיין גייסטיקער איבערגעשטאַלטיקונג. אָט די זעלבסטדערקענטעניש פירט צום זעלבסטאורטייל. דאַרף מען אים באַגריסן פאַר זיין אָפענעם חוש און אַנערקענען, אַז ער איז אַ טאַלאַנט אין פולער צעבליאונג. ווען ער באַפרייט זיך פון זיין פּרימיטיווער היים און זיין בליק הייבט אָן צו פאַר־נעמען אַ ברייטערן האָריזאָנט פון סאָציאַלע קאָנפליקטן, שאַפט ער די פּאָעמע „מקום”. וואָלט מען געקאָנט אין דעם פאַל אים פאַרגלייכן צום בוים, וואָס אין זיין טויט־סעזאָן קלייבט ער אָן זאַפטן צום נייעם פרילינג־אויפבלי...

אין אַ געלונגענעם, הייליק־טראַגישן בילד, גיט אונדז קנאַפּהייס די עפּאָפּייע „דער חלום פון געטאָ”, פון וועמענס חורבות ער איז אינספּירירט נאָך זיין אַהיימקער.

דער מאָלער דעגאַ האָט זיך אַמאָל פאַרטרויט פאַרן פּאָעט מאַלאַרמע, אַז ער פילט אין זיך אַ פּאָעטישן כוח, נאָר עס פעלן אים אידייען. דערויף האָט אים מאַלאַרמע געענטפערט: „צו פּאָעזיע דאַרף מען נישט קיין אידייען, נאָר ווערטער”... דער דאָזיקער גייסטרייכער זאָג קאָן זיך נישט באַציען צו קנאַפּהייסן; ער איז גאָר שפּרודלדיק אין ווערטער. דאַרף ער נאָר אויפהייבן דאָס, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אים: די הייליקייטן פון

הײנטיקן געראַנגל פון אַ געזעלשאַפט, װאָס װאַרפט זיך אין קראַמפן נאָך אַ בעסערער און יושרדיקער װעלט.

*
**

„הונדערט סאָנעטן"

אינעם גאַנצן קאַרטעזש פון מוזעס, איז דאָס ליד דאָס סאַמע באַ־װולטסטע. דערפאַר האָט דער דיכטער משה קנאַפּהײמ, פון אַלע צוגע־גרײטע װערק פּראָזע און פּאָעזיע, געגעבן פאָרהאַנט צו ערשט דעם ליד.

דאָס בוך רופט זיך „הונדערט סאָנעטן".

ס'איז זעלטן װען מיר טרעפן אָן אויף אַ בוך, אַזױ צירלעך אױס־געשטאַט, אַז מיר זאָלן ביים ערשטן אָנריר באַקומען דעם פרײדיקן גע־מיט־אויפשטויס.

דער דיכטער פירט אונדז אַרײן אינעם בוך מיט אַ פּראָזאַאישן „האַרץ־אַראָפּרעד", אין װעלכן ער גיט אין עטלעכע ביטערע װערטער זײנע שטאַטלאָזע װאַנדעריאָרן. אָן אָפּגעראַטעװעטער פון װילדן היטלער־שטו־רעם, װערט ער פאַרװאָגלט אין װײטן סיביר — און דאָרט קומט ער אין קאָנטאַקט מיט דער רוסישער װירקלעכקײט.

אַנטקעגן תהומיקע שטרויכלען און אַנטוישונגען, האָט ער זײן קאָנ־צעפּציע פון נקמה געשטאַלטיקט אין ליד. מיט טויטשרעק שיקט ער אַרויס נאָך אויסלאַנד זײנע רעװאָלטפערזן פאַרן אָפּגענאַרטן און באַלײ־דיקטן „פינטעלע ײדן און מענטש":

„איך כאַפּ דאַן מײן שטעקן פאַרטרײב זײ מיט קלעפּ,
קײן הונט זאָל נישט זען װי הינטיש איך לעב".

דאָס זענען שורות פון אַ זינגנדיקן „האַרץ־אַראָפּרעד".

דער בוענאָס־אײרעסער דיכטער, האָט װי אַנדערע פּליטים־שרײבער, געהאַט זײן קורצן אויפהאַלט אין פּאַריז — ער שיקט אונדז איבער אין

זיין זאַמלונג אַ ציקל פּאַריזער סאָנעטן. אין מיניאַטור־שפּיגעלע פון ליד אין פערצן שורות, גייען אַדורך די פּאַריזער פּייזאַזשן, בולוואַרן, קאַבאַ־רעטן. דער ריטעם פון פינאַל וויברירט דאָ אין זיין גאַנצן בראַדיאַגישן כאַראַקטער. עס דאַכט זיך אויך, אַז איר זעגט געפירט פון טרובאַדור אויף אַן עקסקורסיע. ער פירט אייך מיט זיין לירע און לאָזט אין אייך איבער אַ זעלטענעם ריטעם.

די מאָטיוון זענען סאָציאַלע. דער דיכטער אַליין איז דאָס ליד. ער שטייט נישט פון וויטן. זינגענדיק און באַזינגענדיק דעם פרילינג, געפינט איר אים אין דער מיט פון די „פאַרשאָטענע אַלייען".

„עס פוסטעוועז די בענק, ס'איז קיינער דאָ נישטאָ,
בלויז איך, די בלאָע שוואַלב און אויפן סטאַוו דער שוואַן".

קנאַפּהייס איז אַ טאַלענטירטער נאַרראַטאָר. עס שמייכלט זיין ליד מיטן פאָלקסטימלעכן חן און פּאָעטישער קאָמבינאַציע.

אין זיינע ים־סאָנעטן וויקלען זיך פאַר אונדז אויף לירישע מעדי־טאַציעס, וואָס טראָגן אונדז אַריין אין אַנדערע, עמאָציאָנעלע און עסטעטישע איבערלעבונגען. פון די וואַסערגרונטן גיט ער אונדז אַ הייב אויף צו דער הימלישער לאַנדשאַפט. גייען מיר געשפּאַנט פון סאָנעט צו סאָנעט און באַוונדערן יעדעס מאָל אַ צייכענונג, וואָס שטרייכט אונטער דעם מאָטיוו. — און אָט, גיט ער אונדז אַ טראָג אונטער אַ קלוגן סאָנעט מיט דער חכמה פון אַ פאַבל.

קנאַפּהייס האָט אונדז געגעבן אַ פּילפאַרביקן באַנד סאָנעטן מיט אַלעם, וואָס ער איז געקומען אין קאָנטאַקט. פּאַריז, די מאַרטירער־פּאָעטן, דעם ים און זיין נייע היים בוענאָס־איירעס, אין וועלכער ער פילט זיך ווי איינגעוואָרצלט. צי האָט אָבער דאָס נאַציאָנאַלע געשעעניש פון אַזאַ פּראָפּאָרציע, ווי ס'איז אונדזער אייגן לאַנד, מדינת ישראל, נישט אָנגע־רעגט דעם שרייבער, צו קיין איין ליד? אָדער האָט ער זיי נישט אַריינ־גענומען אין דער דאָזיקער זאַמלונג?

נחום באַמזע

כ׳האָב צופעליק געפונען ביי אַ פריינד דאָס בוך לידער „אַ חתונה אין האַרבסט״ — און עס שוין נישט געקאָנט אַרויסלאָזן פון האַנט, ביז איך האָב עס נישט איבערגעלייענט פון אָנהייב ביזן סוף.

אין באַמזעס לידער לויפט אַדורך דער צאַפּל פון זיין קינדהייט. די פאַרגאַנגענהייט באַגלייט אים, נישט רעמיניסצענצן, ווי אַן אָפּקלאַנג פון גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע מענטשן. האַרציק, מיט שטוינענדיקער פשטות גיט דער דיכטער איבער איבערלעבענישן און וויזיעס, אַז מען האָט דעם איינדרוק ווי אַ קינד וואָלט דאָס אויסגעשניטן פון דער סאַמע קעגנוואַרט. ערשט אין זיין אויספיר אַנטפּלעקן מיר דאָס רייפע „קינד״. עס באַקומט זיך אַ פּרעכטיקע אַסאָציאַציע, ווען ער ברענגט צום אויס־דרוק (אומאָפּהענגיק פונעם וואָרט) דעם געוואַלדיקן דראַנג פון דער קינ־דערישער נשמה גרויס צו ווערן, כדי נישט צו זיין קיין קרבן פון דער־וואַקסענעם — מיט דער טראַגישער קאַליזיע פון עלטער. אָט איז די לעצטע סטראָפע פון ליד „מיר חלומט זיך אַמאָל״:

„און פלוצלונג זע, וווּנדער גאָר —
איך בין אַ זקן מיט גרויע האָר
און אַלע קינדער לאַכן״.

זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, וואָס גייען אַדורך דעם קינדישן קאַלײדאָסקאָפּ, מאַכן אַרויסשווּעבן אונדזער אייגענעם שאָטן.

איינע פון די הויפּט־מעלות פון נחום באַמזעס לידער איז, וואָס זיי מאַכן נישט מיד מיט זייער צעצויגנקייט — אין קעגנטייל, זיי זענען אָפּ־ פּרישנדיק און עס ווילט זיך נאָך... אין אַ טייל לידער איז ער שוין

אַ ביסל צו קורץ, ווי צום ביישפּיל אַ ליד פון פיר שורות. אין די סאַמע קורצסטע פילט זיך דאָך ווי אַ מורא ממשיך צו זיין. דאָך, זאָגט ער אין קורצן פערז אַ סך:

„אַ טשאַטע שוואַלבן — אַ שלענגל בלאָער רויך —
בויערט אַ וועג צו הימלען הויך.
אין פלאַטער פון זייער פליגל — די וואָגשאָל
פון אַ וועלט צווישן באַרג און טאָל".

אַפילו אין פרייען פערז, וואָס שטייט אויסער די אָנגענומענע כללים, ווו מען איז נישט געפּענטעט צוליב דער האַרמאָניע פון ריטעם און גראַם, איז ער אויך קאַרג אין ווערטער.

נחום באַמזע האַלט זיך ווייניק ביים פּרינציפּ פון דעם אויפגערעגטן רעדן אין דער דיכטונג. ער אַקאָמפּאַנירט זיין ליד מיט זיין שטילן גע־מיט־צושטאַנד. ביי אים געפינט מען כמעט נישט קיין היפּערבאָלן, קיין צו גרויסע איבערדרייאונגען. דער כאַראַקטער־שטריך פון זיין פערז איז אַרויסגעבראַכט אין איינקלאַנג מיט זיין געמיט־באַוועגונג. מיר זעען דאָס אין זיינע דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן, וואָס לייענען זיך ווי אַ קינדער־מעשהלע.

ווי מיר זעען איז נחום באַמזע אַ דיכטער פון אַ ספּעציעלן זשאַנער. זיין טעמאַטיק איז נישט, ווי די צום מיינסטן נאָך־מלחמהדיקע ליטע־ראַטור, אין גרויסע עלעגיע. מיר געפינען בלויז קליינע, אַרויסגעכאַפּטע רעליעפן פון מלחמה־גרויל, אַזוי אַז דאָס איז אַן אָפּרוענדיקער לייען־מאַטעריאַל.

אין דעם בוך „אַ חתונה אין האַרבסט" גייט אַריין אַן אָפּקלייב פון פינף ביכער־זאַמלונגען, ווי אויך לידער, וואָס זענען אין בוכפאָרעם נאָך נישט דערשינען. צירלעך אַרויסגעגעבן, מיט עטלעכע צייכענונגען פון קינסטלער מענדל רייף, פאַרשאַפט דאָס בוך אַן עסטעטישן פאַרגעניגן און אַ גייסטיקן געניוס.

שיע טענענבוים

„דער אמת זאָל זיין דיין שטערן"

ש. טענענבוים איז אַ מחבר פון פערצן ביכער פון פאַרשיידענע זשאַנערן: דערציילונגען, עסייען, מיניאַטורן — און אויך לידער. זיינע אָפט געדרוקטע מיניאַטורן און דערציילונגען, צעוואָרפענע איבער דער וועלט־פּרעסע, האָבן אָפט פאַרהאַלטן מיין אויפמערק. נאָר ספּעציעל האָבן צוויי אַרבעטן זיינע מיך געוואונען פאַר זיינס אַ לייענער. דאָס איז געווען דער מאמר וועגן זלמן שניאור און זיינס אַ פראַגמענט פון אַ דערציילונג וועגן ביכער, וואָס ער האָט געלאָזט ביים בעקער אויף צום פאַרשפּרייטן — און אין אַ צייט אַרום געוויער געוואָרן, אַז זיינע ביכער זענען אַריין אין דער מיל... געוואָרן צעמאָלן אויף מעל און שפּעטער מגולגל געוואָרן אין ברויט. די־אַ פאַרוואַנדלונג פון תורה אויף קמח, דאָס פאַרשותפן דאָס מאַטעריעלע מיטן גייסטיקן אין אַזאַ געזונטע און ממשותדיקע מע־טאַמאָרפאָזע האָט מיך פאַרכאַפּט.

טענענבוים האָט אָנגעהויבן מיט דיכטונג. נאָר זיין ברייטער סטיל פון באַשרייבן, זיין סמבטיונדיקע פעדער, פון וואַנען עס קוואַלן אַרויס גאַנצע פאַנטאַנען טינט, האָט אים אַרויסגעשוועמט פון דיכטונג אויפן אָקעאַן פון פּראָזע. געבליבן אָבער איז ער אַ דיכטער־נאַראַטאָר. טינט און פּאַפּיר דאָס איז זיין פּאַסיע — זיין בראָנפן מיט לעקעך, מיט וועלכן ער שיכורט פאַרשווענדעריש.

„דער אמת זאָל זיין דיין שטערן" איז דאָס ערשטע ביאָגראַפישע בוך פון אַ צוגעזאָגטער טרילאָגיע. דאָס זענען ראָמאַנסירטע זכרונות פון זיין היים, זיין קינדהייט און, דער עיקר, זיינע עלטערן. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ קאַפּיטל „דאָס טויטע געלט פון אַן אימפּעריע". ס'איז אַ באַ־

שרייבונג, ווי אַזוי דער טאַטע אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, ווערט אַ קעניג פון אויסגעשפּילטן ווערטלאָזן געלט פון דער צאַרישער אימפּעריע. די דאָזיקע באַשרייבונג איז אַן און פאַר זיך אַ מייסטערווערק, אַ מיניאַטור־ראָמאַן. און ווי זאָגט דאָרט דער שרייבער אַליין, אַז בלויז זיין טאַטן וואָלט ער געקאָנט ווידמען אַ גאַנץ בוך.

שטעלט אייך פאָר די גרויע און רויע ווירקלעכקייט פון אַ היים מיט אַריבער אַ טוץ קינדער, זיי לעקן נישט קיין האָניק ביי זייער טאַטן דעם פאַנטאַזיאָר, וואָס האָפּט אויף אַ פרישע מאָנאַרכיע און גלייבט, אַז דאָס געלט, וואָס ער קויפט אָפּ מיט דעם בידנעם פאַרדינסט זיינעם, וועט נאָך אַמאָל ווערן גילטיק און לעבעדיק. כדי אָבער נישט צו פאַר־לירן די גאַנצע דערציילערישע שיינקייט איז גלייכער צו ציטירן ערטער־ווייז דעם שרייבער אַליין. און אָט איז אַ שילדערונג: „מען האָט אַמאָל ערשט מיט געציילטע יאָרן צוריק, געקאָנט אָפּקויפן פאַר די דאָזיקע פאַנ־טאַסטישע סומעס גאַנצע לענדער, פעלקער, פאָרטן, אינדזלען און קאָנטי־נענטן. איצט האָט דאָס אַלץ באַזעסן אַן אַלטער, קאַרגער, משוגענער ייד".

דער טאַטע איז נישט נאָר געווען אַ באַנקיר פון אוצרות מיט רוב־לעס, נאָר אויך פון אַלטע זייגערס־אַנטיקן, וואָס דער שרייבער שילדערט מייסטערדיק — און פירט זיי דורכן גאַנצן ווערק ביז צום טויט פון פאָטער. דער פאָטער אַליין איז אַ לעבעדיקער אַנטיק פון אַ ייד... אַ פריי־מיטיווער מענטש און דערצו נאָך אַ דעספּאָט, נאָר מיט איינגעבוירענע קינסטלערישע פעאיקייטן, ווי מאָלן, מייסטערונגען און אַפילו... שרייבן, אָבער נישט אַזוי ווי מיר שרייבן, נאָר מאַרגינירן אויף די ווייסע ראַנדן פון ספרים...

אַ צער בעל חיים, קויפט ער אָפּ ראַנירטע פערד, היילט זיי אויס און פאַרקויפט זיי. דער עיקר איז ביי אים נישט דאָס פאַרדינסט, נאָר דאָס פאַרגעניגן פון היילן קראַנקע באַשעפענישן. ער האָט אַ שוואַכקייט צו באַנדאַזשירן קראַנקע פערד און קראַנקע ביימער. און אַזוי האָט זיין ווין שיע טענענבוים, שפּעטער, ווען זיין פאָטערס אַמביציעס זענען אויפ־געגאַנגען אין אים אין דער מעטאַמאָרפאָזע פון אַ שרייבער געשריבן

וועגןביימער: „יעדער איינציקער בוים איז מיר געווען נאָענט און אייגן, אַזוי ווי צו אַ מאַמען זענען נאָענט און ליב די נאַקעטע און שמעקנ־דיקע לייבער און גופים פון אירע קינדער".

דער נישט געהובלעוועטער, פּילפּאַכיקער קינסטלער אין זיין טאַטן קאָן פון דעסט וועגן נישט אָפּשאַצן דעם קינסטלערישן ווערט פון זיין אַ שרייבער און וויל פאַרמיאוסן דאָס עקשנותדיקע שרייבן פון זיין זון. אויף אָפּצושרעקן דערציילט ער אים אַ מעשה וועגן אַ משוגענעם ייד פון בית המדרש, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַסיע צו שרייבן. ביי ש. טענענבוים וואַקסט די דאָזיקע דערציילונג אויס צו אַ פּרעכטיקער וויזיע. אָט איז אַ קליינע שטעלע: „איך זע אים שטענדיק נישט הינטערן אויוון, נאָר דווקא ביים הערלעכן אָרון־קודש, אינעם פייער פון רייך געצירטן פּרוכת, וואָס די זון צינדט אָן פאַרנאַכט, אַזוי ווי אַ פלאַמיק פעלד. איך זע אים פלוצעם עפענען דעם אָרון־קודש, מיט געלע הענט אויפרייסן און אויפ־פּראַלן די האָניק־געלע הילצערנע טירן און אַריינשטעקן זיין ווילדן קוד־לעוואַטן קאָפּ אינעם פייערדיקן אינעווייניק, און באַלד נאָך דעם, אַן אָפּגעטובלטער אין גאָטס פייערן, צוגיין צום אויסגעקרומטן טישל און שרייבן, און שרייבן אַ פלאַמיק אָנגעצונדענער".

די דאָזיקע מעשה, וואָס דער טאַטע האָט אים דערציילט, כדי אים אָפּצוווענדן פון זיין שרייבן, האָט גאָר געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. דער געהיימניש־פולער אומבאַקאַנטער קאָלעגע, האָט גאָר אַרויסגערופן ליב־שאַפט און דרך־ארץ מצד דעם מחבר און ש. טענענבוים מאָלט פאַר אונדז דאָס געשטאַלט פונעם אָרעמען סופר: „דאָס מאָנומענטאַלע געשטאַלט פון דעם משוגענעם ייד, וואָס מיין גאָטזעליקער טאַטע האָט גענוצט אָנטקעגן מיר ווי עפּעס אַ לעכערלעכע און גראָטעסקע סטראַשידלע — דורכגעשטאָכן פון אַלע פיר זייטן פון הימל מיט חוזק־ און מיט סאַטירע־קוילן, די גלידער פאַרבלוטיקט, די בגדים צעריסן און צעשליסן, אָבער וואָס האָט אין גהיים מיך באַגייסטערט...".

אַ גרויס עפּיש עיפּוש־בילד גיט דער שרייבער איבערן פּוילישן דאָרף און לאַנדשאַפט, נאָך די שלאַכטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פּרעכטיקע בלעטער, געשריבן מיט פּאַטאָס. ווען ער שילדערט דאָס פּרצוף פון קריג אויפן פאָן פון דער נאַטור, דערמאָנט ער אין די מייסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור. די בלעטער זענען געשריבן מיט אַזאַ בעלעטריס־טישן כוח, אַז זיי שטייגן אַריבער מאַלאַפּאַרטעס שילדערונגען פון טויטע פערד־קרבנות פון היטלער־קריג אין זיין בוך „קאַפּוט".

ש. טענענבוים האָט ליב די נאַטור, פּונקט ווי ער האָט ליב טינט. שטייט ער ווי גאָטס אַ געדונגענער משרת און באַשרייבט גאָטס אייגנטום מיט אַזאַ פייער, מיט אַזאַ פּאַרנעם, אַז דער גאַנצער קאָסמאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין פעדער־ און אָטעם־פּאַרכאַפּנדיקע מעטאַפערס און שיינקייט.

ש. טענענבוים איז אַן אומרו, און זיין שרייבן טראָגט אַ חותם פון אַ באַרעדעוודקייט, מיט געלונגענע פּאַרגלייכן ווי די ספּעציפישקייט פון ליד. אַ שאָד נאָר, וואָס דער געוואַלדיקער צופלוס און אימפּעט פון שרייבן, שוואַכן ביי אים אָפּ זיין געפיל פאַר מאָס, און מיר געפינען ביי אים שטעלן איבערפליסיקע און איבערגעחזרטע.

אין דער ערשטער העלפט פון בוך פאַרנעמט זיך דער מחבר מיט באַשרייבן דעם פאָטער. ער גיט אַ שפּרייז אַוועק צום רעטראָספּעקטיוו פון דריטן און פערטן דור פון זיינע אבות. דעם סוף פון דעם זכרונות־בוך פאַרענדיקט דער מחבר מיט אַ הללויה פאַר זיין מאַמען, ווי אַ סימבאָל פאַר אַלע מאַמעס. דער מאַמעס סידור, די באַקאַנטע פּוילישע פּאַטשיילע, איר ליכטצינדן, דאָס אַלץ איז געשילדערט מיט עמאָציע.

די אויסגעהאַרעוועטע, אָרעמע מאַמע, וואָס איז געווען אַ פעלדז פון אויסדויער און ליבשאַפט, איז דער שאַרפסטער קאָנטראַסט צום טאַטן. פּונקט אַזוי, ווי עס ווייזט זיך אַרויס דער דעספּאָטיזם פון טאַטן אין באַצוג צו זיינע נאָענטסטע, דערגייט זיין מאַמע צו עקסטרעמער גוטסקייט, און ש. טענענבוים טוט איר טאַקע אָן די קרוין פון גוטסקייט מיטן דערציילן איר מענטשלעכע באַציאונג אַפילו צו דעם שונא־ישראל, איר שכנה.

אין לעבן, ווי אין דער ליטעראַטור קומט צום אויסדרוק די ליבע צו דער מאַמען, און צום מייַנסטן קומט ער מצד דעם זון. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין פאַר זיגמונט פרויד.

אויך אין דעם ווערק איז דער שרייבער נישט קאַרג אויף סענטימענ־טאַלע שילדערונגען, ווי די פּאַלגנדיקע: „די טריפנדיקע ליכט פלעגן ציטערן אין דער טונקלקייט פון חדר און זיי פלעגן מאַכן ציטערן איר אויסגעמאַטערטן גוף, איר אומעטיקן פנים. דאָ זיצט אַן אַלטע יידישע מאַמע דורכן לעבן שווער געשלאָגן און פאַרפייניקט. קיין רעזשיסאָר איז קיין מאָל נישט אין שטאַנד צו גרימירן אַזאַ טראַגישע מאַסקע, אַזוי נאַ־טירלעך דורכן לעבן געקנאָטן און סקולפּטירט".

די באַשרייבונג פון ש. טענענבוימס מאַמע, וואָס נעמט אָן נאָכן טויט אַ געשטאַלט פון אַ טויב, סימבאָל פון גוטסקייט, ברענגט אויף אַ מחיהדיקע אַסאָציאַציע צום גונסטן פאַרן מחבר, ווייל אַלס גרוי טײ־בעלע פיגורירט אויך די מאַמע פון דיכטער חיים גראַדע, סיי אין זיין ליד סיי אין זיין פּראָזע. אויך די מאַמע־באַשרייבונג ליידט פון נישט קאָנדענסירטקייט.

ש. טענענבוים איז דער אַנטאָנים פון אַ רענדל אַ וואָרט... ער שווימט אין אַן אָקעאַן פון רייד. דער כסדרדיקער צופלוס שווענקט טייל מאָל אַוועק דאָס עיקרדיקע. עס איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז דער שרייבער זאָל אין זיינע קומענדיקע צוויי ווערק, וואָס דאַרפן בילדן די טרילאָגיע, אַליין זיך אַוועקשטעלן אַ דאַמבע קעגן פלוס פון רייד און פראַזן. דעמאָלט וועלן מיר נאָך מער הנאה האָבן פון זיין שרייבן.

הערש שישלער

„מיט אַ שמייכל אויף דער ערד"

ה. שישלער פאַרנעמט אַ פּאָזיציע אינעם יידישן לעבן פון דרום־אַפריקע, ער רעדאַקטירט די „יום־טוב־בלעטלעך", וואָס דערשיינען פיר מאָל אַ יאָר.

דאָס איצטיקע בוך „מיט אַ שמייכל אויף דער ערד" טראָגט די הילע־צייכענונג פון פאַריזער קינסטלער ב ע ן. זי גלאַנצט אַראָפּ מיט צוויי קאַרגע שטריכן: אַ ראָד מיט אַ צעשמייכלט מויל. ווען איר קוקט דערויף, איז עס אַן אַנגענעמע פאַרבעטונג צו אַ ספּעקטאַקל פון געלעכטער.

ס'איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון שרייבערס, וואָס האַלטן, אַז דאָס געביט פון הומאָר איז דאָס סאַמע קאָמפּליצירטסטע פון אַלע געביטן אין דער שרייבער־קונסט. איך האַלט דאָס פאַר אַן איבערפלעכלעכן זאָג — ווייט פון אמת. איך האַלט, אַז מען קאָן דאָס פאַרגלייכן מיט דער פראַגע, וועלכע מען שטעלט קינדער: „וואָס איז שווערער, אַ פוד קוילן, צי אַ פוד פעדערן ?"...

מען קאָן נישט אָננעמען וועלכן עס איז זשאַנער אין דער ליטעראַטור פאַרן סאַמע שווערסטן, ווייל גאָרנישט איז שווער, אָדער גאָרנישט איז לייכט. הומאָר, ווי אַנדערע געביטן, איז אַ באַזונדערע גייסטיקע אייגנ־שאַפט. יעדער לויט זיין ליידנשאַפטלעכער נייגונג צו דער אָדער אַנדערער פאָרעם פון קונסט, וועט שאַפן מיט מער לייכטקייט אין דעם זשאַנער, מיט וועלכן ער אידענטיפיצירט זיך און וועלכן ער באַהערשט.

„מיט אַ שמייכל אויף דער ערד" הייבט זיך אָן מיט אַ הומאָריסטישן פאָרוואָרט און — עס פעלט שוין נישט קיין סך, אַז דאָס זאָל זיין אַן

אַליין־רעצענזיע. אינעם אָפּשלוס פון זיין הומאָריסטישן פאָרוואָרט זאָגט דער שרייבער, אַז אַ קלוגער הומאָריסט טוט זיך אָן עצה: „ווען ער וויל מען זאָל לאַכן פון זיין שרייבן, נעמט ער און שרייבט אָן טרויעריקע זאַכן — און דער עולם לאַכט״.

איז ערשטנס, וואָס הייסט דאָס אַ קלוגער הומאָריסט? איז דען דאָ אַ הומאָריסט נישט אַ קלוגער? דער הומאָריסט מוז דאָך באַזיצן דאָס שד׳ל פון הומאָר, אָדער — דאָס שד׳ל באַזיצט אים. דער בעסטער סינאָנים פאַרן הומאָריסט איז קלוגשאַפט. קיין נאַרישער הומאָריסט עקסיסטירט בכלל נישט. הומאָר איז ראַפינירטער עספּרי. חכמה איז דער בליצלאָמפּ פון געלעכטער. דאָס איז דער אמת, געזען דורך אַ פאַרגרעסערגלאָז. אוודאי האָט חכמה שטאַפּלען, אָבער ווען מען הנדלט זיך מיט אַזאַ זאַג, הייסט עס, אַז מען דרייט זיך אַליין אַראָפּ אָן אויער...

און נאָך עפּעס. כ׳האָב פיינט דעם אויסדרוק „זאַכן״, ווען עס האַנדלט זיך אין ליטעראַטור, אין ווערק, אין ריינהייטקונסט. מיינער אַ פריינד, אַ געלערנטער און מעלאָמאַן, האָט פאַרמאָגט די פעאיקייט צו רעדן איינפאַך צו דורכשניטלעכע מענטשן. איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו זיין ביי אַן אַרבעטער־פּרוי. ס׳איז געווען אין יאָר 1939, אינעם טאָג, ווען עס איז געשטאָרבן דער פראַנצייזישער קאָמפּאָזיטאָר מאָריס ראַוועל, דער מחבר פון באַקאַנטן טאַנץ „באָלעראָ״. ער האָט פּלוצעם אַ זיפץ געגעבן און געזאָגט: „ס׳איז געשטאָרבן אַ גרויסער מוזיקער״. — „יאָ, כ׳האָב געהערט״, האָט די פרוי געענטפערט. דערויף האָט מיין פריינד צוגעגעבן: „ער האָט אָבער איבערגעלאָזט אַ סך שיינע זאַכן!״ — „נו, אויף וועמען וועלן גוט זיין זיינע זאַכן?... איך האָב געהערט אַז ער איז געווען אַ קליינער...״.

מיין פריינד האָט געגלייבט, אַז פאַר דער פשוטער פרוי דאַרף מען נישט זאָגן „ווערק״, נייערט „זאַכן״. איז אויסגעקומען אַ פאַרקרובהשאַפט פון קונסט־ווערק מיט בגדים...

הומאָר מוז זיין אַ כסדרדיקער סטימולאַנט. דער הומאָריסט מוז שטיין אויף דער וואַך, מוז זיין דער אַלאַרמגלאָק פון געלעכטער. טאָמער פאַר־

געסט דער מחבר, אַז ער שרייבט הומאָר, פֿאַלט ער אַליין אַריין אין אַ באַלעבאַטיש דערציילן, וואָס ווערט אַ גענעצדיקער לאַנגווייל, אַ מאָרפֿין. ווען דער שרייבער שטעלט אויף זיין בניין, איז גוט אַז ער זאָל זיך געפֿינען אין דער הייך און ער זאָל צו אונדז אַראָפּקוקן, און מיר צו אים — אַרויף...

אַ הומאָרעסקע מוז זיין אויפֿגעבויט אויף געלעכטער. מאַכן יענעם לאַכן איז אַ העכערע מדרגה, אָבער נאָר פֿאַר דער טאָפּלטער חשיבות: פֿון שרייבער און געניסער. פּונקט ווי אַ ליד דאַרף אָנציען די נערוון, ביז אַ דערשעפּנדיקער מתיקות, אַזוי מוז הומאָר לויז מאַכן אונדזערע נערוון, פֿולשטענדיק אַנטשפּאַנען אונדזער געמיט ווי אַ נאָכגעלאָזטע ספּרו־זשינע.

טאָקע אַזאַ איבערלעבונג האָב איך געהאַט ביים לייענען אַ צאָל דערציילונגען פֿון בוך „מיט אַ שמייכל אויף דער ערד". ווייל ה. שישלערס דערציילן האָט די צוויי הויפּט־מעלות, וואָס זענען נייטיק פֿאַר הומאָר. ער לאַנגווײַלט אייך נישט מיט קיין צו אויסגעצויגענע באַשרייבונגען. ער פֿירט אייך גלייך אַריין אין דער סיטואַציע און קאָנדענסירט זיין דערציילן צו אַ שנעלן סוף. קורץ און שאַרף. און אפֿילו, ווען נישט אַלע הומאָרעס־קעס זענען שאַרף, — זענען זיי אָבער, צום לויב פֿון מחבר, קורץ און לייכט.

לאָמיר טאָקע אייניקע מעשהלעך אַרויסהייבן פֿון צווישן די געלונ־גענע, פֿון וועלכע מען האָט אין אמתן פֿאַרגעניגן: „מיינע שרייבערישע גליקן", „געהאָלפֿן געוואָרן", „אַ באַערונגס־אָוונט"...

זייער קינסטלעריש איז די הומאָרעסקע „ביים דאָקטאָר". זי פֿאַר־מאָגט אַ דראַמאַטישע שפּאַנונג און אין דעם געפֿינט מען טאָקע דעם הומאָריסט. אָט ביי דער דערציילונג, ווי אַ פֿרוי מיינט, אַז זי געפֿינט זיך ביים דאָקטאָר און בעט ביי אים אָפּצוצערן, און איז גאָר אַ קרבן פֿון אַ טעות, ווייל אַריינגעפֿאַלן צו אַ... מאָלער. מיט דעם קאָן דער שרייבער געווינען אַנערקענונג פֿון אַ קינסטלער און עסטעט. פּונקט אַזוי אויך אין דער הומאָרעסקע „אַ מאַמע באַרימט זיך". אַ מוסטער פֿון אַ היינטצייטיקער מאַמע, וואָס וויל איבערשטייגן אַלע אַרויפֿגעאַרבעטע עלטערן און שטרעבט

צו מאַכן פון איר זון נישט קיין „איינפּאַכן" דאָקטער, נאָר דווקא אַ ספּע־ציאַליסט. ווען דער זון איז שוין אַ פּאַרטיקער אויגן־דאָקטער, קוקט ער זיך אויס די אויגן וואַרטנדיק אויף דעם ערשטן פּאַציענט — און פאַר גרויס לאַנגווייל קוקט ער דערווייל אין די אויגן פון דעם אָרעמען הויז־מיידל...

צו די בעסערע דערציילונגען געהערן „עס דרייט אייך אפשר אָן אויער?", „מתים שמועסן", „גנבים", „נחת פון איניקלעך" און נאָך אַ ריי בילדלעך, וואָס פאַרמאָגן אַ פיינעם הומאָר.

נאָר פאַר וואָס ראַיעט אין דעם בוך מיט אַזוי פיל פרעמדווערטער? פּילט דען נישט דער מחבר, אַז דאָס איז אַ זינד קעגן דער עסטעטיק פון אַ ליטעראַטור־שפּראַך? וואָס טוען אַזעלכע ווערטער אין אונדזער יידישן לשון ווי „אַ ריטייערד־מען", „אינוועסטמענטס", „טשאַנדס", „עסטעיט־איידזשענט", „אַ פּעקטאָרי", „אַקווייער פון זולו־מיידלעך", „רעפרעש־מענטס", „האָלידייז" — און נאָך אַ סך מיט וועלכע דאָס בוך איז באַ־לאַסטעט?

און נאָך וואָס דער אויסדרוק „גלייכן"?, „ער גלייכט דאָס נישט"... קוים כאַפּט זיך אַריין אַ „גלייכן" אין אַ שורה, פאַרקרומט עס דעם גאַנצן ואָץ.

אָבער — ס'איז גוט, וואָס הערש שישלער האָט אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר און עס איז דאָ, ווער עס זאָל אונדז שטאַרקן מיט אַ ביסל געלעכטער. אמת, אַז דאָס געפערלעכע און קלוגע צוואַנציקסטע יאָר־הונדערט פון ראָבאָטן און סאַטעליטן, ווו דער מענטש ווערט טיילוויז אויך אַ ראָבאָט, אַ מענטש אָן אַ נשמה, גייט נישט אַדורך זיין פעדער. שישלער איז נישט קיין בייסיקער סאַטיריקער, קיין להכעיס־הומאָריסט, ווי עס איז געווען אַ משה נאַדיר און זיינס גלייכן. שישלער איז אַ שטיל וואַסערל, וואָס פליסט רואיק און נעמט אייך מיט אויף אַ שווימלוסט־שפּאַ־ציר. ער בליצט נישט מיטן ליכט פון אונדזער עפּאָכע. ביי אים ברענט דער היימישער, בעל־בתּישער אַבאַזשור־לאָמפּ. און, דאַכט זיך, אַז ער צינדט אים אייך אַליין אָן, הייסט אייך אָנטאָן די שטעקשיך, אַריינזעצן

זיך אין פּאַטעל און פּאַרבעט איך לייענען. ער אַליין שטייט אין אַ ווינקל, ווי אַ רואה ואינו נראה, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ נייגע־ריקן ציטער...

און ווער ס'ווייסט, אַז הערש שישלער איז אַ כעלעמער, קלינגט פּאַר אים זיין נאָמען ווי אַ סימבאָל פון אַ יחוסדיק שטעטל, וואָס האָט איבערגע־לאָזט אין דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום אַן אוצר פון פּאָלקלאָ־ריסטישן הומאָר.

„לאָמיר לאַכן" (הומאָרעסקעס)

כעלעם איז געווען אַן אַלטע און אַ יחוסדיקע שטאָט. אַ סימן, נאָך איידער בענזשאַמין פראַנקלין האָט דערפונדן דעם בליץ־אַפּלייטער האָט שוין כעלעם געשמט מיט אירע בליציקע חכמות.

זיצט זיך אַ ייד, הערש שישלער הייסט ער, אין יאָהאַנעסבורג און שאַפט אונדז די אילוזיע, אַז כעלעם לעבט און דווקא אין דרום־אַפריקע. אַ גרויסע ליטעראַטור פאַרמאָגט כעלעם, אייביקע ווערק. אין מיין ביב־ליאָטעק ליגט „די וועלט פון כעלעם" אין פערזן פון וואָלף מערקור. מיר דוכט, אַז פון אַלע באַוועגלעכע גיטער איז הומאָר דאָס סאַמע באַוועג־לעכסטע.

הערש שישלער איז אַ מחבר פון זעקס ביכער און שטענדיק טריי זיין זשאַנער: הומאָר. ער האַלט אויף דאָס פלעמל יידיש — מיט דער גאַנצער יידישער עקשנות...

אין זיין אַריינפיר צום בוך „לאָמיר לאַכן" שטרייכט ער אונטער זיינע מעלות טובות און קאָקעטירט מיט זיי. דאָס מיינט: דערוואָרט נישט פון מיר קיין גליקן! מעג מען איבערדרייען וועלטן, פליען צו דער לבנה, זוכן ווי אַזוי די וועלט אומצוברענגען — ער זיצט זיך ווי אויף אַ כעלע־מער גאַניקל און שמייכלט צו דער וועלט. אים אינטערעסירט נישט דער וועלט־הומאָר, נאָר אויסשליסלעך דער יידישער. ווען מען לייענט הערש

שישלער, שטעלט מען זיך נישט פאַר קיין משה נאַדיר — אים צו לאַנגע יאָרן. אויך נישט קיין אברהם שולמאַן. ער זאָגט דאָס אייך באַלד נישט צו. דערוואַרטן מיר טאַקע נישט ער זאָל מאַכן לאַכן די פייגל... זיין הומאָר איז אַ געמיטלעכער, אַ באַלעבאַטישער. ער האָט דאָך דאָס אונדז פאַרזיכערט מיט זיין כשרן אמת!

אַ מאָל, ווען מען האָט ביי אונדז אין דער היים געזאָגט, דער און דער וווינט אין יאָהאַנעסבורג, האָט דאָס אויסגעזען, אָוואַ, אָוואַ, ווי אַ הימל־ווייטער קאָנטינענט פאַרוועבט אין אומגעוויינלעכער אַנדערשקייט און סודותדיקייט. היינט זענען אַלע קאָנטינענטן נאָענט צו אונדז. אַ שפּי־לעכל, מען גיט זיי אַ פלי אַרום, ווי אַ קאַרוזעלע. לייענען מיר שישלערס הומאָרעסקעס היינט, גאָר פאַרקערט. זיין יאָהאַנעסבורג ווערט פאַר אונדז אומבאַגרייפלעך ווייט. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי? ווייל ער לעבט נאָך אין יענער, העט־פאַרגאַנגענער וועלט, איז אַרומגערינגלט מיט יידן, וואָס אינספּירירן אים, און ס׳דוכט זיך, אַז די אַלע „נודניקעס״, אָדער אַ גרוי־סער טייל פון זיי, שטעקן נאָך אין כעלעם.

דאָס בוך ציילט אַריבער זיבעציק הומאָרעסקעס. אַ טייל אויטאָביאָ־גראַפישע. אַ סעריע פון דאַטשעגעסט, צרות פון חזנים, דאָקטוירים און פון קאָמישע סיטואַציעס און צופאַלן. אין אַ טייל איז פאַראַן אַ געהויבענער הומאָר. איך האָב דאָ אין זינען „מען האָט מיך ליב באַקומען״, „אַ דאָק־טאָר האָב איך״, „זיי האָבן זיך פאַרליבט״ און נאָך אַנדערע.

אין דער דערציילונג „אַ געמיטלעכער שמועס״ דערגרייכט שישלער דעם אמתן, באַטעמטן כעלעמער הומאָר. אפילו די נעמען „זלמן און קלמן״ פּאַסן זיך. אין דעם „געמיטלעכן שמועס״ לייענט מען, אַז חיים־זעליק דער וואַסער־טרעגער האָט געהאַט אַ מאָל אָנגעקליבן אַ פּאָר הונדערטער; איז ער אַוועק צום גביר פון שטעטל און אים געבעטן, ער זאָל האַלטן זיין געלט, און פאַרן פּראָצענט האָט ער דעם גביר געטראָגן וואַסער אַ גאַנץ יאָר... פון אַזאַ קאַזשעליק מוז מען לאַכן און דאָס איז הומאָר.

די דערציילונג „אַ מיטל צו איינזאַמקייט״ איז מער טראַגיש ווי קאָ־מיש און דאָך פּאַסט זי זיך אַריין צום הומאָר מיט איר שניידיקן קאָנ־

טראַסט. אַ מאָנאָמאַניע פון אַן איינזאַמען מענטשן, וואָס זוכט וואַרעמקייט באַדיי דורך יסורים, אַזוי שטאַרק איז זיין עלנט. ער לאָזט זיך אויפנעמען אין שפּיטאָל, שניידן און באַהאַנדלען און איז גליקלעך צו זיין אַן אָביעקט פון אַזוי פיל זאָרג אַרום זיין פּערזאָן. ער געפינט אַ נשמה־באַפרידיקונג פאַר זיין פאַרצערטן עלנט. פאַראַן אין דער וועלט מאָנאָמאַניאַקעס, וואָס זענען אַ שטודיע פאַר פּאַטאָלאָגיע. עס זענען פאַראַן אויך מענטשן פון אַן אַנדערן כאַראַקטער, וואָס באַגערן גרויסקייט, פּאָפּולערקייט, פאַרן פּרייז פון געבן זיך פאַר אַ קרבן, אָדער אָפּטאָן איבער יענעם אַ געוואַלדטאַט, כדי די צייטונגען זאָלן שרייבן וועגן זיי.

צום סוף איז פאַראַן אַ סעריע הומאָרעסקעס, ווו ס׳קומט צום אויס־דרוק דער רעוואָלט פון קינדער קעגן זייערע צוריקגעשטאַנענע עלטערן. די דאָזיקע דערציילונגען זענען צו נאַטוראַליסטיש. עלטערן, וואָס לאָזן בילדן זייערע קינדער, און אַליין בלייבן זיי שטעקן אינעם שמאָלן הינטער־געסל, שטעלן אַליין אויף אַ וואַנט צווישן זיך און דעם יונגן דור. ביי די עלטערן שאַפט זיך אַ געפיל פון שטאָלץ, און ביי די קינדער — פאַרקערט, אַ ביטול־געפיל, אָדער אין בעסטן פאַל — אַ רחמנות־באַציאונג צו זייערע עלטערן.

אויף להכעיס צייכנט דער מחבר משפחות, ווו די קינדער האָבן נישט קיין דרך־ארץ פאַר זייערע עלטערן, אַז דער טאַטע ווינטשט זיך „שוין בעסער זיין טויט". און נאָך עפּעס! פאַר וואָס מוזן די פאַמיליע־נעמען זיין אַזוי צוגעקליבן: „גריץ", „קנאָבל", „צימערינג"? איך גלייב נישט, אַז זיי ווירצן דעם הומאָר.

זאָל מיר דערלויבט זיין אויך צו מאַכן אַ באַמערקונג אויף די פאַר־גרייזטע ווערטער. ווען כעלעם לעבט היינט, וואָלט זי אויך אין דער שפּראַך געוועזן מער פאַרגעשריטן. אַ ביישפּיל: מען קאָן נישט זאָגן — נאָך האַרבער, מען קאָן נישט שרייבן „צוכישט", „צומישט", „צולאָפּן", „צוואָרפן" אא״וו. איין טייל פון די ווערטער רופט אַרויס אַ צעשטערע־רישן באַגריף, די אַנדערע טייל, אַ טואונג, וואָס דערווייטערט זיך פון צענטער. פאַראַן אַ לאָגיק און דערצו אַ וויסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע

דערויף, וואָס רופט זיך „צענטריפוגאל״: צעלאָפּן, צעוואָרפן, צעחושט, צעשטערט אד״גל. ווען הערש שישלער וואָלט אָפּגעגעבן כאָטש אַ בײַסעלע צײַט אויף אונדזער „לייטיש מאַמע־לשון״, פון דאָקטאָר שעכטער, אָדער ווען ער וואָלט אַרײַנגעקוקט אין סטוטשקאָווס „דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך״, וואָלטן מיר געלייענט „דאָקטער״ אויף אַ מעדיצינער, און „דאָקטאָר״ אויף אַן ערודיט. און בכלל מוז מען אָפּוואַרפן אַ גאַנצע ריי פרעמדע ווערטער און לאָקאַלע אויסדרוקן, וואָס מאַכן קאַליע דעם עסטעטישן געגוס ביים לייענען.

אַ שרייבער קאָן זיין אַרײַנגעפּלאָכטן אין קליינע געשעענישן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. נאָר ווען ער נעמט זיך צו אַ סיוזשעט, מוז ער (דער סיוזשעט נישט דער שרייבער) ווערן אַזוי לאַנג צעמאָלן אין דער מיל פון זיין אימאַזשינאַציע, ביז עס קומט אַרויס דין ווייצנמעל.

די כאַראַקטעריסטיק פון הומאָר שטעקט אין קאָנטשיק. אויב איר זענט מיט מיר מסכים, וועט איר צושטימען, אַז ס׳איז גוט, ווען הומאָר האָט אַ ריטל... איך האָב גלייך אַ נאָמען פאַר אַזעלכע הומאָרעסקעס, איך וואָלט זיי אָנגערופן סאַטיריטן, זיי זאָלן געבן אַ שמיץ און דינען פאַר אַ ביישפּיל.

ווי שוין אויבן געזאָגט איז כעלעם דאָס בשמים־ביקסל פון הערש שישלערס יחוס, און כאָטש די הומאָרעסקעס זענען נישט קיין סאַטיריטלעך, קאָן מען פון זיי מאַכן איין ביסן און אַראָפּשלינגען — און די יידן, וועלכע שישלער נעמט פאַר זיינע סיוזשעטן, וועלן מיט פאַרגעניגן זיך אָפּגעפינען אין זיין בוך „לאָמיר לאַכן״. זיי וועלן זיך זען אין דעם היפּערבאָלישן שפּיגל פון הומאָר. זיי האָבן ליב זייער שרייבער, ווייל דער שרייבער האָט זיי ליב.

אברהם שולמאַן

„געלעכטער אין דער נאַכט" און „צווישן שוואַרץ און ווייס"

דאָס צווייטע ווערק פון אברהם שולמאַן 'צווישן שוואַרץ און ווייס" האָט סטימולירט מיין פאַרלאַנג זיך צו טיילן מיט די איינדרוקן, וואָס זענען אַנטשטאַנען ביי מיר נאָך ביים ערשטן בוך זיינעם „געלעכטער אין דער נאַכט".

אויב א. שולמאַן וועט נישט האָבן קיין סך קריטישע אָפּרופן אויף זיין בוך „צווישן שוואַרץ און ווייס", וועט דאָס אוודאי זיין אַ רעזולטאַט פון זיין „אַריינזאָגן" אין די „דריי קאַטעגאָריעס פון קריטיקער", מיט וועלכן דאָס בוך עפנט זיך.

עס איז מיר נישט אַזוי לייכט איבערצוקליגלען אַ קלוגן... דאָך האָט זיך צו מיר שוין צוגעקלעפּט איינס פון שולמאַנס מאָראַלישע געבאָטן „לאָמיר זיין פּחדנים" (כאָטש ער אַליין איז עס נישט). אויך האָב איך מיך באַראָטן מיט דער לערע פון מחברס אַרויסגעשטעלטע שפּריכווער־טער. צווישן אַנדערע: „אויף ניין זאָל מען קיין חרטה נישט האָבן...".

דאָס איצטיקע בוך שולמאַנס איז אָבער פאַר מיר געווען אַזאַ טיף קינסטלערישע איבערלעבונג, אַז איך וויל איבערגעבן אַן עכאָ פון גע־לעכטער, וואָס דאָס בוך האָט ביי מיר אַרויסגערופן.

אויפן פראַנצייזישן ביכערמאַרק האָט לעצטנס אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון דאָס בוך „דער פּנקס פון מאַיאָר טאָמפּסאָן" פון פּיער דאַנינאָס. דער מחבר האָט זיך אַזוי פּיפּיק קאָמופלירט אונטער דעם ענגלישן מאַיאָר טאָמפּסאָן,

אַז די לייענער זענען אַזש צעטומלט און פאַרלאַנגען אין בוכהאַנדלונג אַנשטאָט פון פיער דאַנינאָס — דאָס בוך פון מאַיאָר טאָמפּסאָן...

דאָס בוך שפּיגלט אָפּ מיט אַ גוטמוטיקן חוזק די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון פראַנצייזישן פאָלק, פאַרמאָגט אַן אייגענעם ווערוו, איז רייך אין וואָרטשפּילן און לייענט זיך מיט פאַרגעניגן. אָבער ווען דאָס בוך איז געענדיקט, וועפּט זיך ביי אייך שנעל אויס דער איינדרוק.

אברהם שולמאַנס ביידע ביכער, וואָס זענען געוועבט פון איינעם און דעם זעלבן שטאָף, האָבן אַן אַנדער מזל. זיי בלייבן טיף אין אונדזער געמיט און אין אונדזער זיכרון. נישט געקוקט, וואָס די אָביעקטן, פון וועלכע ער שאַפט זיינע ווערטן זענען פאַרשיידענע, דאָמינירט אין זיין שאַפן אַ גאַנצקייט. דאָס דריקט זיך אויס אין איינעם פון זיינע דעמאָקראַטישע סלאָגאַנס: „גלייכע רעכט צו זיין אַנדערש". דאָס איז די אַנאַרכיע פון זיין וועלטבאַנעם, די נערוון־צענטראַלע פון וואַנען עס ציט זיך די פאַרצווייגונג צו אַלע זיינע געבאָטן, „פאַרוואָסן" און גדאַנקען־אויפבליצן. אַ קאַפּריזנער גייסט, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן קיין סטאַטישעס. אַ וואַסער, וואָס גייט אַרויס פון די ברעגעס און פאַרנעמט זיך אין אַ קעגנשטראָם. דער דאָזיקער טראַגי־קאָמישער פאַרמעסט רופט אַרויס ביי אונדז געלעכטער — און אָפט מאָל אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס.

אין יעדער עסיי, אין יעדן קורצן אַפאָריזם שטייט ער מיטן חלף און שניידט אויף לינקס און אויף רעכטס אַלע אַנדערע אָרגאַניזירטע ווערטן מיט דער איינגעשטעלטער רוטין. אומעטום דאָס קאַפּויערע און גראָטעסקע, דער היפּוך צו דעם, וואָס מיר זענען געוווינט צו געפינען אין אונדזער ליטעראַטור.

פאַראַן נאָך אַ הומאָריסט ביי אונדז אין פּאַריז, א. א. ליבערמאַן. אויך ער האָט אונדז אַנטקעגן געטראָגן אַ בוך מיט לאַכשטאָף „צווישן פּלעצל און איפּל־טורעם". דאָס איז אַ לייכטערער הומאָר. אַן אַנגענעמע לעקטור פאַר אַלע שיכטן און וואָס מאַכט גרינגער די פאַרדייאונג. דאַקעגן אברהם שולמאַנס שאַפונגען בילדן אַ פאַרביקן אַגלאָמעראַט פון סאַטירע, איראָניע איבער מענטש, נאַטור, פּאָליטיק, צייטפראַגעס אא״וו.

שוין אין זיין אָפּטיילונג „האַלב שפּאַס און האַלב ערנסט״ פון זיין ערשטן בוך „געלעכטער אין דער נאַכט״ בונטעוועט ער זיך קעגן אַלע איינגעפונדעוועטע, געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען. דאָס צווייטע בוך „צווישן שוואַרץ און ווייס״ איז אַ פאַרזעצונג.

צום שאַרפסטן שניידט ביי אים אָפּ דער טאָטאַליטאַרער רעזשים. ער באַצייכנט דעם קאָמוניזם ווי „דער גרעסטער קרימינאַל־ראָמאַן פון דער געשיכטע״. פּאַטאָס און סאַרקאַזם שטויסן זיך אָן איינס אויפן אַנ־דערן, ווי צוויי באָקסערס, ביי וועלכע די שלאָג־כוחות זענען גלייכווערטיק. דאָ איז ער שוין אַ נוקם ונוטר און שטעקט אונדז אָן מיט דער נקמה־פרייד.

די דערציילונג „וואָלאָדיאַ און טאַטיאַנאַ״ פונעם ציקל „אין טאַטן אַריין״ איז אַן אמתער טיפּישער ביישפּיל פון דעם „סאָציאַליסטישן רעאַ־ליזם״, געזען דורך די פאַרגרעסער־גלעזער פון הומאָריסט.

אַ פּאָרל קאָן נישט אויסטוישן זיינע אינטימע געפילן אומאָפּהענגיק פונעם ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן פּראָגראַם פון לאַנד. יעדער זשעסט, יעדער געדאַנק פון פאַרליבטן פּאָרל מוז זיין באַגלייט מיט דער זאָרג פאַר דער פּראָדוקציע, פאַרן אויפבוי, פאַרן סאָצגעוועט. במילא, ווערט דאָס פאַרליבן זיך אויך רעגולירט לויט די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי...

אַ פיין בינע־מאַטעריאַל!

אָנהייבנדיק פון די שוליאַרן ביזן סוף פון זיין לעבן איז דער רוסי־שער בירגער עקספּלואַטירט לטובת זיין לאַנד, אָבער ער אַליין האָט שוין נישט קיין כוח צו געניסן פון דעם, וואָס ער האָט געשאַפן. „נאָר דאָרט גייט דאָך נישט אינעם מענטש, נאָר אין די נאָרמעס״.

און אַז מען רעדט שוין וועגן נאָרמעס. איז דער שענסטער, פּאַבל־דיקער ביישפּיל דאָס בילדל „טאָגבוך פון אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישער הון״. דאָרט שלאָגט ער אָן אין קולמינאַציע־פּונקט, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס אַרויספּאָכען פון דער נשמה פונעם פּראָדוצענט.

איך וועל פּראָבירן אילוסטרירן מיט אַ ביישפּיל, אין וואָס עס באַ־שטייט שולמאַנס אָריגינעלקייט און וואָס עס שטויסט אונדז צו לאַכן.

דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס און די ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט עס אָפּ, איז אָנגעשטעלט, ווי דער מעכאַניזם פון אַ זייגער, פון וועלכן די ווייזערס רוקן זיך כסדר אויף רעכטס. זאָל די דאָזיקע מאַכינאַציע, דורך עפּעס אַן אינעווייניקסטער צעשטערונג נעמען שאָרן די ווייזערס פאַרקערט, ווי מען האָט אונדז צוגעווינט צו זען, וועלן מיר זיך פונאַנדערלאַכן. דאָס זעלבע איז מיט דעם אָנגרייפער שולמאַן. מיר לאַכן, ווייל זיין עפּיגראַמאַטישע פּראָזע גייט אַרויס פון די גרענעצן פון אונדזער זייגערלעבן.

אַלץ, וואָס שולמאַן שרייבט, איז פריש, ממש וואַרעם, אַקטועל און עס רעדט צו אונדזער פּסיכיק, צו אונדזער פאַרשטאַנד. זאָל דאָס זיין „דער שטויבן־זויגער מיט פינף און פערציק פונקציעס", אַ צופעליק אויפגעכאַפּט בילדל, צי גאָר זיין עסיי „דער קאַמף צווישן הומאָר און פּאַטאָס", אין וועלכן ער דריקט אויס זיין גאַנצן אומטאָלעראַנטן צוגאַנג צו אונדזער געזעלשאַפט, וווּ עס דאָמינירט דער פּאַטאָס און די קאָפּיע. דער גאַנצער מהות און צוגאַנג צום קינסטלערישן שאַפן ביי א. שולמאַן איז רעזומירט אין אַ סך פון זיינע עסייען. נאָר די בעסטע אָפּשאַצונג איבער קונסט, זיין אייגענע אַריינגערעכנט, איז צו לייענען אין זיין עסיי „יעדער מענטש איז אַ פּלאַגיאַטאָר". ריכטיק זאָגט ער אין דעם זעלבן עסיי, אַז „די איינציקע, וועלכע בונטעווען זיך קעגן דער דאָזיקער טיראַניע פון פּלאַגיאַטיזם — זענען קינסטלער".

שולמאַן שטייט טאַקע אין דער ערשטער ריי פון די „בונטאָווששיקעס". ביי אים „הייבן שוין פּרויען אָן צו שיילן ציבעלעס מיט אַטאָמישער ענערגיע"... און אין זיין פּרעכטיקער, סאָוויעטישער דערציילונג „זעלבסטמאָרד פון סטיעפּאַן ראַסקאָלניקאָוו" האָט אַ העמד דריי אַרבל, אַ פּאָר הויזן — בלעכענע מאַנקעטן... אַן איינפאַל פון צען וואַגאַן לאַטשן אויף איין פוס... מיט איין וואָרט, שרייבן אויספירלעכער איבער זיין פּראָזע וועט הייסן אַ תל מאַכן פון זיין דערפינדערישקייט.

אפילו צום מאַנאַטעאיזם האָט ער אַן אַנדערן צוגאַנג און נישט אונדזער אָנגענומענעם „אַ גלויבן אין איין גאָט". ער פירט אויס, אַז צוליב דעם,

וואָס יעדנס געמיט האָט אַן אַנדער פאַרב, באַגרייפט ער די געטלעכקייט לויט זיין דערקענטעניש.

קיינער אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור האָט נאָך, דאַכט זיך, נישט אַזוי דערהויבן דעם פּראָדוקטיוון עמך־מענטש, ווי עס טוט עס דער דעמאָקראַטישער, אומקאָמפּראָמיסלעכער אברהם שולמאַן. די באַ־שיידנקייט ביים עמוד און די גאווה ביי דער טיר. מען קאָן דאָס אָבער אויך אַנדערש אויסטייטשן: דאָרט, ווו דער יחסן איז ביי דער טיר אָדער ביים עק פון טיש, דאָרט צייכנט ער די ערן־מעטע!

שולמאַן האָט אַ ווידערווילן צו דער פּאַרריסנקייט, וואָס זוכט זיך אויסצוטיילן פון ציבור, ווי מען טיילט אָפּ „סמעטענע פון זויער מילך". די בילדער זענען אַזוי שאַרף, אַז עס מוז אייך באַלד נאָכגיין נאָך דער סמעטענע דער ריח פון גראָז...

שולמאַנס ביכער מוז מען נישט לייענען לויט דעם איינגעשטעלטן סדר. אגב, ער אַליין איז אַ קעגנער פון סדר. מען קאָן אָנהייבן צו לייענען פון סוף, פון דער מיט, פון יעדן פּאַראַגראַף און הן ביי די קליינע און הן ביי די לענגערע שטיקלעך פּראָזע פאַלט נישט די טעמפּעראַטור פון אינטערעס

וועגן אַבסטראַקטער מאָלעריי רעדט ער אין ביידע ביכער. פון ביידע עסייען קאָן מען ציען אַ שלוס, אַז ער איז אַ קעגנער פון „קונסט, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך".

איך קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון און מוז איבערגעבן אין קורצן אַ בילדל וועגן אַ בילד פון פּאַריזער „מוזעאום פון מאָדערנער קונסט".

דער שרייבער געפינט זיך אין געזעלשאַפט פון פינף פּערזאָן מיט אַ קליין ווערעמל — אַ קינד, און באַטראַכטן אַ בילד. אַלע דיסקוטירן אין דער קופּע אַריין, ווייל יעדער האָט אַריינגעלייגט און אַרויסגענומען אַן אַנדערן אינהאַלט, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט זיין האַריזאָנט אין קונסט און מיט זיין פּראָפּעסיע. עס האָט זיך באַקומען אַ קאַקאָפאָניע פון מיי־נונגען און דאָס בילד האָט אָנגענומען אַ פּנים מיט פינף סיוזשעטן.... גלייך מיט דער צאָל „פּראָפּאַנען", וואָס האָבן עס באַקוקט. עס האָט זיך באַקומען

אומגעפּער אַזאַ מין קאָשמאַר: דער קצב האָט געזען אַ בהמה, דער שניי־דער — אַ מאַרינאַרקע, דער סטאָליער — אַ שלאָפצימער, אַ פרוי — אַ שטיללעבן פון זיסע זאַכן, אַ מיידל — אַ ליבע־סצענע. ערשט נאָך די אַלע השערות פונעם תוהו ובוהו־בילד, האָט דאָס קינד צום בעסטן רעאַגירט אויף דעם דאָזיקן מאָנסטער: „מאַמעלו — האָט עס אויסגערופן — כ׳האָב מורא!״.

דאָס בילד האָט טאַקע געטראָגן דעם נאָמען „שרעק״.

א. שולמאַן האָט מיט דער קורצער דערציילונג „טאָפּעלע טוטאַריטו״ אונדז געגעבן אַ זעלטענעם שעדעוור אין מיניאַטור. ווען שלום־עליכם וואָלט היינט געלעבט און געלייענט, ווי אַזוי א. שולמאַן האָט סובלימירט די פיגור פון טאָפּעלע טוטאַריטו, אינספּירירט פון זיינס אַ דערציילונג „די פּאָן״, וואָלט ער געלאַכט און געוויינט. ער וואָלט אויך מסתמא אונ־טערן קעפּל פון שולמאַנס דערציילונג אַוועקגעשטעלט צוויי מאָטאָס: דעם פּאָפּולערן „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן״ און אַ צווייטן — „וויינען איז געזונט, ווייל מען האָט אַ הנאה״.

שולמאַן איז אַ שרייבער מיט דיסטינקציע און מיט אַזאַ קולטיווירטן שפּראַך־כלי־זין, אַז ער מעג דרייסט גיין אין מלחמה אַריין. אַ פּוילישער ייד וועט באַזונדערס אַ הנאה האָבן פון זיין וואַרשעווער אידיאָם מיט די היימישע פאָלקס־ווערטלעך: „אַ זבענק אין די ציין״, „האַקן אַ סעודה״ און אַזוי ווייטער.

מען קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז מיט זיינע צוויי ביכער „געלעכטער אין דער נאַכט״ און „צווישן שוואַרץ און ווייס״ האָט שולמאַן אויפגעריסן די דאַמבע פון אונדזער סאָלידן און רוטינירטן צוגאַנג צו ליטעראַטור. ער ציט געדאַנקען פון זיין גאַרגאַנטואַ־פאַנטאַזיע, ווי זיין „זשאָנגלער״ סטענ־געס פון דער ליידיקייט. זיין בוך איז נישט קיין טעאָריע איבער געלעכ־טער, נאָר אַ געלעכטער איבער אַלע טעאָריעס.

י. פינער

אַ בוך נאָוועלן

י. פינער האָט שוין געמאַכט אַ ליטעראַרישע פּראָבע מיט זיין ערשטער לענגערער דערציילונג „די שעה פון בין השמשות”, אַ באַשרייבונג פון לעצטן קריג. פון צייט צו צייט באַמערקן מיר אויך אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ פראַנצייזיש בוך. די דאָזיקע פּרוּוון האָבן אויסגעזען צו זיין פון אַן אַמאַטאָר. דאָס איצטיקע בוך אָבער איז אַ באַשטעטיקונג פון אַן איינגעוואָרצלטן ווילן צו געשטאַלטיקן אין אַ בעלעטריסטישער פאָרעם געשעענישן, אַקטועלע פּאַסירונגען און איבערלעבונגען פון דער ווייט־נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. מיר באַקענען זיך מיט שטיקער צאַפּלדיק לעבן און שטערבן אין די נשמות פון די פּערסאָנאַזשן בעת דער היטלער־עפּאָכע.

איך האָב אַ לייען געטאָן די ערשטע דערציילונג „אַ באַגעגעניש מיט אַ הונט” און גלייך האָט דאָס בוך דערוועקט אין מיר אַן אינטערעס. אַן איינזאַמער מענטש זיינוול טרעפט אין גאַס אַ הונט, פונקט אַזאַ איינזאַמען ווי ער אַליין — און דער הונט באָט אים אָן זיין פריינדשאַפט... כאָטש די דערציילונג טראָגט אַ כאַראַקטער פון אַ רעאַליסטיש בילד, שפּאַרט פון איר אַרויס די סטיכיע פון אַן אומפאַרגעסלעכער וויזיע. עס דערמאָנט אַ צייט, ווען אַ הונט איז געווען חשובער ווי אַ ייד, וועמענס גרויליקער סך־הכל איז אונדז באַקאַנט...

נישט אַלע סיוזשעטן זענען דאָ ניי, אויסער איין נאָוועלע „אין אַן אויסגעטראַכטן וואַלד”. טראָץ דעם, וואָס נישט אַלע דערציילונגען זענען דערפירט צו אַ פינאַל פון אַ גאַנצן געבוי, זענען זיי אָבער אַלע אָנציענדיק

ביים אָנהייב און פֿאַרמאָגן אַ סך געפֿיל און פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק. אַלע נאָוועלן אין דער צאָל פֿון פֿופֿצן, מיטן אויסנאָם פֿון צוויי: „די קאָזע״ (תּפֿיסה) און „דעם טאַטנס קול״, זענען אַרומגעהילט מיט אַ טרויעריקן שלייער. אַלץ דערמאָנט אין דעם ריטשקעלע בלוט, וואָס אויף דער הילע.

ווען מען גייט אָבער איבערן גאַנצן שטח פֿון בוך, ווערט מען פֿאַרגוטיקט מיט אַ היפּשער דאָזע פֿון הומאָר. מעג דאָס אפֿילו נישט זיין דעם שרייבערס עלעמענט, מאַכט גאָרנישט אויס; ס׳וואָלט גאָרנישט געווען קיין קרבן אָנצוּוואַרעמען יעדע נאָוועלע מיט אַ פֿונק פֿון הומאָר. ווילט זיך דערפֿאַר אַרויסהייבן די דערציילונג „מיין טאַטנס קול״. דאָס איז אַ שטיק אויפֿגעאַקערט לעבן פֿון דער פּוילישער קליינשטעטלדיקייט, אַן אויטאָביאָגראַפֿיע, וואָס קאָן פֿאַראַלגעמיינערט ווערן דורכן באַגריף: יידישע אָרעמקייט. גראָד איז די דאָזיקע נאָוועלע, אין תּוך גענומען אַ טרויעריקע, פֿול מיט זון און שמייכל.

און איצט לאָמיר מאַכן אַ סתירותדיקן פּאַראַלעל מיט דער נאָוועלע „דאָס קראַנקע יינגל״. די באָבע דערציילט די חנוכּה־מעשׂה דעם קליינעם בערעלע און עפּנט פֿאַר אים, נישט ווילנדיק, אַ וווּנד. פֿון איין זייט אַ צוקערל פֿון דער יידישער געשיכטע, פֿון דער חשמונאים־תּקופֿה, און פֿון דער אַנדערער זייט, זיין אמתדיקע איבערלעבונג אין צייט פֿון קריג, וואָס איז ביים קינד בלויז שאָטנס און קאָשמאַרן. דאָס קליינע נשמהלע, בערעלע, האָט געהייסן „בערנאַרד קאַרפּענטראַס״... אָט דער צוגעטשעפּעטער נאָמען, כּדי אויסצובאַהאַלטן ס׳קינד, פּאַסט זיך גיכער פֿאַרן טיטל פֿון דער דערציילונג. גלייכצייטיק בעט זיך אין דער דערציילונג גופֿא אַן איבערחזרן פֿון דעם „אַריסטאָקראַטישן״ נאָמען, ווי אַ קעגנזאַץ צו דעם קליינעם בערעלע, וואָס לעבט נאָך אין דער קינדערוועלט פֿון „פֿאַרוואָסן״ און ווערט איבערגעבערענט אינעם פּאַראָקסיזם פֿון די קריגס־דערמאָנונגען. דאָ פֿעלט בולט אַן עוקץ פֿון דער זאַלצסובסטאַנץ, די ציינישע שטעכלקע פֿון הומאָר. פּונקט אַזוי פֿאַרן לייענער, ווי פֿאַר יענע ברואים, וואָס האָבן גורם געווען, אַז אַזעלכע „בערעלעך״ זאָלן איבערלעבן אַזוי פֿיל פּחד, אַזוי ווי קינדער זענען פֿעאיק צו איבערלעבן...

צווישן די אויבן דערמאָנטע דערציילונגען איז וויכטיק אונטערצו־שטרייכן „אין אַן אויסגעטראַכטן וואַלד״. אַ ביז גאָר רירנדיקע און גע־לונגענע דערציילונג. דער סיוזשעט נעמט אַרום די זיבן אותיות פון דער מוזיק, ווו י. פינער פילט זיך אַריין מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש אין אַ וואונדערקינד, אַ פּיאַניסטין, וועמענס פאָטער איז אַוועק „אין אַ ווייטן לאַנד״, ווו אַלע מענטשן גייען...

דאָס קינד איז אונטער דעם כסדרדיקן איינדרוק פון איר פּלוצ־לונג פאַרשווונדענעם פאָטער און רופט אים אַרויס אין דמיון, כדי צו שפּילן פאַר אים די לבנה־סאָנאַטע פון בעטהאָווען, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו הערן פון זיין חנהלע. זי גיט דעם ערשטן עפנטלעכן רע־ציטאַל פון בעטהאָווענס ווערק. זי שפּילט נישט צוליב אַפּלאָדיסמענטן. זי וויל קיינעם נישט געפעלן... זי שפּילט אויס ליבשאַפט צו איר טאַ־טעשי... זי רופט אים אַרויס פון יענער וועלט דורךביידנס ליבשאַפט צו מוזיק, און דורך דער דאָזיקער ליבשאַפט ברענגט זי אַרויס די גאונישע קלאַנגען פון בעטהאָווען אין אַ פענאָמענאַלן פאַרנעם.

די דערציילונג „אַ קאָזע״ איז אַ טיפּיש יידישע קינדער־מעשה פון אַלטן פוילישן דאָרף, ווו ס׳האָבן געוווינט עטלעכע יידישע משפּחות: איטלעכער בעל הבית מיט אַ קאָמישן צונאָמען. דער פּראָטאָטיפּ איז יאָסל שלעגער, וואָס פירט זיך אויף ווי אַ רעבעל, האָט אויף זיך כסדר ספּראַ־ווען — און פאַרטיידיקט זיך מיט דער צונג און פויסט... ביז ער פאַלט אַריין אויף פּופּצן טעג אין דער „קאָזע״ פאַר געבן אַ פּאַטש אַ זשאַנדאַרם. יאָסעלע שלעגער איז דאָך אָבער אַ טאַטע פון קינדער, שלאָגט ער פאַר דעם ווויט, היות ער קאָן זיך נישט אַוועקזעצן אין תפיסה מחמת ער האָט קיין צייט נישט, וועט ער געבן אויף זיין פּלאַץ צוויי פון זיינע קינ־דער: זיינוועלע פון ניין און אסתרקע פון פינף יאָר. דאָס געריכט האָט מסכים געווען און פאַר די קינדער איז דאָס געווען גאָר אַ טשעקאָווע איבערלעבעניש. זיינוועלע איז געווען אַ פאַנטאַזיאָר, אַ קונצן־מאַכער און אַ מעשה־דערציילער. ער האָט אַזוי אַרום נישט נאָר פאַראינטערעסירט זיין שוועסטערל, נאָר צוגעצויגן אַלע קינדער פון דאָרף צו די שטאַכעטן

פון דער „קאָזע״. דער אַלטער שיכור סטאַך, וואָס איז געווען וועכטער און גלאָקן־קלינגער פאַר אַלע געשעענישן פון דאָרף, האָט אין אַ בגליפונ־דיקן צושטאַנד זיך געלאָזט אַריינגאַרן אין דער „קאָזע״ פון דעם קליינעם „קאַטאָרזשניק״, וואָס האָט אים איינגערעדט, אַז ס׳ליגט דאָרט באַהאַלטן אַן אוצר... סטאַך ווערט ווילד, פאַרגעסט זיין ראָלע פון אַ היטער — און די קינדער אַנטלויפן...

דאָס מעשהלע פאַרמאָגט אַלע חנען פון יידישער חכמה; יידישער דלות פון איין זייט, און פון דער צווייטער — פויערישע פרימיטיוויקייט פון דעם נאַטשאַלסטווע־קאָרפּוס אין אַ קליין פּויליש דאָרף.

עס לוינט זיך נאָך צו באַמערקן, אַז די סקיצע „צוויי מענטשן״, אַן איבערלעבונג פון שרייבער, האָט געקאָנט אויסגעבויט ווערן צו אַ פּרעכ־טיקער דערציילונג. נעמענדיק פאַרן סיוזשעט בלויז דעם „גאָרנישט״... מען ברעכט אויף זיין מאַנסאַרדע און מען געפינט אים אַ טויטן. אין אַ פּאָר זאַצן איז דאָ פאַרקנאָטן אַ גאַנצע פילאָסאָפיע. אַ „גאָרנישט״ און מען דאַרף טאָן זיין רעכט. מען דאַרף זיך מיט אים פאַרנעמען און אים געבן אַ שטיקל ערד ווי יעדן מענטשן, וואָס איז נישט געווען קיין גאָר־נישט ביים לעבן. דער דאָזיקער באַגריף ט ו י ט מאַכט פון יעדן ע פּ ע ס אַ גאָרנישט און פאַרקערט, פון יעדן ג אָ ר נ י ש ט אַן עפּעס. דער עסענ־ציעלער געדאַנק אין אַ אויסגעברייטערטער בעלעטריסטישער פאָרעם, וואָלט נאָך מער באַשיינט די זאַמלונג נאָוועלן פון י. פינער.

„די פיר צייטן״

י. פינער איז אַ שטילער און באַשיידענער מענטש. נישט קיין טומ־לער, נישט קיין רעדער. ווען איר לייענט אים, וווּנדערט איר זיך, ווי ער קאָמפּאָנירט דאָס מיט דער פּעדער.

דאָס היטלער־גיהנום און די יידישע צרות האָבן געפונען אין דעם שרייבער זייער געטרייען געשטאַלטיקער. אַ לאַנגיאָריקער תושב אויף

דער פראַנצייזישער ערד, זענען זיינע סיוזשעטן האַלבע פראַנצויזן אָדער נאַטוראַליזירטע. די שפּראַך פון זייערע זוימען זענען שוין, אַזוי צו זאָגן, דער פּריווילעגירטער עלעמענט פון גלות. דער מחבר נעמט זיי אַרויס פון דער פראַנצייזישער לאַנדשאַפט מיט זייער יידישן געמיט און יידישלעכן טרויער.

י. פינער איז אַליין נאָך איינגעשלאָסן אינעם קרייז פון מלחמה־איבערלעבונגען. ער האַלט פאַר זיין הייליקן חוב זיי צו געבן אַ שריפטלעכן תיקון. זיינע דריי ביכער באַשטעטיקן דאָס.

דאָס איצטיקע בוך „די פיר צייטן" איז אַ זאַמלונג דערציילונגען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. אין דער מיט פון בוך איז אַריינגעפאַסט אַ מיניאַטור־ראָמאַן פון עטלעכע זיבעציק זייטן „די פיר צייטן", ווי דער נאָמען פון בוך.

כמעט אין אַלע זיינע דערציילונגען געפינען מיר אַ פינקל פון נר־תמיד נאָכן בלוטיקן שניט איבער אונדזער פאָלק. די מערערע זענען זכרונות־ליטעראַטור, פון וועלכער אַ טייל טראָגט דעם טיפן נשמה־סטיגמאַט פון דער לעצטער חורבן־תקופה.

אַזוי איז די ערשטע דערציילונג „ליכט און נעפל", וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַ הויז פאַר גייסטיק קראַנקע. די דערציילונג פלאַטערט צווישן הימל און ערד. זי איז גלייכצייטיק רעאַליסטיש און איבערנאַטירלעך. די גאַנצע געשיכטע קומט פאָר אין אַ פיבערדיקן קלימאַט פון אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן דעם זכרון. ער צינדט אונטער דאָס קראַנקנהויז און אַנטלויפט מיט דער פלעגערין, וואָס באַציט זיך ספּעציעל וואַרעם צו אים, דעם קראַנקן, ווייל אירע מלחמה־איבערלעבונגען זענען ענלעכע צו זיינע.

ס'קאָן זיין, אַז דער מחבר האָט געוואָלט אַרויסברענגען מיט זיין פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק דעם געדאַנק, אַז געוויסע אַמנעזיע־קראַנקע קאָן מען צוריקברענגען צום נאָרמאַלן צושטאַנד, ווען דער קראַנקער באַקומט אַן אינדיווידועלע באַהאַנדלונג מצד אַ ליבנדיקן מענטשן. אין דעם רעטראָספּעקטיוון אַריינבליק פון די גרויליאַרן איז טאַקע, ווי אָנגעמאָסטן, אַז די דערציילונג זאָל זיין צוגעפּאַרבט מיט פּסיכאָאַנאַליז.

„פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל" ווירקט אויף אונדז ווי אַ לאַנגזאַמער פּרעליוד פון געזאַנג, וואָס וויברירט צווישן חלום און וואָר. יצחקס על־טער־עלטער־זיידע שיע־זלמן לונץ האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב און אַוועק צו פוס קיין ארץ־ישראל... ער איז אָבער נישט דערגאַנגען און אומגעקומען אויפן וועג. יצחק פאָרט שוין אויסלעבן יענעם ווייטן חלום פון אונדזערע ראָמאַנטישע זיידעס. ער פאָרט אויף אַ לוסטרייזע; ער איז אַ פרייער מענטש. געלאָזט פרוי און קינד אין דער היים, שעפּט ער פאַרגעניגן פון געדאַנק וועגן פאַרשטייענדיקע טרעפונגען מיט דעם און מיט יענעם.

די שיף איז אַ וועלט און ער אַליין ווערט אַ וויגנדיק שיפל אויף די כוואַליעס פון פאַנטאַזיע, וואָס גיט אים אַן אָנגעגנעמען וואָרף אַריבער צום עבר. לוסיאַ... פרידעלע... דער לעצטער האָט ער טעלעגראַפירט זיין אָנקומען. יצחקס גאַנצער געדאַנק וועגן ישראל איז איצט פאַרכאַפּט פון דער נאָסטאַלגיע צו דער פריידעלע־אביבית, וואָס איז געווען פאַר־בונדן מיט זיין יוגנט... דער צוזאַמענטרעף איז אַ באַנאַלע אַנטוישונג, און פריידעלע ווערט פאַרביטן אויף דער גרויסער פרייד פון אַן אַנדערער פרוי — די פרינצעסין פון רענעסאַנס: מדינת ישראל.

„אַ שפּראַץ אויפן טאָג" איז אַ דערציילונג, וואָס האַלט אייך געשפּאַנט מיט דער דראַמאַטישער אַקציע פון מלחמה־ווידערשטאַנד. אַ יידיש קינד, געבוירן אין דייטשלאַנד מיטן וויל קלינגענדיקן נאָמען פרידריך שילער ווערט באַזייטיקט פון דער דייטשער שולע. ער וואַנדערט איבער מיט זיין משפחה קיין פראַנקרייך, וווּ זיינע עלטערן ווערן שפּעטער דעפּאָר־טירט. זיין אַרישער אויסזען און דייטשע שפּראַך נוצט ער אויס אַלס פראַנצייזישער ווידערשטענדלער און נעמט נקמה דורכן אויפרייסן אַ דייטשן מיליטער־צוג.

צו די רירנדיקע דערציילונגען פון דאַזיקן מין געהערט אויך „די שטומע מאַמע". זי איז נישט בלויז אַ מאַמע פון קינדער, נאָר אויך אַ סימבאָל פון גוטסקייט פאַר די אָרומיקע. זי ווערט „שטום", ווען עס איז אַ צייט בעסער צו זיין שטום פאַר יידן... אין דער חורבן־ליטעראַטור

באַגעגנט מען די אויפגעצעוווּנגענע ראָלע פון שטומקייט, ווייל אַ יידיש־לעכער פראַנצייזיש האָט געקאָנט זיין דער דירעקטער מסור...

און ווי גיט מען איבער דעם אינהאַלט פון אַזאַ באַטעמטער דער־ציילונג, ווי וועגן דעם הונגעריקן קינד „בערקע", אַ דערציילונג, וואָס האָט אַלע חנען פון אַ קינדער־דערציילונג, צינדט אָן אַ טרויעריק פייערל אין אויג און וואָלט געוועזן אַ כבוד פאַר אַ קינדער־כרעסטאָמאַטיע?

פאַראַן אויך אַ גרעסערע דערציילונג פון אַ שטעטעלע אין גאַליציע „זיינוול". דאָס איז אַ ווייטע, רעטראָספּעקטיווע שילדערונג פון אָרעמען, שטעטלדיקן שטייגער־לעבן, ווו אָרעמקייט און עם־הארצות פאַרקריפּלען די מענטשלעכע געפילן. אמת, צוליב דער שווערער, מאַטעריעלער דאָליע אין אַמאָליקן פוילן איז אַ קינד נישט געווען אַזאַ לוקסוס ווי היינט. און אַז עס איז אַ מאָל געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ געשלאָגנס אויפן שכל, און אויף אַ צולאָג מיט אַ פאַרשאָלטענער מיאוסקייט, איז אַזאַ קינד וועדט אַ בלעטל אין דער ליטעראַטור. אין אונדזער ציוויליזאַציע רופט מען אַזאַ נישט געראָטן קינד „מאָנגאָליער", אָבער אין יענער ווייטער צייט איז עס געווען אַן אָביעקט פון ליידן, און נישט נאָר אַן איבעריקער ביי זיך אין דער היים, נייערט אויך קהלס אַ קרבן. און כאָטש דער סוף פון אָט דער דערציילונג איז איבעראַשנדיק און קלינגט אפילו אומגלויבלעך, איז אָבער פאַראַן אין דעם די קונסט פון דערציילן.

און אָט איז „פאַרקינסאָן". אַ מאָראַלישער טיפּ פון אַ דערציילונג מיט צוויי פאַרשיידענע פּראָפילן. זי געהערט אָן ספק צו די אויסנעם־דער־ציילונגען, וואָס ליגן אויף דער גרענעץ פון עסיי און מעשה. דער דאָקטער שפּיגעלמאַן געפינט אויס אַ מיטל צו דער פאַרקינסאָן־קראַנקהייט (פּאַ־ראַליזש). אָבער איידער די מעדיצינישע אַקאַדעמיע באַשטעטיקט און אַנערקענט זיין רפואה, פּרווט ער זי אויס אויף אַ קראַנקן, זייענדיק אין איר זיכער. ער קאָן זיך אָבער נישט דערוואַרטן אויפן ענדגילטיקן דער־פאָלג פון זיין דערפינדונג און ווען מען רופט אים אַרויס צום פאַרחלשטן קראַנקן, ווערט ער אַרומגעכאַפּט פון אַזאַ פּאַניק פון געוויסנביסן, אַז ער שלינגט אַליין אַראָפּ צוויי פּילן. דער פּאַציענט ווערט געזונט, דער דאָק־טער ווערט געליימט. „פאַרקינסאָן" לעבט אין אַן אינערלעכן קאָנפליקט

אין געשפּרעך מיטן געוויסן. אמת, די מאָדערנע ליטעראַטור פאַרמאָגט אויך פון דעם זשאַנער, פון אַריינפירן שטיקער עסייען אין דער שיינער ליטעראַטור, אָבער לויט מיין מיינונג איז דער עסיי צו מאָסיוו, כדי צו קאָנען ליגן אויפן רוקן פון דער בעלעטריסטיק.

און איצט — די ראָמאַנטישע נאָוועלע „די פיר צייטן".

דער מיניאַטור־ראָמאַן קאָנצענטרירט זיך אַרום דער כישופדיקער שאַפונג פון אַ שטאַרקן העלד, דעם קאָמפּאָזיטאָר וויוואַלדי. די „פיר צייטן" גיט אונדז אַ טאָפּלען עסטעטישן געניס פון אַן אָריגינעלן זיווג, ווו דער מחבר לעבט זיך אויס אין דער מוזיק. די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע „די פיר צייטן" איז אַ קאָנקרעטער סימבאָל אויף דער צווישן־מענטש־לעכער באַציאונג פון אַ פּאָרל. פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער...

אַז פינער האָט אַ שוואַכקייט צו מוזיק האָבן מיר שוין געהאַט אַ באַווייז אין זיין פריערדיקן בוך „נאָוועלן", ווו מיר האָבן באַוווּנדערט די מוזיקאַלישע דערציילונג „אין אַן אויסגעטראַכטן וואַלד". אין יענער און אין דער איצטיקער דרייט זיך י. פינער אַרום ווי אַ געניטער גרעפּטער אין זיין ליטעראַרישן גאָרטן, ווו ער גרעפּט אַריין מוזיק אין ליטעראַטור און שאַפט אַ וווּנדערלעכן קראַנץ! דער סיוזשעט פון ליבע און עראָטיק איז דאָ בלויז אַן אויסרייד, פּונקט ווי אין דער דערציילונג „אין אַן אויסגעטראַכטן וואַלד" דאָס בענקען פון אַ וווּנדערקינד, אַ פּיאַניסטין, נאָך איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער. דאָס זענען מוזיקאַלישע פּאָעמעס, וואָס דער שרייבער האָט מער אויסגעשפּילט ווי דערציילט. „די פיר צייטן" וואָלט געקאָנט דערפירט ווערן צו דער כמותדיקער דימענסיע פון אַ ראָמאַן. דער דאָזיקער מיניאַטור־ראָמאַן איז געשריבן מיט אַ סך פיינקייט.

מיר דוכט זיך, אַז פינער קאָן ווערן דער מאַן פון ראָמאַן. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס „די פיר צייטן" זענען איינגעשטעלט אויפן זעלבן ריטעם ווי די קאָמפּאָזיציע פון וויוואַלדי, און אַזוי אַרום ווירקט זי ווי אַ ליטע־ראַרישער שנעלצוג...

דאָס אויג באַווייזט קוים אויפצוכאַפּן די פּרעכטיקע נאַטורבילדער דורכן פענצטער — און דער צוג שטעלט זיך אָפּ; מיר זענען אָנגעקומען.

ראָזשע איקאָר

„געמישטע וואַסערן"

אַ בוך, וואָס איז פרעמירט — און דעפּרימירט באַווירקט מיך צו רעאַגירן. דאָס בוך אַנטהאַלט צוויי טײלן: „פרילינג־גרעפּטונג" און „גע־מישטע וואַסערן".

דער מחבר, וואָס הייבט אָן זיין בוך מיט די ווערטער: „דער טייך איז געפלאָסן צום ים" איז אַליין אַ קליינער פלוס, וואָס האָט זיך שוין אויך אַריינגעגאָסן אינעם פראַנצייזישן ים פון אַסימילאַציע — און איז אויסן מיטצורייסן אַנדערע מיט זיך.

אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די וועזנטלעכע סיבה, וואָס האָט באַוויגן דעם אַסימילירטן שרייבער צו ראָמאַנטיזירן אַ יידישע אימיגראַנטן־משפחה איז זיין אומרואיק, שרייבעריש געוויסן, וואָס וויל אָפּצאָלן די לעצטע צינזן, איידער ער פאַרשווינדט אין גאַנצן פון יידישן שטאַם. אָבער אין דער אמתן שלאָגט מען זיך אָן אויף אַ טענדענץ־קאָנטראַסט, וואָס דריקט זיך אויס אין אַן איבערגעטריבענעם דרך־ארץ און פאַטאָס פאַר פראַנקרייך, אַנטקעגן אַ נישט גוט אַסימילירטער גראָ־טעסקע פון יידנטום.

די דערוויטערונג פון יידישן שטייגערלעבן, וואָס ער שילדערט, איז גורם פאַרשיידענע טעותים. אינעם סימפּאַטישן און תמימותדיקן העלד יאַנקל איז פאַרקערפּערט דער גאַנצער, בלוטיק־אויסגעוויטיקטער יידי־שער פּראָבלעם. ביי ראָזשע איקאָר איז יאַנקל דורכאויס סימפּאַטיש, נאָר די רעשט יידישע וועלט, וואָס באַוועגט זיך אַרום אים איז אַזוי נישט ריכטיק מאָדעלירט, אַז אין רעזולטאַט באַקומען מיר אַ קרומען שפּיגל.

כדי צו אילוסטרירן די דאָזיקע קרומע ליניע, וואָס ראָזשע איקאָר האָט געצייכנט פון אַ געוויסן שיכט איינגעוואַנדערטע יידן, וועלן מיר, רעזור־מירנדיק, אַרויסכאַפּן איניקע, שאַקירנדיקע מאָמענטן.

יאַנקל מיקאַנאָוויצקי, פון פאַך אַ היטלמאַכער, אַנטלויפט פון אַ קליין שטעטל ראַקוואָמיר אין צאַרישן רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין פראַנקרייך. ער נעמט אַריבער זיין פאַמיליע און פון אַ יידישן צווייג צעוואַקסט זיך אַ בוים פון עטלעכע גענעראַציעס. ביסלעכווייז, אַ צווייגל נאָך אַ צווייגל, פאַרשווינדט דער ייִדישער שטאַם דורך געמישטע חתונות.

אייגנטלעך זענען די „געמישטע וואַסערן" אַ ליטעראַרישער אַנווינק אויף געמישטע בלוטן. ראָזשע איקאָר וויל באַווייזן מיט דעם ענלעכקייט־ביישפּיל פון צוויי טראָפּנס וואַסער, ווי צוויי מענטשן פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם קאָנען זיך פאַראייניקן אָן שום מניעות — אפילו אָן רעליגיעזע פאָראורטיילן פון ביידע צדדים. אַזאַ צוגאַנג איז נישט בלויז אָן אויבער־פלעכלעכער צו געמישטע בלוטן, נאָר אין אַ פולשטענדיקער סתירה צום האָס מצד איקאָרס העלד יאַנקל צו זיין שטאַמברודער דעם פּוילישן ייד.

חוזק, אַלעגאָריש גענומען, איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס האָט צוויי קעגנגעזעצטע פּראָפּילן: איינעם אַ גוטמוטיקן און דעם צווייטן אָן אָפּשטויסנדיקן. דאָס פאַרשטעלן דעם פּוילישן ייד מיט אַזאַ עקל, איז טאַקע דער צווייטער פּראָפיל, וואָס מיר וואַרפן אָפּ מיט פאַרדראָס!

דער גאַנצער חן פונעם סיוזשעט נעמט זיך פונעם קרעפטיק גע־שילדערטן יאַנקל, וואָס פינקלט אַרויס פונעם בוך, ווי דער אידעאַלער טיפּ פונעם ראָמאַן. אַן אָרנטלעכער אַרבעטער, וועלכער איז פרימיטיוו און נאָבל, פּראָזאַאיש און סענטימענטאַל, ווערט לייכט נתפעל פון יעדער אַנטפּלעקונג, איז אַנטציקט פון פראַנקרייך, זיין קולטור און מענטשנרעכט, וואָס דער אויסלענדער באַקומט דאָ. דעריבער לערנט ער גלייך די שפּראַך, קולטיווירט די מאַניערן און ווערט אַ בכבודיקער אויסלענדער. יאַנקל איז, אַזוי צו זאָגן, דער פּאַסיווער איינגעוואַנדערטער טיפּ. ער פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין פּאָליטיק, זוכט נישט איבערצומאַכן די וועלט. ער לעבט

אין קרייז פון זיין משפחה, איז צופרידן, וואָס ער קאָן זיך איבערגעבן זיינע מעדיטאַציעס און ביי יעדער געלעגנהייט ציטירט ער טאָלסטאָיען.

אויפן גאַנצן שטח פון בוך איז יאַנקל באַגלייט פון מורא־געשפּענסט פאַרן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז דער אייגנטלעכער פּסיכאָז פונעם יאַנקל אין מערצאַל. דעריבער האָט דער שרייבער באַדאַרפט זיין פאָרזיכטיק און ברענגען אין אַ שיינעם ליכט — אפילו דאָס פּעבל.

פאַראַן שטעלעס אין בוך, וואָס רופן אַרויס אַ גרימאַסע פון ווייטיק. צי קאָנען מיר מסכים זיין מיט דער שטעלע, ווי אַזוי איקאָר שילדערט די חתונה פון יאַנקלס טאָכטער רבקה, וווּ עס קומט אין אַ רעסטאָראַן אַ ווילדע כאַפּטע נישט געבעטענע געסט, באַלאַגערן די טישן — און אפילו דאָס ערנפּלאַץ פון חתן־כלה? צי האָט דער דאָזיקער, נישט גע־שמאַקער ספּעקטאַקל, צוגעפּעלט צום קאַליבער פון בוך. עס איז אַן אמתער לאַכשטאָף פאַר ציניקער, אַ געווער פאַר אַנטיסעמיטן און אַ דע־גראַדאַציע פאַר דער יידיש־פראַנצייזישער יוגנט.

דער פראַנצייזישער לייענער וויסט נישט אויף ווי ווייט די גוזמא דערגייט ביים שילדערן אַ יידישע חתונה. ביי אַלע פעלקער איז פאַראַן אַ רעבעלער עלעמענט, ווען עס איז שווער אויפצוצווינגען די עלע־מענטאַרסטע העפלעכקייטס־געזעצן. אָבער ברענגען פאַר דער עפנט־לעכקייט אַזאַ רעטזעלהאַפט באַשעפעניש, וואָלט גאָר געפּאַסט פאַר די אַנטיסעמיטישע ברידער טאַראָ! דאָס יידישע פּראָבלעם דאַרף פאַרן נישט־יידישן לייענער זיין אַ רירנדיק־אָנגענעמע אַנטפּלעקונג.

מיר קאָנען זיך נישט דערלויבן בלויז שיינע קאָנסטרוקציע און פּאַטעטישן סטיל. דעריבער איז די יידישע קריטיק געווען אַ ביז גאָר שטרענגע. די פאָרוואָרפן האָבן געגנצלעך פאַרשטעלט די קינסטלערישע ווערטן פונעם בוך, וואָס זענען באמת קלאַסיש.

דער מחבר איז אַזוי פאַרגויאישט אָדער „פאַרמענטשלעכט”, אַז ער כאַפּט אַראָפּ דריי מכות פון דער פּסחדיקער הגדה און שטעלט, אומבאַ־ווּסטזיניק, אַנשטאָט צען — זיבן, אַ ציפער, וואָס איז שווין פון לאַנג פאַררעכנט ביים פאָלק ווי אַ ליגן!

עס איז טשעקאָווע, ווי אַזוי ראַזשע איקאָר ווייזט אונדז דאָס אינ־טימע צונויפקומען זיך פון מאַן און ווייב, דעם צערעמאָניאַל פון פריי־טיק אויף דער נאַכט: די עקסטאַזע פון וואַשן זיך, פון זאָגן תפילות... שיער נישט אַ שטיק שיר השירים פון דער ליבע־פונקציע.

אַזעלכע נישט־געשטויגענע סצענעס זענען אַן אָנגריף אויף אונדזער צוטרוי צו נאָך אַנדערע איקאָרישע באַשרייבונגען. מען דאַרף בלויז זיין אַ סובטעלער לייענער, כדי נישט אָנצונעמען די דאָזיקע פאַלשע שטעלע. דאָס צען־יאָריקע אייניקל זשאַן־קלאָד, אַ קינד פון געמישטע עלטערן פון דריטן דור מיקאַנאָוויצקי איז פּלוצעם אַהיימגעקומען פון שולע אַן אויפגעטרייסלטער, ווייל צוליב עפּעס אַ קריגערייַ מיט אַ חבר איז ער געוווּיער געוואָרן, אַז ער איז אַ ייד.

די מוטער דערקלערט אים, אַז זיין פאָטער איז אַ ייד און זיין זיידע אַן אויסלענדער. דאָס קינד הייבט אָן צו באַגרייפן: „דערפאַר רעדט די באָבע אַזוי שלעכט פראַנצייזיש!"...

און פּלוצעם, נאָך אַזאַ רעוועלאַציע, הייבט אָן דאָס צען־יאָריקע יינגל, אָן שום וועזנטלעכער סיבה, צו זיין שטאָלץ מיט זיין אָפּשטאַם. עס קלינגט דאָך ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַז אַ קינד, וואָס נעמט לעקציעס פון קאַטעכיזם און האָט אַן אַנונג פון יידישקייט נאָר אויף אַזוי פיל, אַז דאָס בלויזע וואָרט „זשוויף" איז ביי אים אַ זידלוואָרט, וואָס פאַרוווּנדעט אים, זאָל ליב באַקומען זיין אָפּשטאַם, בלויז צוליב דעם קלינגענדיקן נאָמען מיקאַנאָוויצקי, וואָס ביי אַ פראַנצויז קאָן ער אַרויסקומען נאָך ערגער, ווי ביי אַ יידישן שטאַמלער.

דער שרייבער האָט נישט איבערגעלעבט זיין העלד. די סטרוקטור פון דער קינדער־פּסיכיק פאָדערט פּאָזיטיווע איבערצייגונג דורך אַן אויפנעם פון קאָמבינירטע חושים: פון זען, הערן און עמאָציאָנעלן אָפּפילן. אַ קינד האָט ליב אַ צוקערל, ווען עס האָט שוין געהאַט דעם טעם אויפן גומען... און מיטן „שטאָלץ" צו זיין אַ ייד, מוז אַ קינד האָבן די נייטיקע צוגרייטונג, דאָס צוקערל פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט.

די אמתע סיבה, וואָס האָט געמאַכט אַזוי פּאָפּולער דעם מחבר פון

די „געמישטע וואַסערן" און אַרומגעכאַפּט אַזאַ ברייטן שיכט לייענער, איז נישט אַזוי דער רייצנדיקער באַנדעראָל פון גאָנקור־פּרייז, ווי דער יידישער סיוזשעט. ראָזשע איקאָר באַווייזט אין דעם בוך זיין טאַלאַנט. ער רעדט צום פאָלקס־אינסטינקט, רופט אַרויס געלעכטער און טרערן און ערטערווייז איז ער ביז גאָר רירנדיק מאָלעריש. עס וואָלט גאָרנישט אויסגעמאַכט, ווען ער פילטרירט אַ ביסל דורך דעם רויען וואָקאַבולער, מיט וועלכן די יוגנט וועט זיך ספּעציעל דעלעקטירן — און אַרויסכאַפּן פון אים אַ „זאָג" און מאַכן אים פאַר אַ דעוויז „אַ לאַ איקאָר".

וואָלטן נאָר נישט געווען די מוטנע ריטשקעלעך, וואָס פאַלן שווער אויף אונדזער געמיט, וואָלט איך געזאָגט, אַז עס האָט זיך געלוינט די מי, זיך אַראָפּצולאָזן אינעם ים פון אַ בוך פון אַריבער זעקס הונדערט זייטן און אויפטויכן אפילו מיט איין און איינציקער פּערל — די „פּערל" פון אַ סימפּאַטישן יאַנקל.

מלך ראַוויטש

(צו זיין 75־יעריקן יובל)

מלך ראַוויטש איז אַ שפּרודלדיקער קוואַל, וואָס האָט באַפּרוכטיקט כמעט אַלע זשאַנערן פון דער יידישער ליטעראַטור, און שטענדיק מיטן גאַנצן ערנסט, וואָס די שרייבער־פּראָפעסיע פאָדערט. ער פאַרמאָגט אַ צענדליגג לידערביכער, רייזע־באַשרייבונגען, סאָציאַלע דראַמעס, דריי בענד פּען־פּראָפילן אונטערן טיטל „מיין לעקסיקאָן" און דאָס קרוינווערק „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן". דרך אגב, איז דאָס בוך אים אַזוי טייער, ער אידענטיפיצירט זיך מיט אים אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געהאַט אויסגעדריקט אַ ווונטש, מען זאָל אים, ווען די צייט וועט קומען, אים קרעמירן צוזאַמען מיטן בוך.

פאַראַן ביכער, צו וועלכע איך קער זיך אום. צו זיי געהערט ראַ־וויטשס גרויס ווערק: „מיין לעקסיקאָן". איך גיב אַ מיש און לייען. איך זע ראַוויטשס בוך ווי אַ באַן מיט פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרט איבער לענדער און גרענעצן. ראַוויטש פאָרט מיט. ער מאָלט די קאָלעגן און קינסטלערס אין אַ לאַקאָנישער דריי־אייניקייט, געבנדיק זייער פיזישן, גייסטיקן און מאָראַלישן פּאָרטרעט. מיט אַזאַ אַמאַטאָר אויף רייזעס לאַנגווייליקט מען זיך נישט.

מלך ראַוויטש וויל נישט פּרעטענדירן אויף צו קענען אַזוי פיל שרייבערס און קינסטלערס און גיט אונדז די מעגלעכקייט מיר זאָלן זיך אויך באַקענען מיט זיי. פאָרן מיר לייענענדיק... אַ מאָל געזעגענען מיר זיך נאָך אַ קורצער רייזע, און אַ מאָל פירט אונדז מלך ראַוויטש אין דער געבוירן־שטאָט פון מאָדעל, וויזט אונדז אַ ווינקל פון זיין פּרי־וואַט לעבן, עפנט אַן עסצימער ביי דעם, אַן אַרבעטס־צימער ביי יענעם

— און אונדז דאַכט זיך, אַז מיר לעבן בשכנות פון די געצייכנטע פיגורן. וואָס פאַר אַ בלאַט מען זאָל נישט אויפמישן — געפינט מען זיך משפחה־דיק פאַרבונדן מיט היימישע נעמען, באַקאַנטע דורך זייערע ווערק אָדער פּערזענלעך. וואָס פאַר אַן אַנגענעמע איבערראַשונג איז דאָס צונויפ־טרעפן זיך מיט קאָלעגן פון אַנדערע קאָנטינענטן, וועמענס ווערק מען קען אַ מאָל אין גאַנצן, אַ מאָל צום טייל און אַ מאָל — עס זאָל זיך נישט טרעפן — אין גאַנצן נישט. עס איז צו באַוווּנדערן דער באַזיץ פון אַזאַ רעזערוואַר מיט אָנגעזאַמלטע שטריכן, עפּיזאָדן און די פעאיקייט זיי איבערצוגעבן אויף אַזאַ קלוגן אופן און מיט אַ נייטיקער דאָזע פון דינעם הומאָר ; אַן אמתע גאָלדגרוב.

מלך ראַוויטש פאַרמאָגט אַ קאָלאָסאַלן, געאָרדענטן און געפלעגטן בריוו־אַרכיוו פון שרייבערס, אַ דאַנק וועלכן זיין זכרון ווערט געשטאַרקט ביים שילדערן די פענפּראָפילן.

עס האָט זיך געטראָפן, אַז אַ ניי בוך פון אַ שרייבער האָט נישט באַוויזן אַריינצוגיין אינעם רייכן רעגיסטער פון די פענפּראָפילן און דער שרייבער האָט זיך געפילט באַעוולט, וואָס מען האָט זיין שאַפן פאַרמיי־נערט. אַנדערע זענען פאַרטראַטן בלויז מיט עטלעכע שורות. איך קען נישט די צאָל פון די נישט־צופרידענע פון זייער פּראָפיל־אידענטיטעט. איך ווייס אָבער, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך באַעוולטע שרייבערס, וואָס האָבן שוין געמאַכט פאַרווורפן צו די רעדאַקטאָרן פון נייעם לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האַלט שוין ביי די לעצטע אותיות פון אלף־בית און ווו עס אַרבעט מיט אַ גאַנצער קאָלעקטיוו פון ליטע־ראַטן און משגיחים. דעריבער דאַרף מען באַגריסן אין דער פּערזאָן פון מלך ראַוויטש אַ גאַנצע אינסטיטוציע, וואָס באַזיצט אויך אַ האַרץ.

כדי אָפּצוגעבן כבוד זייערע קלאַסיקערס, פירט זיך ביי די אומות העולם, אַז אַן אַקאַדעמישע קערפּערשאַפט קלייבט אָפּ די פּערל פון זייערע שאַפונגען און גיט דאָס אַרויס נאָכן טויט זייערן. מלך ראַוויטש האָט די מי פאַרשפּאָרט אונדזערע ליטעראַטור־אַפּוטראָפּסים און מיט דער איי־גענער האַנט און געפיל אונדז מכבד געווען, שוין צום צווייטן מאָל, מיטן

שענסטן און בעסטן פון זיין פּאָעטישן אָפּקלייב. איז טאַקע נישט קרום, וואָס דאָס בוך „די לידער פון מיינע לידער" איז באַערט געוואָרן מיטן לואי לאַמעד־פּרייז. דאָס בוך איז אַ זעלטענע פּראָבע פון מלך ראַוויטשס מהות. נישט אָפּט זעען מיר, אַז אַ שרייבער זאָל זיך אַזוי אַרומדרייען אין זיין בוך מיטן נאַקעטן האַרץ אויף דער האַנט, ווי מען זעט עס ביי מלך ראַוויטשן.

ווען כ'האָב דאָס ערשטע מאָל געזען לייוויקן האָב איך אַ ציטער געטאָן, ווייל כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק צו זען דעם לעבעדיקן גאָט פון דער יידישער פּאָעזיע. אויף דער דאָזיקער אַסאָציאַציע האָב איך געמוזט קומען, כדי צו זאָגן, אַז עפּעס ענלעכס אָטעמט פון דער אויסער־לעכער דערשיינונג פונעם דיכטער מלך ראַוויטש יבדל לחיים. און למען ערלעכקייט מוז איך אים פאַרצייכענען מיטן נאָמען דזשענטלמאַן. נישט נאָר קומט אים אַזאַ טיטל אין דער ליטעראַטור, נאָר זיין גאַנצע פּערזענ־לעכקייט האַלט אויס דעם דאָזיקן פאַרגלייך.

מלך ראַוויטש איז אַ שטאַם, וואָס נערט זיך פון אַ מעכטיקן ליכט־וואָרצל, וואָס רופט זיך ל י ב ע: צו מענטשן און צו גאָט. דער דאָזיקער וויטאַלער שטאַם קלאַפּט אין זיין געדרוקטן וואָרט און, פאַר עקסעלאַנס, אין זיין בוך „דאָס ליד פון מיינע לידער". שוין אין זיינע ערשטע לידער דאָמינירט דער גאָטמאָטיוו און די גרענעצלאָזע שטרעבונג צו זיין דער־קענטעניש. אָבער נישט צו דעם אַנטראָפּאָמאָרפישן גאָט בוקט ער זיך, נישט צו דעם גאָט, וואָס מען באַקליידט אים מיט מענטשלעכע אייגנ־שאַפטן. זיין גאָט איז דער גאָט פון שפּינאָזאַ, וועמען ראַוויטש ווידמעט אַ ציקל פון רירנדיקע און רעוואָלטירנדיקע לידער. מלך ראַוויטש בייגט זיין קאָפּ פאַר דער נאַטור און איר חכמה, פאַרן פּאַנטעאיזם, און דער עיקר פאַרן מענטשן־גאָט, פאַר דער קליינער וועלט (מיקראָקאָסמאָס). ער שרייבט: „יעדער מענטש איז אַ וועלט — יעדע וועלט איז אַ גאָט — און הייליק איז דער מענטש, יעדער מענטש איז א ח ד". דאָס איז זיין אני מאמין דער מחבר שלאָגט אָן דעם טאָן אין ליד נישט דורך גראַניטענע מעטאַפערס. פאַרן נעוווראָטישן אויסלאָד פון ליד געפינט דער

מחבר זיין גלייכסטן און קורצסטן וועג: פון האַרץ אַרויס אין האַרץ אַריין. דער דיכטער מעדיטירט מיט פראַגעס און פּאַרוואָסן: „פּאַרוואָס זאָל הרגענען אַ מענטש, אַ מענטש?" דער דאָזיקער פרעגצייכן פון אונדזער ציוויליזאַציע האָט זיך נאָך נישט דערשלאָגן צו קיין ענטפער.

פונקט ווי מען קאָן נישט אָפּטיילן מלך פון ראַוויטשן, אַזוי מוז מען פאַרפּאָרן זיין הומאַניזם מיט וועגעטאַריאַניזם, ווייל דאָס איז די אמתע אידענטיטעט פון זיין מאָראַלישן פּאָרטרעט. זיין חלק שור הבור פון גן־עדן טרעט ער אָפּ דעם ערשטן, בעסטן צדיק... קיין שום איינגעשטעלט געזעץ, קיין שום רעליגיעזער אויסרייד קאָן נישט באַרעכטיקן דאָס הרגענען. אוודאי געהערט ער צו די אוניקומס, אַ יוצא מן הכלל. דער ווילן אָנצונעמען דעם באַשלוס צו ווערן אַ וועגעטאַריער האָט נישט גע־דויערט מער ווי עטלעכע סעקונדן פון ישוב הדעת און ער ברעכט נישט דעם דאָזיקן באַשלוס, וואָס ער האָט אָנגענומען אין עלטער פון אַכצן יאָר. די מלחמות, פון וועלכע די מענטשהייט ליידט אַזוי פיל הייבט זיך דאָך פאַקטיש אָן אין שעכטהויז. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דאָס געזעץ איז אויף דער זייט פון שטאַרקערן.

לייענען מיר ביי אים אַ טייל לידער, וואָס ער ווידמעט דעם שעכט־הויז און דער בהמה.

מלך ראַוויטש זינגט צו דער מאַמע־ערד און פּערסאָניפיצירט זי כסדר. צו דעם דאָזיקן מאַמע־סימבאָל ווענדט ער זיך אָפט מיט טענות און תרעומות הלמאי זי נעמט ביי אונדז אַזוי פיל אַוועק, פאַרשליסט אין איר היישעריקשן שלונג און האַלט דעם סוד אונטער סוד...

נישט נאָר פאַרן שיינעם אין לעבן גיט ער אָפּ האַרץ און גייסט: ער קושט די חורבה פון דער עלטער, כאָטש אין אַ צווייט ליד, אַן עלעגיע צו זיינע פופציק יאָר, געפינען מיר אַ סתירה, בעת ער זאָגט:

„קיין זאַך אויף דער וועלט איז נישט אומעטיק אַזוי
ווי אַן אַלטער מאַן און אַן אַלטע פרוי".

אַ סתירה, אָבער מענטשלעך עכט!

יעדער פּוילישער ייִד וועט אַ הנאה האָבן פון זיין ליד „אַ יידישער דיקטער פון פוילן", וואָס איז געבונדן העלפט אויף העלפט מיט פּוילישע סטראָפן. יעדן פּוילישן ייִד וועט מיטקלאַפּן ס'האַרץ לייענענדיק די מיניאַטור, פּאַראַפראַזירט פונעם אָנהייב פון מיצקעוויטשס באַרימטער פּאָעמע „פּאַן טאַדעאוש".

אינעם זעלביקן אָפּטייל פון „קאָנטינענטן און אָקעאַנען" געפינט זיך צווישן אַנדערע סאָציאַלע מאָטיוון אַ באַלאַדע „גיטעלע". דאָס דאָזיקע נאַטוראַליסטישע בילד וואַרפט אַ ליכט אויף דער יידיש־פּוילישער אָרעמקייט פון פאַר דער היטלער־מלחמה, פון וואַנען דער צענטער פון נויט ברייטערט אויס זיין ממשלה און קללה. ווען עס איז נאָענט וואַרשע האָט געקענט דעם דאָזיקן שטאָטטייל, וווּהין דער דיכטער פירט אונדז ווידער אַריין. די באַלאַדע לאָזט אויף אונדז אַ שטאַרקן איינדרוק און רופט אַרויס טיפע עמאָציעס.

דער מחבר האָט אויך געגעבן אַ תיקון דער, פאַר אונדז יידן, גרויליקסטער עפּאָכע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ווען די היטלעריסטישע חיה האָט געווילדעוועט איבער איראָפּע איז מלך ראַוויטש געווען פון יענער זייט אַטלאַנטיק. דעם היטלער־כאַאָס האָט ער אָבער געדאַנקלעך איבערגעלעבט אין זיין שטעטל רעדים, וועלכן ער האָט אויפגעשטעלט אין זיינע ווערק אַזאַ צאַרטן מאָנומענט. ווייל פון דער גרענעץ פון אומזין האָט ער געהאַט די וויזיע פון זיין מאַמעס אומקום, וועלכע רופט אויס, מיט לעצטן רעוואָלט פון שגעון, „ס'איז נישטאָ קיין גאָט!" פריער שטעלט ער אונדז פאַר זיין מאַמען אין אַ ליד, ווו ער זאָגט: „מיין מאַמע איז אַ שווייגנדיקע, גרויסע דיכטערין, און ווייסט אפילו נישט, אַז זי פאַרמאָגט אַזאַ הימלישן טאַלאַנט".

די שווייגנדיקע מאַמע הינדע האָט אונטער דער דירעקטער השפעה פון אירע זין־שרייבערס אויך אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס רופט זיך „אין די לאַנגע ווינטערנעכט". דער דיכטער באַווייננט זיין מאַמען אין ליד „היינט האָבן די נאַצי־חיילות". דאָס איז אַ קינה צום טויט פון אַלע מאַמעס, וואָס האָבן נישט דערלעבט צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט;

מען וואָלט עס באַדאַרפט אַריינגעמען אין אַ בוך פון מאָדערנע תפילות איבערן היטלער־חורבן. און ווען עס וועט אַ מאָל רעאַליזירט ווערן ראַ־וויטשס אינטערעסאַנטער פּראָיעקט־עסיי „וועגן איינשליסן אין ספר הספּ־רים די יידישע מחשבה און מעשה פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר" — וועט דאָס דאָזיקע ליד און אויך אַנדערע זיינע לידער פאַרנעמען דאָרט אַ בכבודיק אָרט.

עס קאָן זיין, אַז דער פּריז, וואָס מלך ראַוויטש האָט באַקומען פאַר זיין ווערק „די לידער פון מיינע לידער" איז אַ פאָראויסיקע פאַרגיטי־קונג אויפן סמך פון זיין צוואה־ליד, ווו ער בעט מיט לייכטער איראָניע נישט צו האַלטן קיין הספּדים ביי זיין קבר, נאָר דעם אַרומיק פאַרזאַמלטן עולם טיילן די ירושה זיינע: „די לידער פון מיינע לידער".

כאַראַקטעריסטיש זענען די פערזן פון דעם דענקנדיקן דיכטער מלך ראַוויטש:

„נישטאָ קיין שטאַרבן אויף דער וועלט,
נישטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער,
נישטאָ קיין אויפגעגנג און קיין אונטערגעגנג,
אַלץ איז נאָר: קרייזן — רינגען — רעדער".

דאָס דאָזיקע ליד „נישטאָ קיין שטאַרבן" דערמאָנט, אגב, אין דער בורלעסקע פון זיינס אַן אַנדער ליד, ווו מלך ראַוויטש וויל אויך פון יענער זייט פון לעבן אָנהאַלטן זיין לאַנגיאָריקע פּאָזיציע אַלס סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13.

אין דער דאָזיקער אויספּאָעטיזירטער אייביקייט פון „קרייזן — רינ־גען — רעדער" ליגט נישט בלויז אַ ווילן פון גייסטיקער גאַנצקייט, פון בלייבן אַ רינגעלע אין דער אוניווערס־אַרביט, נאָר מיר זעען אין דעם ליד אַ רמז אויפן פאַרבאָרגענעם כוח, וואָס ליגט אינעם שטרעבן פון דיכטער צו שלמות.

**
*

די מאמרים אין מיניאַטור פון דעם בעל־יובל איז אַ באַזונדער קאַ־פּיטל. ווען זיי וועלן אַ מאָל דערשיינען אין בוכפאָרעם, וועט עס זיין אַ פרישער שפּיגל פון אַ ווינקל פון זיין גייסט. זיינע עסייען זענען אַ מין שליחות אויף צו הומאַניזירן דעם מענטש און זיין גייסט. דאָס איז דער לייטמאָטיוו פון אַלע זיינע פילאָסאָפישע עסייען, וואָס האָבן זיין נאָמען ספּעציעל פּאָפּולאַריזירט אַ דאַנק די וועלטפּראָבלעמען, וואָס ער באַרירט אויף אַ פאַמיליאַרן אופן.

מיט דעם צוויי־בענדיקן „מעשה־בוך פון מיין לעבן״ האָט ער אונדז איבערצייגט, אַז אַלע פאָרמען פון ליטעראַרישער שאַפונג זענען אים נאָענט. דאָס בוך איז נישט סתם אַ משפחה־כראָניק, הגם ערווידמעט איר אַ סך בלעטער. מלך ראַוויטש עפנט אַ ברייט פענצטער צום לייענער, פאַרבינדט דאָס אויטאָביאָגראַפישע מיט וועלט־געשעענישן. ער פאַר־געסט נישט דערביי, אַז דער ציל איז דאָס מעשהדיקע, ווי עס רעדט זיך אין טיטל פון בוך. ווען איר לייענט די שילדערונג פון דער גענעאַ־לאָגיע פוןביידע צדדים, דאַכט זיך, אַז מען דערגייט ביז סאַמע בראשית... אָבער די אַלע משפחה־פיגורן דרייען זיך אַרום דער צענטראַלער גע־שטאַלט, זיגמונג בערגנער אָדער דער שפּעטערדיקער מלך ראַוויטש, ווי די קלענערע פיגורן אויף אַ שאַכברעטל פון לעבן. מיר זעען דאָס בחורל אין שולעלטער, שפּעטער דעם רעכן־מייסטער אויף זיין באַנק־פּאָסטן און באַלד נאָך דעם — דעם דיכטער. פרייד, ענערגיע, ראָמאַנ־טישער טרויער — דאָס אַלץ שפּאַרט זיך אין אונדזער דיכטער צו איין ציל, צו דער יידישער ליטעראַטור. דער רעדימנער בחור איז גלייך אַריין אין דער ליטעראַטור מיט שטאָלצע, גרויס־וועלטישע טריט, וואָס איז ביי זיין ערשטן בוך לידער „אויפן שוועל״ אונטערגעהאַלטן געוואָרן מיט אַן אָפּרוף פון יצחק לייבוש פּרץ.

דאָס אויטאָביאָגראַפישע בוך איז אַזאַ אָנגענעמע און אינטערעסאַנטע לעקטור, אַז ווען כ׳האָב דאָס בוך גענומען לייענען, האָב איך עס נישט געקאָנט אַוועקלייגן ביז איך האָב מיך „איבערגעלייענט״, אויף צו פּאַראַ־פראַזירן דאָס וואָרט „איבערגעגעסן״.

„דער פּעטער שאַיע טודריס", „דער גרינער מאַנטל", „יאָהאַן וואָלפּ־גאַנג פאָן געטהע — און איך", „פּאַרנאַכטיקע לעקציעס מיט לודוויק זאַץ", „ווינער הונגער־יאָרן", די דערשיטערנדיקע דערציילונג פון ברו־דער מוניע „די וווּנד", די ראָלע, וואָס עס שפּילט דער געאַכטעטער דיכ־טער שמואל יעקב אימבער, ביי וועמען דער יונגיטשקער ראַוויטש איז אין „גלות" — דאָס זענען אַלץ אומפאַרגעסלעכע שילדערונגען, וואָס לויטן פאַרנעם און אינהאַלט קאָנען פאַרגליכן ווערן צו אַ ראָמאַן. די גרעסערע און קלענערע עפּיזאָדן קאָנצענטרירן זיך אַרום גרויסע געשעע־נישן. די עקסטרעמע סיטואַציעס פון דער רעאַליטעט, וואָס זייער צענ־טער איז דער מחבר אַליין, זענען נישט אָפּגעטיילט פון דער עפּאָכע און סביבה. כמעט יעדער עפּיזאָד איז אַ טייל פון דער געשיכטע, אָבער דער שרייבער דאָזירט עס ווי געהעריק. ווי נאָר ער פילט, אַז זיין באַ־שרייבן ווערט פאַרכאַפּט פון אַ וועלט־געשעעניש און דערווייטערט אים פון סיוזשעט, דיסציפּלינירט ער באַלד זיין פּעדער צו דעם פּילאָ־מיטאָס (דער חכמה פון דערציילן), באַווירצט עס מיט נאָבעלן הומאָר און עס באַקומט אַלע טעמים פון שיינער ליטעראַטור.

אַלע נסיונות און קאָמפּליצירטע ליניעס פון דער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס מען איז געוווינט צו סימבאָליזירן דורך „מזל" אָדער „שלימזל" — ווערן ביי אים אַ פּועל־יוצא פון דער וויטאַליטעט, פון דעם ערנסטן מענטשן און ערלעכן וועגעטאַריאַנער! דאָס העלפט אים דורכברעכן אַלע צוימען צום לעבן.

צו די נישט געוויינלעכע און סאַמע אויפטרייסלענדיקסטע קאַפּיטלען געהערט די אָריגינעלע דערציילונג „דער פּראָצעס מיט מיין טאַטן".

אין אַלע האַנדלונגען פון מחבר דריקט זיך אויס זיין ספּעציפישע סינטעזע פון ייד און מענטש, לויטן מוסטער פון זיין פאַרגעטערטן שפּי־נאָזאַ, וועמענס תלמיד ער איז פאַרבליבן.

כדי בולטער צו מאַכן די שטריכן פון זיין כאַראַקטער איז נייטיק אַרויסצוהייבן די דערציילונג מיטן ברית, דאָס נישט וועלן מל זיין יאָסלען און דאָס פירן מלחמה מיטן אַלטן גאָט און שטרענגן טאַטן. אין דער

דאָזיקער האַנדלונג שפּיגלט זיך צום בעסטן אָפּ דער הומאַניזם. צוליבן טאַטנס ווילן נישט צו באַשניידן זיין קינד, אים לאָזן אַן ערל, איז זיך דער רבונו של עולם נוקם, און דאָס האַלביאָריקע קינד הייבט אָן ליידן. ערשט דעמאָלט לאָזט ער באַשניידן זיין יאָסעלע... און דאָס יידישע פאָלק ווערט רייכער מיט נאָך אַ יידעלע.

אין דעם בוך געפינען מיר דעם שליסל צו זיינע לידער־זאַמלונגען: „רואינענגראָז", „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן", „נאַקעטע לידער" — און זיכער אויך צו זיינע דראַמעס.

כדי צו פאַרפולקאָמען דעם פּאָרטרעט פון מלך ראַוויטש מוז מען צוגעבן, אַז ער האָט נישט קיין שום פּאַרטייאישן פּאַספּאָרט. ער איז אי־בערפּאַרטייאיש, אַלמענטשלעך. ער, דער דזשענטלמאַן אין דער יידישער ליטעראַטור.

שמואל איזבאַן

„יריחו" (היסטאָרישער ראָמאַן)

שמואל איזבאַן איז פון דער קריטיק אָנגעצייכנט געוואָרן ווי אַ הויך טאַלאַנטירטער דערציילער. די קריטיק, וואָס איז געווען פול מיט לויב פאַר זיין פריערדיקן היסטאָרישן ראָמאַן „די קעניגין איזבל", איז אוודאי געווען דער גינסטיקער סטימול פאַר דעם איצטיקן ראָמאַן „יריחו", אינספּירירט פון די זעלביקע קוואַלן.

דאָס איבערשאַפן די עפּאָכע פון תנ"ך איז אַ וויכטיקער שלאָגאָדער אין אונדזער ליטעראַטור, ווו דער דערציילער שמואל איזבאַן נעמט אַ בכבודיקן אָנטייל אין מאַכן פליסן דאָס געשיכטלעכע בלוט, כדי די תנ"ך־כראָניקעס זאָלן נישט גליווערן אין דער אַרכאַאישער סטאַטישקייט. אויך די וועלט־ליטעראַטור האָט אויפגעקליבן אַ גרויסן טייל פונעם לקט פון תנ"ך־פעלד און אויסגעקנאָטן וווּנדערלעכע מאכלים: די סצעניש טראַגעדיע „אסתר" פון ראַסין און די פּאָעמע פון וויקטאָר הוגאָ „דער שלאָף פון בועז", קענען דינען פאַר אַ ביישפּיל.

דאָס בוך „יריחו" איז באַצירט מיט צייכענונגען פון דעם פּאַריזער קינסטלער ב ע ן.

ווען אַ שרייבער האָט פאַר זיך אַ טעמע, קאָנצענטרירט ער אַרום זיך די וויזיע פון אַלע עלעמענטן, וואָס עס פאַרלאַנגט אַ ראָמאַן אָדער אַ דערציילונג. ער קאָן אויך אַריינשמעלצן פּערזענלעכע איבערלעבונגען און לעבנס־דערפאַרונגען, אַרומנעמען אַ געשעעניש מיט זיינע סאָציאַלע ראַנגלעניש, מאַטעריעלן אויפשווונג, ירידה אא"וו. דאַקעגן צו אַ היסטאָרישן ראָמאַן מוז דעם שרייבערס פאַנטאַזיע אָפּשפּילן די הויפּטראָלע.

און דאָס טאַקע באַוווּנדערן מיר ביי שמואל איזבאַן. מיט אַ פּאַרטיפּטער תנ״ך־קענטעניש, פּלוס דעם כסדרדיקן צופלוס פון זיין כוח־הדמיון, האָט ער פון אַ באַשיידענעם עפּיזאָד אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט פון אַ הויכער קוואַליטעט.

גלייך ביים אָנהייב פון בוך, ווען די אויסשפּירערס כלב און פנחס קומען אָן אין דער רייכער, געצנדינערישער פעסטונגשטאָט יריחו, עפנט זיך פאַר אונדז די לאַנדשאַפט פון אָריענט מיט אַלע אירע פרימיטיווע דערשיינונגען און קעניגלעכן גלאַנץ פון דער תנ״ך־תקופה.

דער ערשטער באַזוך פון די מרגלים איז ביים רייכן הענדלער נמואל. ער דערמוטיקט די אויסקוקערס מיט ראַט, ווייל ער אַליין איז אַ קרבן פון הפקרדיקער יוסטיץ פון דער שטאָט־מלוכה, ווו ער האָט זיין זיץ. זיין ראַט צו די אויסקוקערס האָט טאַקע שפּעטער די געוווּנטשענע פעולה. אויך פיל נאָענטע פון קעניג צוען, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט שנאה צו יענע, וואָס האָבן די מאַכט איבער זיי, האָבן שפּעטער לייכטער געמאַכט דעם וועג צום נצחון איבער די כנענים. אָבער צו די סאַמע דורשטיקע נאָך נקמה איבער די הערשער פון יריחו האָט געהערט די שענסטע פרוי פון שטאָט, רחב, די אייגנטימערין פון אַ גאַסטהויז. שיין, רייצנדיק און רייך דערצו, האָבן די פירשטן און די שלאַכטמענער זיך געבוקט פאַר איר. דאָס פאַרקערן צווישן די העכסטע מלוכה־לייט, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר, ווי שמעטערלינגען אַרום פייער, האָט זי אויסגענוצט אויף אונטערצוגראָבן דאָס פאַרפוילטע מלכות, וואָס האָט הרוב געמאַכט איר עלטערן־הויז און פאַרברענט זייערע גיטער.

געפירט פון תובל, דעם קנעכט פון נמואל, באַקענען זיך די צוויי פאַרשטעלטע אויסקוקערס מיט דער שטאָט פון געצנדינעריי, מיט די שלאַכטהייזער — און מיטן צינזהאַר מרון, וואָס פאַריאָגט זיי פון מאַרק, ווי פאַרדעכטיקטע פרעמדע. אָבער דער טאָג איז אַ גינסטיקער פאַר די מרגלים. יריחו האָט אין דעם זעלבן טאָג געליטן אַ מפּלה אין אַ שלאַכט מיט די אמורים. קומען זיי אָן אין גאַסטהויז פון רחב. דער העלדישער מאַן כלב געפינט גלייך חן אין די אויגן פון דער שטאָטשיינהייט. די שלי־

חות אויסצוקוקן דאָס לאַנד, וואָס איז פון גאָט אַליין צוגעזאָגט געוואָרן דעם פאָלק ישראל, ווערט אַ געווער אין איר האַנט. באַוועלטיקט פון צוויי ליידנשאַפטן: אומצוברעכנגען יריחו און צו באַזיצן דעם שטאַרקן און נאָטאַבעלן מאַן, האָט זי דערמוטיקט כלבן און פנחסן און איז גע־וואָרן דער שליסל צום נצחון איבער דער שטאָט. זי באַהאַלט אויס ביי זיך די שליחים, קויפט אונטער די וועכטערס פון דער פעסטונג און באַפעלט זיי אַדורכצופירן די צוויי פרעמדע און זיי באַווייזן אַלע פאַר־באָרגענע ווינקלען פון דער ציטאַדעל.

אינעם טאָג, ווען די מרגלים באַקענען זיך מיט די סודות פון דער שטאָט, גיט רחב אַ מאָלצייט אין איר רייכן הויז פאַר די אַדללייט און פריסטערס. דער סוד וועגן די צוויי שפּיאָנען איז שוין דערגאַנגען צו די הויכגעשטעלטע געסט פון דער מלוכה. דאָ נוצט רחב אויס איר מאַכט צו וואָרענען דעם צינזהאַר, אַז ער זאָל נישט אַרויסטראָגן דעם סוד פון איר הויז צום קעניג. רחבן איז באַקאַנט דעם צינזהאַרס רויב פון דער קעניגלעכער שאַצקאַמער. מרונס לעבן איז דערפאַר באַדראָט און די שאַרפע נקמה־נעגל פון רחב מאַכן אים אונטערטעניק צו דער פרוי פון פּראַכט און מאַכט. ער פילט, אַז איר אַנטשיידנדיק וואָרט באַפעלט און קאָן באַשטימען זיין גורל. אויך איר שפּיל איז אַ געפערלעכע, אָבער די ליבע צו כלבן, דעם שיינעם פירשט פון יידישן פאָלק באַוועגט זי גובר צו זיין אַלע געפאַרן. איר אונטערנעמונג מוז אַדורך מיט דערפאָלג. זי דינט דאָך אַ גערעכטער זאַך! און פאַרטאָג פוצט זי זיך אויס אין די שענסטע קליידער און רווישיקסטער צירונג און הייסט אירע באַדינערס זיך טראָגן צום קעניג. דער קעניג איז נישט ווייניקער פאַרבלענדט אין איר שיינקייט ווי אַנדערע און נעמט זי אויף מיט אַ שמייכל. זי איז גע־קומען אָנקלאָגן פאַר דער גערעכטיקייט, מען זאָל באַשטראָפן דעם פאַר־דאָרבענעם צינזהאַר, וואָס אַלע יאָרן פון זיין דינסט באַרויבט ער די קעניגלעכע קאַסע.

די שילדערונג פון קעניגלעכן פּאַלאַץ און פון די אונטערטאַנען, די קלוגע דיאַלאָגן פון עוצן, דעם קעניגס ראַטגעבער, מיט רחבן, שפּאַנען אָן דעם לייענער ווי ביי אַ שווערדדועל.

באַזונדער מייסטערדיק איז געשילדערט דאָס אַדורכגיין די היילן פון דער פעסטונג דורך די צוויי אויסקוקערס, פּנחס און כלב. מען ווערט אַריינגעוועבט אין אַ ווייטער לעגענדע פון שיינקייט. דער שרייבער שפּילט זיך מיט דעם לייענערס עמאָציעס אויף אַ זייער געלונגענעם אופן. יעדעס קאַפּיטל איז אָנגעלאָדן מיט געשעענישן און בייטנדיקע סיטואַציעס, דער־לאַנגט אין תנ״כישן טאָן און אין זיין רייד־נוסח. מען קאָן זאָגן, אַז אַ סך מוזעס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים שרייבטיש פון איזבאַנען מיטן ווילן אים צו אינספּירירן.

מיט רירנדיקער תמימות איז באַשריבן די תפילה פון כלבן צו גאָט, ער זאָל אָוועקבלאָזן פון אים די אַנגסט פון גלוסטונג צו דער קאָקאָטע רחב, ווען ער איז שוין צוריק פון זיין מיסיע ביי זיין באַליבטן האַר יהושע. באַצוווּנגען פון דער פיקס־אידייע, כאָטש ער ווייסט אַז ער ריזיקירט רייד פון חוזק און שטראָף, קומט ער פון דעסט וועגן צו זיין חבר פּנחס זיך אויסריידן ס׳האַרץ און גייט אַוועק אַ פאַרשעמטער.

אין איין עק ווינקל פּרוּווט כלב צו אונטערדריקן זיינע געפילן צו דעם שיינעם באַשעפעניש, וואָס האָט אים באַשיצט אין איר הויז און אים אָפּן אָנגעבאָטן איר ליבע. אין אַן אַנדער ווינקל טוט רחב תפילה צו די קריגס־רעליקוויעס פון איר עלטערזיידן עזמות, ער זאָל איר העלפן צוריקברענגען איר געליבטן כלב, נאָך וועלכן זי ווערט פאַרצערט פון בענקשאַפט, און וואָס דאַרף קומען צו איר ווי אַ זיגער איבער יריחו.

דאָס אַריבערגיין דעם ירדן צו דער מלחמה מיט די כנענים, איז געשילדערט מיט אַזאַ קראַפט, ווי דער מחבר וואָלט וועלן באַווייזן, אַז מיר זענען ווערט דעם תנ״ך... די ישראלים האָבן צוערשט בייצוקומען די סטיכיע פון ירדן איידער זיי וועלן אַריבערקומען קעמפן און דעראָבערן יריחו. מיט שטורעם, פחד, פאַרצווייפלונג — און אויך מיט גבורה פון גלויבן ברענגט יהושע אַריבער דאָס חייל צווישן דעם אָפּפלוס פון ירדן. כלב ווערט פּלוצעם באַוועלטיקט פון אַזאַ כוח, אַז ער וואָרט נישט אויפן נס פון דער טריקעניש, נאָר רודערט אויפן צעשטורעמטן וואַסער ווי אַ מיטאָלאָגישער גאָט.

אויפֿן גאַנצן ראָמאַן רוט דער גייסט פֿון תנ״ך. מיר באַגעגענען זיך מיט דער גבֿורה פֿון פּרימיטיווע ריזן ווי גומר, גדיאל, כּלבֿ, דער פֿאַר־וווּנדעטער הויפּטמאַן פֿון קעניג רקם און אַנדערע. זיי שוועבן אַדורך פֿאַרן אויג מיט זייערע געפֿלאָכטענע בערד און אָנגעשפּאַנטע מוסקלען, ווי לעבעדיקע באַרג־אָפּריסן.

ווען דאָס פֿאָלק ישׂראל איז אָנגעקומען אַרומרינגלען די שטאָט יריחו, לויט איזבאַנס פֿאַנטאַזיע, האָט שוין דאָרט געהערשט צערודערונג. עס איז פּונקט געווען נאָך דעם, ווי מ׳האָט בעת אַ מאָלצייט, ווו ס׳איז אויך געווען פֿאַרבעטן רחבֿ, אַרויסגענאַרט דעם קעניג און אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. דער דאָזיקער אַנאַרכיע־צושטאַנד האָט טיילווייז צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר ישׂראלס זיג. אָבער ביז דעם ענדגילטיקן זיג איבערן שונא פֿאַרגעסט נישט איזבאַן אונדז אַדורכצופֿירן דורך דעם צעפֿלאַקערטן בונט פֿון די ווידערשפּעניקע און קיין איין בלעטל פֿונעם אַריבער דריי הונדערטזייטיקן בוך איז נישט לאַנגווייליק.

ווען אויפֿן באַפֿעל פֿון יהושע ווערט רחבֿ מיט איר משפּחה אַרויס־געפֿירט פֿון איר באַהעלטעניש, קומט די צעריסנקייט און דער סוף פֿון ראָמאַן.

די ליבע צו רחבֿן, וואָס איז געווען ביי כּלבֿן דער נערוו, וואָס האָט אים געטראָגן דורך אַלע פֿייערן און שטרויכלונגען אויפֿן וועג צום נצחון, ווערט אים פֿאַרבאָטן דורך זיין האַר יהושע.

איזבאַן האָט שאַרף און אָריגינעל אונטערגעשטראָכן דעם דואַליזם אין דער ראָמאַנטישער רחבֿ, וואָס איז געשטאַנען אין דינסט פֿון דער מלוכה און גלייכצייטיק געוואָרן די נשמה און דער גוף פֿון פֿאָלק ישׂראל — און ווי מיר ווייסן, איז זי אַריין אין תנ״ך ווי אַ שם־טובֿ, אַ רעספּעקט־טועלע זונה.

א. סוצקעווער

„אַ שמייכל אין עק וועלט"

עס איז מיר אַליין נישט קלאָר, וואָס עס האָט מיך אַזאַ צי געטאָן נאָך אַ מאָל צו סוצקעווערס דערציילונג: „אַ שמייכל אין עק וועלט". עפּעס ווי אַ פאַרוואָרפענער קלאַנג אין מיר וואָלט זיך אויפגעוועקט, אָנגעהויבן ווייברירן און פאַרשאַרפט ביי מיר דעם חוש פון אַ געלעבטן פאַרגעניגן. אונדזער לעבן איז דאָך זיכער נישט מער ווי וווּלגאַריזירטע פּראָזע. נאָר די איינצלנע מאָמענטן פון קינסטלערישער יצירה און רוחניותדיקן געניוס, זענען די פאַרגיטיקונג פאַר אונדזער פאַרמאַטעריאַליזירטערווירקלעכקייט. ווילט זיך מיר טיילן מיט אייך מיט אַ רגע פון גענאָד.

דעם דיכטער אברהם סוצקעווערס דערציילערישער אופן איז אַ גאַנץ ספּעציעלער. דאָס איז אַ זשאַנער, וואָס ליגט אויף דער גרענעץ צווישן דערציילונג און פאַבל. אַ רעאַליטעט אין דער ליטעראַטור, אַן אַליין־געלעבטע, מוז זיין גלויבנסווערט, אָבער די פאַבל — וואָס מער אומגלויב־לעך און רייכער אין דער אימאַזשינאַציע, אַלץ מער פאַרצווילינגט צום באַגריף קונסט — ווי אַ סינאָנים צום אמת.

ביי אברהם סוצקעווער דאָמינירט דאָס שיינע איבער דאָס מעגלעכע, דערפאַר ווערן זיינע איבערלעבונגען פאַבולאַרע מאָדולאַציעס. צוויי פאַר־מען ווערן אויסגעדריקט דורך דעם טוריסט אין דעם עקזאָטישן לאַנד: די האָפּערדיקע און די גרימאַסנע. דער מחבר איז אויסגעשטיגן אין אַ ווייטן לאַנד. כאָטש דער נאָמען פון דער שטאָט איז נישט אָנגעגעבן, באַקומען מיר דורך דער שליחות פון זיין דערציילונג, אַ גרוס פון

אויסטערלישקייטן מיטווילדע מנהגים און פאַנטאַסטישע פאַרשווינען, וואָס זענען גאָר אייגן אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט.

יעדער רייזנדער, דוכט מיר, זוכט עמאָציעס, נאָך דערצו אַ קינסט־לער. ווייל וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ רייזע אָן דעם ביסל פיבער פון אַוואַנטורע? די עמאָציעס פאַרברענגען די אַנונג פון צייט און מיר לעבן אויסער איר. לויט סוצקעווערס אַבסטראַקטן אויסדרוק: „די ווייזערס ווייזן אַ שעה, וואָס עקסיסטירט נישט...".

וויליאַם בוק געפינט זיך אין דער שטאָט, ווו דער מחבר שטייגט אויס, וואַרשיינלעך אַ שטאָט אין אינדאָכינע. אַ טעלעפאָן־קלונג און דער באַקאַנטער קומט גלייך אים אָפּנעמען. ער פאָרעט זיך אַרום דעם חשובן גאַסט אַ צופרידענער און ווערט זיין אויפנעמער. די קאַנטשאַפט איז געקומען צוליב אַ לעקסיקאָן פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס וויליאַם האָט געגרייט און דער דיכטער סוצקעווער איז געווען פאַרבעטן אין אים אַנטייל צו נעמען. גליקלעך מיטן גאַסט, פירט ער אים מיט זיין גרויס־אַרטיקן אויטאָ פונקט אין אַזאַ גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן־קאַבאַרעט, ווו פאַרן עסן וואַשט מען אים צערעמאָניעל די פיס... עס הייבן זיך אָן צו באַווייזן אויף די טישן מאכלים, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער: ברילנ־שלאַנג, קאַליברי־ווייַן, אַ סוף, נעסט פון בלויע שוואַלבן, סערווירט פון אַ כינעזישן נאַפּאַלעאָן. וויליאַם בוק, אַ געניטער אין הילכת־אכילה פון יענע עקזאָטישע מאכלים, עסט געשמאַק, רעדט מיט געניטשאַפט, מיט קולט פאַר דער קולינאַרער קונסט און וועגן נאַרהאַפטן ווערט פון די שפייזן. מיט איין וואָרט ער איז נישט בלויז דעם דיכטערס גאַסטגעבער, נייערט אויך זיין גייסטגעבער. עס קלינגט די טשו טשו טשו־שפּראַך און ביי סוצקעווערן איז נאָך אַלץ דער אַפּעטיט ערגעץ ווייט... ער האָט אין זין אַ טעפּעלע זויערמילך און אַ ביסל רייז. וויליאַם בוק שילדערט די פאַרנעמע געסט פונעם רעסטאָראַן און נישט ווייט טאָקע פון זיי זיצט דער קולטור־מיניסטער מיט אַ דאַמע. באַלד ברענגט מען אַריין אַ מאַלפּע אין אַ שטייג — צי גאָר אַזאַ גרויסע קאָקאָסנוס?... פאַר יעדן פאַל, עס פאַרכאַפּט אונדז אַ וווּנדער מיט אַן עקל צוזאַמען. דער איבל פאַרשטאַרקט

זיך נאָך מער, בעת דער קולטור־מיניסטער גיט אַ „קולטורעלן״ קלאַפּ מיטן העמערל אין מוח פון דער מאַלפּע, טינקט דאָרט איין מיט די צווענגלעך פון זיינע פינגער אַ הויפן רייז און ווי אַ געניטער פּרעסער פון מאַלפּעמאַרך, פאַרטרינקט ער מיט אַ כוס וויין. דעם יאָמערלעכן כליפּ פון דעם באַשעפעניש פאַרגלושעט דער אָרקעסטער.

אַ קאַרליק ציט אויף דעם פאָרהאַנג און ווען עס באַווייזט זיך אַ צו־נויפגעוואַקסענער צווילינג פון ווייבלעכן מין, דערציילט וויליאַם וועגן זיי אַ פּיקאַנטע געשיכטע.

אין האָטעל — דערציילט סוצקעווער — בין איך געקומען פאַרהאָ־לושעט. דאָ קומט אַ זעלטענער קאָשמאַר, אַ סטיליזירטער גראָטעסק אויס־געוועבט פון דער רעאַליטעט. דער קאָשמאַר נאָך דער איבערלעבונג אין רעסטאָראַן דערמאָנט מיך אין אַנדערסענס מעשהלע „דער זינגפויגל״. דער מלך פון כינע צאַנקט אין דער נעץ פון פּילקעפּיקן טויט. קומט דאַן דער זינגפויגל פון וואַלד, וואָס האָט שוין אַ מאָל געדינט דעם מלך מיט זיין זינגען, פאַרטרייבט די טויט־האַלוצינאַציעס און וועקט דעם מלך צום לעבן. סוצקעווערן ראַטעוועט פון וויליאַמס קעפּ און פון אַלע די קאָשמאַרן דער זינגפויגל, וואָס וווינט אין אים. דער מחבר אַנטלויפט צום עראָפּלאַן, נישט געזעגענענדיק זיך מיט זיין פריינד און שיקט אים לעצטגעלט אַ גאָר דראַסטיש בריוול. ער זאָגט צווישן אַנדערן: „ווען איר וואָלט געווען אין אוישוויץ וואָלט איר געווען מיין מערדער״.

אברהם שולמאַן, וואָס האָט ליב צו געבן אַ הומאָריסטישן קיבעץ, האָט אַרויסגעכאַפּט פון סוצקעווערס דערציילונג עטלעכע פּאָעטישע קערנדלעך און זעלטענע זאָגעכצן און פון דעם עקסטראַקט באַשאַפן אַ סאַטיריש מאכל... צו די צוויי מעכאַניזמען פון פּאָעזיע און סאַטירע קאָן מען צוגעבן, אַז ליטעראַטור בכלל איז די וואַקאַציע פון אונדזערע טאָג־טעגלעכע רעד־געוווינהייטן און שפּראַך־באַנוצונג; ס׳איז אַ מין אַנט־לויפן פון זיך אַליין, פון דער רעאַליטעט.

דעם דיכטער אברהם סוצקעווערס שטיקל פּראָזע האָבן מיר דערמאָנט

אין דער שיינער ליטעראַטור שבעל־פּה פון וווּנדערלעכן דערציילער ב. אייסוראַוויטש. אַז איך דערמאָן מיך אין זיינע אינדישע מעשהלעך, טראָגט זיך צו מיר פון די ווייטע מרחקים פון מיינע לערניאָרן יענער שמייכל און ס׳צינדן זיך אָן מיינע אויגן מיט די יום־טוב־פייערלעך פון אַנדערע וועלטן.

יעדעס מאָל ווען איך ריר מיך צו צו סוצקעווערס לידער אָדער צו זיינס אַ קאַפּיטל פּראָזע, נאָך איידער איך עטעם אַריין אין זיך די קינסט־לערישע שיינקייט, וואָס ער באַווייזט מיט זיין פּעדער ווי מיט אַ צויבער־שטעקעלע, באַקום איך גלייך אַ נשמה־יתרה; איך ווער אַ פריאָרי יום־טובדיק געשטימט און בין קיין מאָל נישט אַנטוישט. פּונקט ווי דעמאָלט, ווען כ׳האָב געהערט אייסוראַוויטשעס מעשהלעך.

יעקב גלאַטשטיין

„כ׳טו דערמאָנען“

אַ באַשטעטיקונג אויף אַ דערהאַלטן בוך איז אַ חוב. אַן עפּנטלעכע באַשטעטיקונג אויף אַ געלייענט בוך איז אַן אָפּגעצאָלטער חוב.

דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין האָט אַ מאָל אין זיינס אַ מאמר וועגן דיכטער י. ח. בילעצקי פאָרגעוואָרפן די דיכטערס, אַז זיי וואַגן נישט זיך אָפּצורופן אַ מאָל מיט אַ שייטל פּראָזע וועגן אַ קאָלעגעס אַ בוך, צוליב מורא, אַז ס׳וועט ביי זיי אַרויספאַלן אַ פעדער פון זייער אייגענעם פאַווע־עק... איך מוז נישט נאָר אונטערהאַלטן דעם גלאַטשטייניִשן זאָג, נאָר אים צעמענטירן מיט אַ צולאָג: נישט נאָר פאַלט נישט אַרויס קיין פעדער, ווען מען באַהעפט זיך צו אַ שרייבערס ווערק מיט אַ פּאָר צענד־ליגג אייגענע שורות, נאָר עס וואַקסט נאָך צו אַ ניי, פאַרביק פעדערל צום אייגענעם ליטעראַרישן פאַווע־עק.

ס׳איז מיר אויסגעקומען צו ריידן לעצטנס מיט אַ ליטעראַטור־קריטיקער וועגן יעקב גלאַטשטיין. האָט מיר יענער געזאָגט: „איך זע נישט קיין גרעסערן שרייבער היינט צו טאָג ווי יעקב גלאַטשטיין“. קאָן זיין, אַז יעדער קריטיקער האָט זיך זיין מאָס צו שרייבערישער גרויסקייט. ס׳איז אויך לייכט אָנצוהענגען שאַבלאָנע סופּערלאַטיוו־מעדאַלן אַ שרייבער אונטערן איינפלוס פון געהערטע מיינונגען מצד באַגייסטערטע קריטיקער. מיר אָבער איז ליבער, ווען איך אַליין אַנטפּלעק דעם שרייבערישן קאַליבער: מיר דוכט דעמאָלט, אַז כ׳האָב דערפונדן עפּעס אייגנס.

דער טאָג איז געווען אַ טריבער, ווען כ׳האָב גענומען לייענען דאָס בוך לידער „כ׳טו דערמאָנען“. עס האָט געבלאָטיקט און געטונקלט.

אָבער ווי נאָר כ׳האָב גענומען לייענען אָט די חורבן־לידער פון יעקב גלאַטשטיין איז טיף אין מיר אויפגעגאַנגען אַ לויטערע זון, וואָס האָט זיך מיר איבערגעגעבן דירעקט פון די קלאָגלידער פון דעם מייסטער פון וואָרט. צי איז מעגלעך אַזאַ ווידערשפּרוך, אַז טרויערלידער זאָלן מאַכן העל דיין געמיט? ווייזט אויס, אַז פּאָעזיע איז די זון אַליין.

פאַראַן ווערטער און פּאָעמעס, וואָס פּאָרן זיך נישט מיט עסטעטיק. זיי שטעלן זיך אַנטקעגן ווי אָפּאָנענטן מיט אַזאַ כוח, אַז זיי דאָמינירן אַלע פּאָעטישע היפּערבאָלן און מעטאַפּערס. זיי זענען נאָר נישט אויסן צו פאַרטונקלען דעם גלאַנץ פון דער סובלימירטער שפּראַך, נאָר פאַרקערט, פאַרגאַנצן זי, צווינגען אויף צו געדענקען און שניידן זיך אַריין אין זיכרון, ווי אַן אויסטערלישע סטראַשידלע אין אַ געצערטלטן גאָרטן.

אויב דאָס געמיט פון דיכטונג האָט, ווי אַ הויפּטבאַדינג, זיינע וואָרצלען אין עקזאַלטירטן ריידן, קאָן מען דאָס בולט געפינען אין דער עכטקייט פון דעם אַריינפיר־ליד פון ערשטן ציקל „אַ גוטע נאַכט, וועלט!” דער גאַנצער וואָקאַבולאַר פון דעם אויסגוס פון צאָרן איז אכזריותדיק דירעקט, אַז ס׳רעגט אויף און רעגט אָן. דאָס איז די קאַנאַליאַדע, וואָס שרייט אַרויס פון סוצקעווערס „געהיימשטאָט”.

צי איז נישט דער דיכטער געגליכן צו דער ערד, וואָס נעמט אויף דער וועלטס פּסולת, קאָכט דאָס איבער אין אירע געדערעם און גיט דער וועלט אירע שמעקנדיקע פּרוכטן? דער דיכטער אָבער קאָן זיך נישט אָפּרייניקן פון איר, אָדער וויל בכיוון נישט, ווייל דער גורל האָט אַזוי באַשטימט, ער זאָל קומען אין קאָליזיע מיט דער וועלט, כדי צו וואַרפן איר די בלאָטע אין פּרצוף אַריין:

„אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע שטינקענדיקע וועלט”.

ער שטעקט אונדז גלייך אָן מיט דער הויכער טעמפּעראַטור פון רעוואָלט, וואָס קומט פון דיכטער — דעם מויל פון פאָלק. פון ערשטן ביזן לעצטן ליד פון זיין בוך, וו ער גיט אויסדרוק זיין ריין פּערזענלעכן

עבר, מיט די סאַמע נאָענטסטע געשטאַלטן פון טאַטע־מאַמע און היים־משפחה, באַגייסטערט ער און טרייסלט אונדז אויף. גוט איז אויך דער צונויפשטעל, אַז „די באַזונדערע קלענערע חורבנות" זאָלן שליסן דאָס בוך „כ'טו דערמאָנען".

סוף־כל־סוף איז אַלץ, וואָס מען רופט אָן ביי אונדז סאָציאַלע לידער, לידער פון אינטימען אינהאַלט — און פאַרקערט, פערזענלעכע איבערלעבונגען, ווען זיי באַקומען אַ תיקון אין דער ליטעראַטור, ווערן סאָציאַל, ווייל זיי זענען מענטשלעך. דאָ איז יעדעס ליד, וואָס מען מישט צופעליק אויף, אַ נייע אַנטפּלעקונג. גלאַטשטיין קאָן שילדערן דעם מערדער־דייטש מיט אַ געלאַסענער לירישקייט, און דורך איין וואָרט באַקומט זיך די אידיי פון רויקייט אָדער ברוטאַליטעט. אין דעם ליד „ווויל דערצויגענע", וווּ ער שפּילט אויף דער לירע פון ציניזם, ענדיקט זיך זיין דרייסטראָפיק ליד אַזוי:

„זיי זענען שלאַנק און ציטעריק ווי אַ ליד,
ווערן זינגענדיק אין זון־פאַרגאַנגען.
נאָר טאָמער דערזעען זיי אַ ייד,
ווערן זיי פּלוצעם אָראַנגוטאַנגען".

מיט אַ ליד איז פּונקט ווי מיט קאָלומבוסעס איי... יעדער דורכשניטלעכער דיכטער וואָלט, דוכט זיך, געקאָנט אָנשרייבן אַזאַ סטראָפע, אָדער אפילו דאָס גאַנצע ליד. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, ווייל ס'איז אים נישט איינגעפאַלן...

אַ בינע־קינסטלער לעבט זיך אַריין אין זיין העלד און שפּילט אָפּ זיין ראָלע. יעקב גלאַטשטיין איז דער סימבאָל, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך, נישט בלויז די קרבנות פון זיין שטאָט לובלין, נאָר דאָס גאַנצע, פאַרטיליקטע זעקס־מיליאָניקע פאָלק און דריקט אויס אונדזער קאָלעקטיוון ווייטיק מיט זיין געזונטער ראַסאָוועער שפּראַך.

אַלפרעד דע מיוסע זאָגט, אַז דאָס שוידערלעכסטע געזאַנג איז דאָס שענסטע. „איך קאָן — זאָגט ער — אומשטערבלעכע, סאַמע פאַרצווייפ־

לונג״. מען דאַרף נאָר האָבן די אַדעקוואַטע מיטלען צום אָביעקט, און ווען גלאַטשטיין זינגט, שווידערט ער אונדז אויף און אַנטציקט גלייכ־צייטיק. זיינע תפילות זענען נישט צו ר׳ימען גאָט, צו זינגען הללויה. ער שליידערט שטיינער דעם רחום וחנון. די סופּערלאַטיוון פון הכנעה אין די תפילות פאַרן רבונו של עולם וואָלטן זיך געגנייטיקט אין אַ רעפאָרם. איך האָב דאָ אין זינען דער עיקר די פאַראַגראַפן פונעם יום־כפורדיקן מוסף: „אשמנו, בגדנו, גזלנו...״ מען דאַרף זיי צושרייבן די מערדער, בלויז מיטן טוישן די ענדונגען „נו״ אויף „תם״ — „אשמתם, בגדתם, גזלתם...״.

פול מיט סאַרקאַזם איז די פּאָעמע „וועלטבויך״. פאַראַן לידער, וואָס קאָנען זיך נישט דיסציפּלינירן צו די אָנגענומענע נאָרמעס, זיי שאַפן זיך אַ ניי געזעץ. אַ ביישפּיל זענען „אַ גוטע נאַכט, וועלט!״ און „וועלטבויך״. ווי פאַרבליפן איך מיט זייער נאַקעטקייט, איינס — אויף צו „פאַרקלאַפּן די טיר״ און דאָס צווייטע — כדי אויפצורייסן די טיר, וואָס פירט צו רואיקער זאַטקייט און גשמיותדיקן אומרו נאָך זאַטקייט.

גלאַטשטיין איז נישט גלאַט באַהערשט געוואָרן פון אַן אייביקייטס־געפיל. ער איז דאָך שוין פון לאַנג אַריינגעשריבן אין ספר פון די אומ־שטערבלעכע. דאָס האָט ער געהערט דעם רוף פון אויסגעהרגעטן פאָלק, כדי צו ווערן דער מעדיום און אַריינשרייען אין דער וועלט אַריין די ירושה פון זעקס מיליאָן. אויף צו באַלייכטן דאָס געזאָגטע איז גענוג צו ציטירן בלויז דריי שורות פון „נאַכטלידער״:

„ס׳שטרעקן זיך צו מיר מיליאָנען טויטע הענט,
זיי אונדז אַ לעבעדיקער מאָנומענט
פון אומגליק״.

קיין מאָל האָב איך אַזוי נישט אָפּגעפּילט יעקב גלאַטשטיינס גרויס־קייט אין זיין דיכטונג, ווי אין דעם הייליקן ספרל „כ׳טו דערמאָנען״.

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט אויסזען, מוז מען זאָגן, אַז אין די אַלע פּאָעמעס פון אומקום, מיט זייער זעלבסטפאַרשטענדלעכן עלעגישן

קלאַנג און רעבעליע, איז דאָ מער לעבן ווי טויט. דאָס איז דערפֿאַר, ווייל עס דאָמינירט דאָרט דער הויכער גראַד פון פּאָעזיע און ליריק. און פּאָעזיע איז תּמיד שיינקייט, לעבן, זון!

זיינע „פּאַרוואָסן" מיט בליציקע שאַרפן שליידערט ער צו די הימלען. ער האָט פון אַלע יידן געמאַכט „שטראַלנדיקע יידן" און פאַרהייליקט צו דער אייביקייט פון איין געטלעכן אַנאָנים. די גאַנצע יידן־טראַגעדיע מיט זייער קידוש־השם און קידוש־הווידערשטאַנד קאָן מען געפינען אין איין פּאָעמע. אָבער אין גאַנג פון לייענען זעען מיר ווי ער שעפּט זיך נישט אויס און חזרט זיך נישט איבער.

דאָס בוך איז באַצירט מיט אַ ברענענדיק ליכט אויף די בלעטער ווי אַ סימבאָל פון קדושה און מיט זיין בלויען איינבונד רופט עס אַרויס דאָס געפיל פון אַ הויכער באַשטימונג.

אברהם לעוו

„אין קלעם"

כ׳דערמאָן מיך אין אַ נעכטן, וואָס האָט שוין אַ שיינע פּאָר יאָר. איך בין דעמאָלט געווען אין ישראל. ס׳איז געווען אַ פּרייטיק, אַ ליכ־טיקער, מיט זון־געליישטער שפּיגלטאָג. ווי אַ טוריסט איז מען געלאָפן מיט די קליינע מעגלעכקייטן פון אַ גאַסט אויף אַ ווייל, וואָס שלינגט מיילן... איך האָב מיר פאַרגענומען דעם פרייטיק אָפּצושטאַטן אַ וויזיט ביי דעם דיכטער אין גבעת השלושה. דער טאָג איז אָבער פאַרשווונדן ווי אַ בלענד. פאַר נאַכט צו, ווען די זון איז אָפּגעשווומען אַ מידע, האָט זיך פאַרנומען אויף אַ געוויטער. דער עולם האָט זיך געגרייט מקבל־פּנים צו זיין די שבת־מלכה, וואָס איז טאַקע געקומען מיט שטורעם... אַ צעבאַלעוועטער ווינט האָט גענומען קערן וועלטן און גאַסן... כ׳האָב מיך מער נישט געקאָנט דעצידירן אויף אַ שפּאַציר און געבליבן שטיין לעבן מיין האָטעלעכל „הגליל" און זיך צוגעקוקט, ווי דער ווינט טראָגט פונאַנדער דעם אָפּפאַל פון כרמל־שוק, שטעלט אויף קאַרוזעלעס און אַלץ נעמט זיך דרייען אונטער דער ממשלה פון ווינט: פּאַפּירלעך, שטיקלעך מאַראַנצן־שאָלעכץ, באַנאַנען, ראָזשינקעס, ברעקלעך קאָנפעקטן... דער מינדסטער אָפּפאַל באַקומט אַ רעדל און דרייט זיך ווי דורך אַ שטעקעלע פון אַ מכשפה. אויך מיך באַוועגט דער ווינט ווי אַ שוואַך ביימל.

מיין וויזיט צו לעוון האָב איך אָפּגעלייגט אויף אַ מיטן וואָך. איך האָב אים געמאַכט אַ סורפּריז, נישט אָנגעזאָגט פריער מיין וויזיט און אים צופעליק געטראָפן ביי אַן אָפענער מכניס־אורח־טיר, ווי דער תנ״כי־שער אברהם, אָפּוואַרטנדיק די הימלישע געסט פון וועג...

ס'איז געווען פּאַרנאַכט־צו, נאָך זיין טאָג אַרבעט. איך האָב געזען און געפילט ווי ער אָטעמט מיט אַלע אברים גאָטס שפּעדיקן געזאַנג, כדי שפּעטער דאָס אַריבערצוזינגען און שאַפן אויף זיין פּאַעטישן שטייגער.

די דאָזיקע דערמאָנונג האָט זיך ביי מיר געשאַפן לייענענדיק דאָס בוך לידער „אין קלעם", מחמת זיין בוך איז דער היפּוך צו ברוויזנדיקע נאַטור־קאַפּריזן. ביים דיכטער געפינט מען געבענטשטע רעגנס איבער וועלכע ער מאַכט אַ ברכה אין זיין ליד. בכלל איז דער קלימאַט אין זיינע לידער אַ מילדער, אַן אידילישער. פּראַצע מיט פּאָעזיע גייען ביי אים געאַרעמט. עס דאַכט זיך, אַז לעוו האָט אַזאַ לייכטקייט צו לידער, אַז ער וויקלט זיי פּשוט אַראָפּ פון זיין פּעדער, ווי ליכטיקע גאַבלינען פון לאַנדשאַפטן און שטיללעבנס. דער טיפּ פון זיין ליד איז אַ ריין מאָלע־רישער, און ווען מען לייענט עס ווינטלט אויף אונדז מיט קאָלירטע בלומען, מיט זיסע ריחות פון פּרדס, מיט שפע פון שייער, און דאָס געמיט נעמט זיך אָן מיט דער פולבלוטיקייט פון דער ישראל־לאַנד־שאַפט. פיזישע און גייסטיקע שפע זענען אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן און מען האָט דערפון אַזאַ הנאה, ווי מען וואָלט געזעסן ביי אַ געגרייטן טיש מיט כיבוד און געהערט גייסטרייכע רייד פון גאַסטגעבער און דער כיבוד ווערט איינס מיט שכינה.

דער דיכטער באַטיטלט זיך אַליין אין אַ ליד „דער מאַן פונעם ליד / און דער מאַן פון פּאַרזיי". זיין פּאַרליבטקייט אין דער נאַטור אויפן לאַנד וווּ ער טרעט קומט צום אויסדרוק אין אַלע זיינע לידער, און איינס פון די שענסטע פון דעם מין איז דער עונג־פרלינג, דער חודש „מאַי". די באַגייסטערונג דערגייט צו אַזאַ הויכן פּונקט, אַז ער וואָלט אויסגע־בראָכן די פענצטער־שייבלעך ביים שכן דעם לערנער, מיטן אויסרוף: „בן־אדם! באַטראַכט גאָטס וווּנדער / אפילו ווען דו ביסט אַ כופר...".

כמעט זיין גאַנצער פּאָעטישער באַשאַף איז אַ הללויה, אַ בענטשונג פאַר גאָטס גייסט. אין דעם בוך געפינען מיר אַ גרעסערע פּאָעמע „יאָשע בער", אַן אינטערעסאַנט בילד פון היימישן קיבוצישן שטייגער־לעבן.

פאַראַן עטלעכע שטימונגספולע שפּיטאַללידער און אייניקע שיינע אורבאַניסטישע פּערזן, געשאַפן בעת זיין באַזוך אין פּאַריז.

אַ גרויסער טייל פון זיין בוך איז געווידמעט זיין אומגעקומענעם, יונגן זון משהלע. דער שווערער קלאַפּ שפּיגלט אַרויס זיין ווייטיק פון בלוט אין אַ פּאַטעטישן קדיש. אַ טרייבקראַפט פון פאַרצווייפלונג ברענגט אים דעם כוח פון אויסדרוק, וואָס רייסט זיך צום תיקון. דער צער איז טיף און שווער און פאַרשאָטנט די רחבות פון דער ישראל־לאַנדשאַפט מיט אַ נעפּלדיקער טרער, ווי אַ ליקוי־חמה וואָלט זיך געשפּרייט איבער די ליכטיקע, געמיטלעכע לידער.

די דאָזיקע אינדיווידועלע איבערלעבונג, זיין משהלע, דאָס וואָלקנדל אין עטער, באַקומט פאָרעם און ווערט באַוועגלעך געזאַנג, אַ געזאַנג, וואָס ברענגט תענוג. וואָס קאָן אַ פיינלעך געטראָפּענער טאָטע, אַ דיכ־טער, טאָן מער, ווי שאַפן פון טויט לעבן דורך אַן עקזאַלטירטן געהאַמער פון ווערטער, וואָס ווערט אין דער קונסטפאָרעם אַנטאייגנט? ער פאַר־קלינגט, פאַרטויבט דעם צער מיט ריטעם. דאָס איז, ליידער, די אילוזיע פון אַ נאַרקאָטיק, וואָס שטילט נישט קיין ווייטיק און קילט נישט קיין ווונד. ווי געפּאַסט איז דאָ משה נאַדירס זאָג: „דער צער איז אַ צירונג פאַר מיר״. יאָ, צער און ציר נעמען אונדז אַרום בעת מיר לייענען לעווס לידער.

עס איז אָבער נישט אין דער נאַטור פון דיכטער צו זינקען אין מרה שחורה. ער פּרוּווט זי באַקעמפן דורך דעם פילאָסאָפישן סטאָאיציזם אין זיין ליד „נישט וויין״:

„וויינ: גאָט איז דיין היטער
און דו ביסט אַ דינינקע סטרונע
ביי אים אין זיין פידל״.

אָט דער דאָזיקער הערויאיזם איז די בעסטע תרופה צו אַלע שווערע קלעפּ פון לעבן.

מיכאל באָרוויטש

„פאַרבאָטענע לעבנס"

מיכאל באָרוויטש קאָנטינואירט זיין קאַמף קעגן היטלעריזם אויפן געביט פון זאַמלען און פאָרשן דאָקומענטן, גבית־עדות און מאַטעריאַלן וועגן דער היטלער־תקופה.

זיין לעצטנס דערשינענע בוך „פאַרבאָטענע לעבנס", אויף פראַנצייזיש, איז אַ נייע עדות, וואָס דערציילט פונעם בית־עולם פון יידישן פאָלק אין פוילן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע.

אין דער היעראַרכיע פון היסטאָריקערס פאַרנעמט באָרוויטש איינס פון די בכבודיקסטע ערטער אין דער צוויי־פאַכיקער דימענסיע פון אַ בעלעטריסט און געשיכטע־שרייבער. ווי אַ בעלעטריסט האָט ער אונדז געגעבן זיין בוך „צוואַנציק יאָר שפּעטער", וווּ ער דערציילט זיינע איבערלעבונגען ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער פון דער תליה. דאָס בוך, אַזוי גוט ווי זיינע פריערדיקע ביכער, זענען געשטיצט אויף אייגענע אָבסערוואַציעס, דאָקומענטן און רעאַלע פאַקטן. שוין אין זיינע לידער אין דער פוילישער שפּראַך זעט זיך אַרויס זיין רעאַליסטישער שאַפונגסגייסט און די קאָנטורן פון צוקונפטיקן היסטאָריקער.

וואָס איז אויסן דער היסטאָריקער פון יענע בלוטיקע יאָרן מיט זיינע פראַנצייזישע ווערק? די צייט פאַרדעקט מיט אַ נייעם פלאַסט די אַלטע וווּנד, מוז מען דערמאָנען, בפרט די נישט־יידן. זאָל ביי זיי קלאָרער ווערן דער דזשונגל פון יענער תקופה.

צי האָט שוין דאָס בוך „פאַרבאָטענע לעבנס" אַלץ אויסגעשעפּט, אַלץ פאַרענטפערט? קלאָר אַז נישט. ווייל וויפל מיר זאָלן נישט לייענען

פון דער חורבן־ליטעראַטור, איז אָבער נאָך אַלץ נישט מעגלעך אונ־טערצוציען דעם סך־הכל פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע.

אין דעם איצטיקן בוך זענען פאַראַן גאַנצע אָדיסייעס: דערציילונגען פון מענטשן, וועמענס נעמען זענען פאַרבונדן מיט שווער־גלויבלעכע, און דאָך אמתדיקע, איבערלעבונגען פון מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט פאַרן לעבן מיט אַ העראָאיזם; אַ מאַטעריאַל, וואָס מען קאָן גיכער אָננעמען פאַר אויסגעטראַכט ווי פאַר אויטענטישע פּאַסירונגען. וויל מען נעמען אַ מוסטער פון דרייסטקייט פאַר אַן אילוסטראַציע, איז מען פּשוט אין אַ פאַרלעגנהייט, מע ווייסט נישט וועלכן פאַל פריער צו געבן.

דאָס בוך איז פאַרזען מיט בילדער פון העלדן איבערגעטוענע און פאַרשטעלטע: אַ לעגענדאַרע פיגור פון אַ ייד פאַרשטעלט פאַר אַן אוקראַ־אינער; אַ דאָקטערשע העלענע גאָלדפיין אין קליידונג פון אַ נאָנע, וועלכע טראָגט דעם שלייער צוזאַמען מיט אַן ערנסטער מאַסקע אויפן פּנים, ווי זי וואָלט אָפּגעשטאַמט פון אַ דינאַסטיע הייליקע; אַ געוועזענער סוחר און חסיד בער ריטשעוואַל אין אַ פּויערישן מלבוש; ער שפּילט די ראָלע פון אַ בעטלער, וואָס גייט איבער דער מדינה און מען וואָלט געשווירן אַז ער טראָגט דעם „יחוס" פון אַן אַלט־געבאַקענעם סטרוזש.

פאַראַן העלדן אין בוך, אַן פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען נישט ווייני־קער בילדעריש בלויז פונעם באַשרייבן. די דאָזיקע איבערלעבונגען האָבן פאַרדינט מען זאָל זיי אַרויסנעמען פון אונטערן טומאַן פון צייט און זיי איבערדערציילן אין דער פראַנצייזישער שפּראַך. לאָמיר אַרויסכאַפּן פון טעקסט אויף אַ ביישפּיל: אַ מענטש מיטן נאָמען שפּילמאַן. אַ מוזיקער, וואָס קיין שום טויט נעמט אים נישט. אַלע טויטן שפּייען אים אויס. אָדער אַזאַ זעלטן רייכע באַשרייבונג פון דעם פּוילישן ייד, אַדוואָקאַט סקאַרניצי אין דער ראָלע פון אַ שפּאַנישן קאָנסול אין פראַנקרייך, מיטן שיין קלינ־גענדיקן נאָמען מאַנטעראָ, קאָפּירט פון אַ פלעשל ווייַן... אַ פּיפּיקער קאָ־מעדיאַנט, וואָס העלפט דער פראַנצייזישער רעזיסטאַנס און באַזונ־דערס יידן.

אָדער דאָס ישראלדיקע מיידל מיט אַראַבישע פּאַפּירן און פרינצלעכן

נאָמען: אַליציאַ קריסטין על נאַזאַרי, וואָס באַהאַלט אויס יידן ביים דייטשן קאָמענדאַנט ווערטמאַן, ווערט באַפריינדעט מיט אירע רעטער און פאַרבעט זיי שפּעטער קיין ישראל.

לאָמיר נאָך דערמאָנען די אויסטערלישע אַוואַנטורע פון דעם יוגנטלעכן רופאייזן, אַ ציוניסט מיט אַ נאָבל האַרץ, וואָס האָט זיך אויסבאַ־האַלטן ביי הייליקע שוועסטערס, ווי אַ פרוי, זיך אָנגעשטעקט מיט קאַ־טוילישער פרומקייט און געוואָרן שפּעטער אַ גלח, דער פּאָטער דניאל. ער לעבט איצט ווי אַ ישראל־בירגער אינעם צענטער פון קאַטוילישן קאַרמעליטן־אָרדן און איז באַליבט ביי אַלעמען.

צי די שפּאַנענדיקע באַשרייבונגען פון די וואַגאַבונדן־אַרבעטער, אַנ־נאַזשירט פונעם „רייך", וואָס זענען אויסגעפּאָרן אַ וועלט און — אָפּגע־נאַרט אַ וועלט. מען האָט נישט געקאָנט קעמפן מיט אינערציע קעגן די, וואָס האָבן געלעבט פון טויט. מען האָט דעריבער געמוזט זיין אין כסדר־דיקער באַוועגונג, אין אַקציע און געמוזט באַזיצן פאַנטאַזיע, ווערן קאָ־מעדיאַנטן. מען האָט געשפּילט דעם שלעכטן, דעם זאָרגלאָזן, דעם „אַריער". מען איז געווען אויסגעשטעלט אויף אימפּראָוויזאַציעס ביי די אַדמי־ניסטראַטיווע פאָרמאַליטעטן. ביי דער מינדסטער פאַרגעסונג, פאַלשן זשעסט האָט מען זיך אַליין פאַרראַטן. אין דער צייט ווען אַ גרויסער טייל יידן האָט געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן — האָט אַן אַנדערער טייל מחמת רעליגיעזע טעמים זיך אָפּגעהאַלטן פון ענלעכע שריט. עס האָט ביי זיי געהייסן ווי אַנטלויפן, נישט פון געפאַר, נאָר פון כלל, פונעם בשותפותדיקן גורל, וואָס האָט געטראָפן דאָס יידנטום. פאַר אַ טייל האָט בלויז דאָס פּוילישע לשון, וואָס זיי האָבן נישט געקענט פּערפעקט, געקאָנט ווערן דער בולטסטער מסור.

אַנאַרכיע איז דער סינאָנים פון אַלעם שלעכטן. אין יענער צייט האָט מען געקאָנט לייכט שלאָגן קאַפּיטאַל פון יענעמס אומגליק. זענען אונטערן כלוטיקן מבול געוואַקסן רויבער און מוסרים, ווי ווילדע שוואָמען. דאָס פּוילישע פאָלק איז אַזוי אָנגעשטעקט געוואָרן פון גייסט פון הפקרות, אַז יעדער אויסוווּרף האָט געקאָנט פאַרהאַלטן אַ מענטש אין גאַס און

אויספּרעסן ביי אים אויסקויפגעלט, אויב נישט — איבערגעבן אים אין דער פּאָליציי.

גאָר באַזונדער באַשרייבט דער מחבר דעם אַדמיניסטראַטיוון כאַאָס ביים צונעמען גאַנצע געגנטן פאַר די דייטשן. דאָס כסדרדיקע איבער־טראָגן און איבערציען זיך האָט פון דעסט וועגן פּאַוואַריזירט דעם טייל, וואָס האָבן פאַרפּוילישט זייערע נעמען, געטראָגן צלמים. פּרויען האָבן זיך געפּאַרבט אויף בלאָנד צוליב דער כאַראַקטעריסטיק פון אַריערינס. האָבן אָנגעהויבן וואַקסן צו פיל בלאָנדינקעס — איז מען דורכגעפאַלן. מ׳האָט געלעבט אונטער אַ כסדרדיקער וואַכזאַמקייט אין מורא פאַר מסירה.

פאַלן פון הומאַניטאַרער האַנדלונג מצד פּאָליאַקן ברענגט דער מחבר אַרויס אין אַלע זיינע ביכער. זיי קומען טאַקע אַרויס רעליעפאַרטיק אין דער מיט פון אַזוי פיל רציחה. ווי טראַגיש עס זאָל נישט זיין אַ טייל סיטואַציעס, מיט וועלכע מיר באַקענען זיך אין דעם בוך, מוז מען זיי אָנרופן ספּעקטאַקולאַרע, צוליבן הומאָריסטישן קערן, וואָס זיי פאַרמאָגן. איז דעריבער אַן אויפטו פון מחבר, אַז צווישן די שוואַרץ־גרויע טויזנט און איין געשיכטע פון באַהעלטענישן און לעבן אין קאַנאַלן און לעכער צווישן שטשאָרעס, בלוטמאָרד און וואַנדאַליזם, זאָלן אַ בלענד טאָן די אויבן דערמאָנטע דערציילונגען פון וועלכע איינצלנע זענען אַרויסגע־נומען פון זיין דריי־בענדיקער זאַמלונג „אַרישע פּאַפּירן". מען האָט פון זיי הנאה, זיי זענען אַן אָפּרו, ווייל זיי צווינגען אונדז צו פאַרגעסן די באַריר־שייכות מיט דער דעמאָנישער צייט און באַרייכערן אַזוי אַרום דאָס בוך.

זאָל דאָ דערציילט ווערן צווישן קלאַמערן, אַז אויך דער מחבר פון דעם בוך איז געוועזן איין מאָל דער אָביעקט פון אַ מאַקאַברישן עפּיזאָד, וואָס זיין פינאַל האָט זיך צום גליק געענדיקט מיט אַ שמייכל. ס׳איז איין מאָל אָנגעקומען פון אַמעריקע צו מיכאל באַרוויטשן אַ זאַמלונג לידער פון אומגעקומענע אומבאַקאַנטע דיכטערס, וואָס דאָס פאָלק זינגט,

נישט קענענדיק די נעמען פון די מחברים. אין אָט דער זאַמלונג האָט מ. באַרוויטש געפונען זיינס אַן אייגן ליד פאַרזען מיט נאָטן. ער האָט זיך אויך דערוווסט פון דיכטער א. גלאַנץ־לעיעלעס, אַז ער האָט זיין ליד איבערגעזעצט אויף ענגליש און עס פאַרהייליקט מיט דער צושריפט: „פון אַן אומבאַקאַנטן, אומגעקומענעם דיכטער".

דער אימפּאָזאַנטער פיגור סאַלאָמאָן סטראַוס, אָדער טימאָפעי מאַרקאָ, דער אוקראַאינער פון משהס גלויבן, וועמען דער שרייבער ווידמעט מע־רערע בלעטער פון בוך, וואָס קאָן דינען ווי אַ סימבאָל פון העלדנטום, — וועלן מיר אויך ווידמען עטלעכע שורות. מאַרקאָ איז געקומען פון אַ געגנט באַווינט פון אַן אוקראַאינישער מינדערהייט, וואָס איז אין יאָר 1939 פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָוויעטן, אויפן סמך פון מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך. נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, זענען די דאָזיקע שטחים אַריבער צום דייטשן אָקופּאַנט. אונדזער העלד ווערט פאַרוווּנדעט און איבערגעפירט ווי אַ קריגס־געפאַנגענער קיין פּלאָצק.

מען הייבט אָן איינצופירן אָרדענונג און צו צעטיילן די דריי נאַציאָ־נאַליטעטן באַזונדער: יידן, פּאָליאַקן און אוקראַאינער. סאַלאָמאָן סטראַוס באַשליסט צו פאַרגעסן זיין נאָמען און אָנצוגיין פאַר אַן אוקראַאינער. אין מיטן דער נאַכט אַ באַפעל: „יודן אופשטעהען!" מיט כמעט אַן אָפּ־געשטאַרבן האַרץ ווערט זיין דעציזיע פעסט: ער איז נישט מער אַ ייד. מען צעשיקט שפּעטער די נישט־יידן אַרבעטן צו פּויערים. ווער עס קען אַ ביסל דייטש איז, פאַרשטענדלעך, מער פּריווילעגירט. אָבער מאַרקאָ וויזט נישט אַרויס זיינע קענטענישן אין דייטש. באַהאַלטענערהייט אָבער שלייפט ער זיך אויף דער דייטשער שפּראַך — און העלפט שפּעטער אַרויס זיינע חברים. אין איינעם אַ טאָג מעלדעט אים דער קאָמענדאַנט, אַז דער פירער באַפרייט אים. אַ שטאַלטנער, מיט צוגעשניטענע וואָנסעס, מאַכט ער דעם איינדרוק ווי אַ „ראַסאָווער" אוקראַאינער. די וואַכמענער פון לאַגער אין לאַנדסדאָרף נעמען אים טאַקע פאַר אַ קאָזאַק. אַזוי ווי ער רעדט שוין דייטש, ווערט ער אַ פונקציאָנאַר. ער דאַרף שאַפן די ליס־

טעס פון נעמען פון די אַנגעקומענע אוקראַאינער אין דעם קריגסלאַגער. איין מאָל קומט אַן אוקראַאינישע קאָמיסיע אויף אַ קאָנטראָל. דער נייער קאָזאַק ציטערט. ער טוט זיך אָבער אָן אַ כוח און קומט אַריין צו דער קאָנטראָל מיט אַ דרייסטן אויסרוף: „רום דער אוקראַאינע!" עס הערט זיך גלייך דער איבעררוף: „רום דעם שעף!" איצט דאַרף דער קאָזאַק דורכגיין אַ פּראָצעדור מיט אַ שטיקל עקזאַמען. די בלויזן, וואָס ער האָט אין זיינע מאָגערע רעליגיע־קענטענישן דערזעצט ער מיט פּיפּיקייט און חכמה. אויף דער פראַגע איבער דעם הייליקן סעבאַסטיאַן קאָן ער טאָקע נישט ענטפערן, אָבער ער קויפט אַלעמען אָפּ מיט אַ דרייסטן קלאַפּן זיך אין ברוסט אויפן פלאַץ פון זיין „אוקראַאינער"־האַרץ. טימאָפעי האָט שפּעטער געטראַכט פון דעם אַמאַטאָרן־טעאַטער אין דער היים, אונטער דער אָנפירונג פון יונה זינגער. ווען יענער זעט אים אויסשפּילן איצט זיין ראָלע, וואָלט ער כאָטש איין מאָל צופרידן געווען פון אים.

פאַראַן ביכער וועגן דער געשיכטע פון יידישן אומקום, וועלכע זענען אַ צעשטערערישער וועג, אַ קאָנפוזיע פאַר די ווערטן פון אמת. וואָס שייך מיכאל באָרוויטש קאָן מען זאָגן, אַז נישט נאָר ברייטערט ער אויס דעם געשיכטלעכן האָריזאָנט, נאָר ער מאַכט אים ליכטיקער פאַר אונדז. ער טוט דאָס אויך אין לעבעדיקן וואָרט פון זיינע רעפּעראַטן. רעדנדיק וועגן דעם לעצטן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם אָדער אַנטי־ציוניזם, ברענגט ער אַרויס פּאָזיטיווע זייטן פון פּוילישן פאָלק, וואָס האָט אין די שווערסטע צייטן זיך איינגעשטעלט פאַר יידן.

מיינען מיר, אַז אויך דאָס אַרויסברענגען די נאָבעלע געשטאַלטן, קאָן זיין אַ סיסטעם פון באַשולדיקן, ווייל לויט די הומאַניטאַרע פאַלן קומט בולט אַרויס דער קאָנטראַסט צום מערדערטום. טאָקע צוליב דעם אַרויס־ברענגען אין זיינע ביכער מענטשן, וואָס ווערן פאַררעכנט צו די חסידי אומות העולם, קאָנען — צוליב דער אָביעקטיוויטעט — זיינע באַשריי־בונגען נישט זיין אָפּפרעגלעך נאָר באַגלויבט.

„צוואַנציק יאָר שפּעטער"

דאָס איז אַ נײַ ביכעלע אין דער „מיניאַטור־ביבליאָטעק" פון מיכאל באַרוויטש מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט פון משה וואַלדמאַן, דעם אַרויסגעבער פון דער סעריע.

עס איז גוט וואָס דאָס דערשײַנען פון בוך פאַלט זיך צונויף מיט דער נאָענטער דאַטע פון חודש מאַי, דעם „זיג" איבער דעם וועלטגעשפּענסט, וואָס די פרײַהייטלעכע וועלט וועט פײַערן. דער אָנהייב איז שוין געמאַכט געוואָרן מיט דער אויסשטעלונג פון יידישער גבורה אין מעמאָריאַל פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער אין פּאַריז.

דאָס ביכעלע פון מיכאל באַרוויטש איז אַ געפאַסטער עפּיזאָד פונעם לאַגער־לעבן, ווו עס טרעפט זיך צונויף דער ביאָגראַף מיטן היסטאָריקער. כ'מיין, אַז דאָ האָט גובר געווען די זעלבסט־דיסציפּלין פון אַ היסטאָריקער. ערטערווײַז שיקט דער מחבר אָפּ דעם לייענער צו די אויסגעברייטערטע טעקסטן פון זײַנע פריערדיקע ביכער.

ווי מיר ווייסן, איז באַרוויטש געווען קאָמענדאַנט אין דער פּוילישער רעזיסטאַנס. אין יאַנעווער לאַגער לערנט ער אויף דער פּריטשע מאַנעווּרירן מיט אַ רעוואָלווער און האָט אויך דאָרט זײַנע תלמידים. מעשה שטן פאַרשפּעטיקט ער דעם פרימאָרגן־אַפּעל און איז פאַרמשפּט צום הענגען. דאָס ביכעלע לייענט זיך ווי אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן. (זייט מוחל פאַרן פאַרגלײַך !).

איר ווערט טייל מאָל אַזוי אַרײַנגעכאַפּט אין דעם סיפּור־המעשה, אַז איר פאַרגעסט מאָמענטנווײַז די אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג...

אָט זיצט ער אין דער צעלע פון וואַנען מען וועט אים פירן צו דער תליה. ער טרייסט זיך אָבער מיטן געדאַנק, אַז זײַנע „פאַרבינדלער פון דרויסן" וועלן אין זײַן פאַרציע ברויט באַווײַזן אַרײַנצופירן די נײַטיקע דאָזע ציאַנקאַלי... זײַן פאַרצווייפלונג, וואָס הענגט אויף דעם דינעם פאָדעם פון דער דאָזיקער האָפענונג, כדי אַליין זיך צו געבן דעם טויט, רייסט זיך איבער. די אילוזיע ווערט פאַרביטן אויף דער „לעצטער"

אַנטוויקלונג. ער פֿאַרשלינגט די פּאַרציע ברויט אין אַ פֿאַרנעפּלטן געדאַנקען־פּלאָנטער און וואַרט... אָבער דער סוף קומט נישט, נישט געווען קיין סם.

אין דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" איז פֿאַראַן אַן אויפשריפט ביים אַריינגאַנג אין גיהנום: „איר, וואָס גייט אַריין, לאָזט איבער יעדע האָפֿענונג".

אינעם געגעבענעם פֿאַל פֿון מיכאל באַרוויטשעס איבערלעבונגען, קאָן מען דעם זאָג פֿאַראַפּראַזירן אויפֿן פֿאָלגנדיקן אופֿן: „איר, וואָס גייט אַרויס, לאָזט איבער יעדע האָפֿענונג"... צום נס, איז דער מחבר אַ בעל נצחון. ער פֿאַלט אַראָפּ פֿון דער תליה — און די „גרויסהאַרציקייט" פֿון ס.ס.־מאַן באַגנעדיקט אים, „לויט די פֿאַרשריפֿטן פֿון דייטשן געזעץ".

צוואַנציק יאָר שפּעטער, ווען ער ווערט אַרויסגערופֿן דורכן אויספֿאָרשונגס־ריכטער קיין שטוטגאַרט ווי אַן עדות, טרעפֿט זיך באַרוויטש צונויף מיט זיינע אַמאָליקע הענקער.

פֿריער נאָך, ווי אַ דירעקטאָר פֿון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע, ווערט ער באַשטימט ווי אַן עדות־עקספּערט פֿאַרן העכסטן פּוילישן נאַציאָנאַלן טריבונאַל צו משפּטן די דייטשע גדולים־פֿאַרברעכער מיט די וואויל־קלינגענדיקע נעמען: רודאָלף העס, אַמאָן לעאָפּאָלד געטה א. אַנד. דער פֿולער באַריכט פֿון זיין עדות־זאָגן געפֿינט זיך אינעם בוך „דער פּראָצעס פֿון פֿעלקער־מערדער א. ל. געטה", דערשינען אין 1946 אין וואַרשע.

אַ פֿייערלעכער מאָמענט איז די קאָנפֿראָנטאַציע מיט די מערדער. דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער פֿירט אים צו די אַרעסטירטע.

אָט זעען מיר אים פּנים אל פּנים מיט דעם ס.ס.־מאַן שענבאַך און מיט דעם צווייטן קאַלענקאָ. עס איז שוין איצט כמעט אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן הענקער און מענטש. ביידע קוקן זיך אָן און טוישן אויס אַ פּאָר העפֿלעכע ווערטער. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דער געוועזענער שקלאַף פֿון יאַנעווער לאַגער שטייט ווי אַ מענטש, וואָס באַשולדיקט — און דער רוצח האַלט זיך ווי אַ הכנעהדיקער הונט.

זיי זענען האַניקדיק העפּלעך. עס איז זיי שווער אַרויסצוטשוכען די פֿאַרדאָרבנקייט פֿון זייערע מעשׂים. זיי געדענקען נישט מער, זיי ווילן נישט געדענקען.

דער געוועזענער מוזיקער קאַגיטאַ, „וואָס פּלעגט טיילן ברויט און שיסן ביי יעדער געלעגנהייט”, זעט אויס גוטמוטיק און מאַכט אַן איינ־דרוק פֿון אַן אַרטיסט. פּאַקטיש איז דאָך זייער זיצן אין תּפיסה ווי פֿאַר־ברענגען אין אַן אָפּרוהויז. אַלע הענקער, וואָס דער מחבר פֿון בוך באַ־געגנט, זענען אויס מילד, שטוינענדיק, פּשוט, ממש מענטשלעך.

אין דער דערציילונג פֿון הערבערט וועלס „דאָס אינדזל פֿון דאָקטאָר מאָראָ” ווערט דערציילט ווי דער שרייבער ווערט פֿאַרוואָרפֿן אויף אַן אינדזל און געפֿינט זיך מיט אַ כירורג־עקספּערימענטאַטאָר, וואָס פּרוווט דורך וויוויסעקציע הומאַניזירן ווילדע חיות. ער פֿלאַנצט איבער אברים און באַקומט עקזעמפּלאַרן פֿון פֿאַרמענטשטע חיות, וואָס גייען אויף צוויי פֿיס, עסן מיט איין לאַפּע, קענען די אויסגעלערנטע „ליטאַניע”, וואָס מען חזרט מיט זיי איין טאָג טעגלעך אַא״וו. נאָר דער עיקר פֿון דער קאָשמאַרנער דערציילונג איז, וואָס דער פֿאַרמענטשטער וואָלף אָדער היענע, זענען געוואָרן אומשעדלעך. עס גענוגט אָבער, אַז דער כירורג זאָל פֿאַלן אַ קרבן פֿון זיינע עקספּערימענטן, אַז אַלע זיינע הומאַניזירטע חיות זאָלן צוריק אַריין אין דער ערשטער סטאַדיע פֿון בעסטיאַליטעט.

עס זענען פֿאַרביי צוואַנציק יאָר. ווען זייער אייגענע מפּלה האָט אָפּגעשטעלט די מאָרדמאַשין, האָט זיך די בעסטיע צו ביסלעך הומאַני־זירט. אפשר האָט טאַקע ד׳ מאַסקע פֿון דער צייט, וואָס די יאָרן אַקערן אַריין אין פּנים, אָפּגעווישט דעם פֿאַרברעכערישן פּרצוף, וואָס איז אין יענער צייט געווען די אמתע קלישע פֿון דער צעפֿוילטער נשמה? גיט זיי אָבער נאָך אַ מאָל די פֿרייהייט און עס וועט נישט זיין די זיכערקייט אַז זיי וועלן נישט ווידער ווערן די היענעס אין דער דערציילונג פֿון וועלס!

ד״ר מיכאל באָרוויטש שרייבט אין דריי לשונות: פּויליש, פֿראַנצוי־זיש און יידיש. די לעצטע איז טאַקע די שפּעטער דערוואָרבענע שפּראַך.

ער איז געניגט צו פראַנצייזישע אויסדרוקן. געפינען מיר טאַקע אַ ריי פראַנצייזיש־פּאַריידישטע ווערטער מיטן צוגאָב פון די סופיקסן, ווי צום ביישפּיל, „אַבסעסיע", „פּערסוואַזיע", „דעמענטירן" אא"וו.

עס איז פון די גרויסע מעלות, וואָס זיין דראַמאַטישע דערציילונג איז ניואַנסירט מיט אַ לייכטער הומאָר־ווייכקייט, וואָס אַנטשפּאַנט פון מאָל צו מאָל דעם לייענער.

קריגן געשלאָגן מכות־רצח רופט ער „אַריינפּיר־סכסוך". אָדער „כ'האָב איינקאַסירט אַ שטאַרקן זעץ פון זיין פויסט". אַנדערשוווּ: „צוויי אימפּאָזאַנטע שפּורן", ווען עס האַנדלט זיך אין קוילן־שאָסן אין זיין פּוס. זיין לעצטער ציטאַט איז: „דער לאַגער צעלייגט זיך איצטער אין זיין גאַנצער שוידערפּראַכט".

דעם דאָזיקן געלונגענעם שידוך פון די צוויי אָפּאָזיציאָנעלע אויס־דרוקן, וואָס ווירקן אויף דער סענסיביליטעט פון אַ פיינעם לייענער, טרעפן מיר אָן אין דער פראַנצייזישער שפּראַך.

„דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ"

מיכאל באַרוויטש האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער ליטעראַטור ווי אַ דיכטער. דער היטלער־קאַטאַקליזם און זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען האָבן איבערפאָרמירט זיין מוזע: ער איז געוואָרן אַ היסטאָריקער. זיין פּראָזע, וואָס אַנטהאַלט סובטעלקייטן און בעלעטריסטישן גלאַנץ האָט נישט צו טאָן מיט פיקטיווע באַשרייבונגען. ער קאָנצענטרירט זיך גראָד אויף דעם האַרבסטן רעאַליזם פון דער מאַקאַברישער צייט — און דאָך דאַכט זיך אייך, אַז אויף זיינע ווערק פלאַטערט אַ ראָמאַנטישער שלייער, נישט בלויז דערפאַר, ווייל מען פילט דעם צאַפּל פון מחבר, נאָר אויך צוליב דעם אופן פון איבערגעבן געשעענישן.

מיכאל באַרוויטש האָט ביי פיל פון זיינע לייענערס זיך איינגעשאַפט קרעדיט ווי אַ היסטאָריקער. זיין קאָמפּעטענץ האָט אים באַשטימט צו זיין

אַן עדות־עקספּערט אין די נירנבערגער פּראָצעסן. זיין ווערק „די כתבים פון צום טויט פאַרמשפּטע״, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר, איז דער בעסטער אַטעסטאַט, אַז ער קאָן דינען ווי אַ צענטראַל־לער פּונקט פאַר קאָאָפּעראַציע מיט שרייבערס, פאַראינטערעסירטע אין דער חורבן־עפּאָכע.

איך בין באמת אין אַ פאַרלעגנהייט בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, געווידמעט זיין בוך „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ״, ווייל דעם שאַפן פון מיכאל באַרוויטש וואָלט מען באַדאַרפט ווידמען אַ בכבודיקע מאָנאָגראַפיע. אַז ער האָט דאָס פאַרדינט זענען עדות זיינע צוויי צענדלינג ביכער אין דריי שפּראַכן.

אָט ליגט פאַר מיר זיין ספר „טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פּוילן״, אַ רייך אילוסטרירטער אַלבום אין פינף שפּראַכן: יידיש, פּויליש, עברית, ענגליש און שפּאַניש. דאָס ספר איז ממש אַן ענציקלאָפּעדיע פון יידן אין פּוילן, אויף אַלע געביטן פון זייער לעבן און שאַפן ביזן יאָר 1944. ווי אַ געשיכטע־ליבהאָבער און דורך נסים געראַטעוועטער ייד, האָט ער דעם ספר געשאַפן מיט אַ סך פּיעטעט, אַזוי ווי אַזאַ מאָנומענט פאַרדינט. אין אַריינפיר־וואָרט זאָגט דער מחבר, אַז דאָס איז נישט קיין אָפּגע־שלאָסענע געשיכטע ביז צו די לעצטע געשעענישן, נייערט „אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פון המשך״ — און אין דעם גייסט זאָגט ער צו אַ צווייטן באַנד, וואָס זאָל אַרומנעמען די געשעענישן און דערשיינונגען פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע־צייט און די נאָך מלחמה־יאָרן. אין דעם אַלבום זענען פאַרעפּנטלעכט אַ ריי דערמוטיקונגס־בריוו פון פּער־זענלעכקייטן, ווי יוסף שפּרינצאַק, יצחק גרינבוים, בערל לאָקער, פּראָ־פעסאָר קיוועלאָוויטש א. אַנד. עס שרייבט אָפּאַטאָשו: „טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פּוילן״ דאַרף געשריבן ווערן אַזוי ס׳זאָל לייכטער זיין צו לעבן, ס׳זאָל כאָטש לוינען אומצוקומען פאַרן לעבן״.

דאָס האָבן טאַקע ממשותדיק באַוויזן די קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ. נישט בלויז מיט טינט, נאָר מיט דער חתימה פון זייער אייגן בלוט.

מיטן איצטיקן בוך „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" האָבן מיר פאַר זיך אַ ווערק מיט מאַטעריאַלן, פאַרצייכנט און געזאַמלט ס׳רוב אין רינגעלבלום־אַרכיוו. אַ שלל מיט אויסגענוצטע קוועלן איז איצט פּרעזענטירט אין פראַנצייזיש דורך מיכאל באָרוויטש.

דאָס איבערשאַפן און אַרויסגעבן אַ טייל פונעם אַרכיוו אין אַ בוך־פאָרעם איז אַ גרויסער אויפטו און עס שטעקט אין דעם אַ געוואַלדיקע טעכנישע אַרבעט. טאַקע נאָר אַ היסטאָריקער, וואָס קאָן זיך אידענטיפיצירן מיט די יעניקע, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן פאַרן כבוד פונעם יידישן פאָלק האָט געקאָנט אַ שווים טאָן אין זיין עלעמענט און זיך אַן עצה געבן מיטן דאָזיקן מאַטעריאַל.

אמת איז, אַז מען לייענט נישט לייכט קיין חורבן־ליטעראַטור. פאַראַן אָבער ביכער, וואָס באַצווינגען אייך. עס דאַכט זיך, אַז מען הערט די מוטיקע און דערמוטיקנדיקע רופן צום קאַמף פון די יונגע זין און טעכטער — און דער דאָזיקער רוף טוט אונדז אָן דעם כוח מיטצוגיין דעם איבערמענטשלעכן וועג פון די ווידערשטענדלער.

מיר לייענען דאָס בוך, קוקן אויף די אילוסטראַציעס, ווי די ס.ס.־לייט שטייען מיט די ביקסן אַנטקעגן אַ גרופּע הילפלאָזע יידן, אויסגעמאַטערטע קינדער, שאַטנס און אַדערן... מיר לייענען די פאַרצייכענונגען און פרעגן זיך אַליין, וועלכע פון זיי זענען מער דראַסטיש, כדי צו געבן אין קורצע שורות אַן אינפאָרמאַציע בילד פון בוך? אָט דאָס קליינע יינגעלע אויפן שער־בלאַט מיט די הענטלעך אין דער הייך, וואָס קאָן אויך זיין דער סימבאָל פון דער קינדער־מאַרטיראָלאָגיע, איז דער בעסטער עדות פון די רציחות, וואָס דאָס בילד אַליין דערציילט.

גלייך ווי די יידן האָבן זיך געפונען אונטער דער היטלער־פאַרשקלאַפונג, איז געפאַלן די פאַראָרדענונג פון קאַמף און קעגנזייטיקער הילף, באַדייטנדיק אונטערגעשטיצט פונעם דזשאָינט, וואָס האָט קאָאָרדינירט אַלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס. אמת, אַז לייזן דעם הונגער־פּראָבלעם און זיינע קאָנסעקווענצן איז מען נישט געווען ביכולת, טראָץ אַלע מאָביליזירנדיקע כוחות. ס׳איז אָבער ווערט אונטערצושטרייכן דעם פאַקט,

אַז דאָס האָט אויפגעהאַלטן און פאַרלענגערט ס׳לעבן פון דער אויסגעמאַטערטער באַפעלקערונג, וואָס האָט געהאַט דערווייל אַ שטיקל מעגלעכקייט צו גרייטן זיך צום ווידערשטאַנד. באַזונדערס האָט די אָרגאַניזאַציע „איקאַר״ געשטאַרקט דעם גייסט פון די פאַרשפאַרטע אין געטאָ, מיט געהיימע אַרטיסטישע און ליטעראַרישע אויפטריטן. ווי גוט האָט עס געמוזט זיין דעמאָלט צו קענען זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען ביי דעם היימישן פייער פון אַ שלום־עליכם, אַ מענדעלע, אַ פּרץ א. אַנד. אַלע אינטעלעקטועלע כוחות זענען צוגעשטאַנען צום גייסטיקן ווידערשטאַנד. די געהיימע פּרעסע, פּעריאָדישע אויסגאַבעס, קלובן און קינדער־פאַרווילונגען; אפילו אַ פאַקולטעט פאַר מעדיצינער, ווו מען האָט באַקומען אין געהיים לעקציעס. „דער הונגער אַליין איז געוואָרן אַן אָביעקט פון ווּיסנשאַפטלעכע פאָרשונגען״, וואָס דאָס אַליין האָט געקאָנט טיילוויז מנצח זיין דעם הונגער.

די געטאָ איז געווען אַ וווּנדערלעך אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו פון צוזאַמענאַרבעט אויף נייטיקע געביטן: אין רעזולטאַט דערפון אַ קאָנסטרוקטיוו מיטל צום אויסדויער. וואָס מער דער מערדער האָט צעטרעטן די נשמה און דעם גייסט פון ייִד, אַלץ שטאַרקער האָט זיך געוועקט דער ווילן און עקזאַלטאַציע זיך קעגנצושטעלן. צי זאָל דאָס זיין ד״ר רינגעלבלום מיט זיינע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן פאַרשריבן און באַהאַלטן, עס זאָל בלייבן אַ דאָקומענט פון ליידן און העראָאיק, צי דער ענערגישער און באַליבטער מרדכי אַניעלעוויטש, אריה ווילנער, יצחק קאַצענעלסאָן — און דער פאָטער פון אַלע טאַטעס, ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק, ביז דעם פאַרוועלקטן אַנאָנימען קינד, וואָס איז דורך אַ שפּאַרע אַרויס פון געטאָ, כדי צו פאַרשאַפן אַ ביסן ברויט זיין משפּחה. (אגב, האָט מען דעם ייִדישן קינד נישט געווידמעט גענוג פּלאַץ אין דער חורבן־ליטעראַטור). זיי אַלע וועלן לייכטן אין דער געשיכטע אויף אַלע אייביקייטן.

די פאַרניכטונג איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז אפילו די באַוווּסטע אַנטיסעמיטן האָבן אין אָנבליק פון די רציחות אין געהיים פּראָטעסטירט. אין דער „מגילה פון פאַרניכטונג״ גיט דער מחבר אָן די דערמאָנטע

נעמען: אַדאָלף נאָוואַטשינסקי (אַ קלינגענדיקער פּאַמפּלעטיסט, וועלכן מען האָט גערופן דער פּוילישער שאַרל מאָראַס), סטאַניסלאַוו פּיאַסעצקי (דירעקטאָר פון דער וואָכנשריפט „פּראָסטאָ ז מאָסטו״, דער וואָרטזאָגער פון דער נייער כוואַליע פון דינאַמישן אַנטיסעמיטיזם) און יאַן מאָסדאָרף (שעף פון די נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלן פון היטלערישן טיפּ). יעדערער פון די אויסגערעכנטע האָט זיך באַמיט פּערזענלעך און אויף זיין אופן צו האַמעווען די רציחות, אָבער די גאַנצע באַנדע, זייערע תלמידים, האָבן נישט געהאַט קיין מוט נאָכצופאָלגן דער געענדערטער טאַקטיק לגבי די יידן.

פון דער אַנדערער זייט זענען געווען אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פּאַוואָריזירט די קאַנאַליע מיט וואָרט און טאַט. עס קומט טאַקע אויס, אַז עס זענען געווען מער אַנטאַגאָניסטן, יידן־שונאים, ווי מיטווירקער. מיר זעען דאָס אין גאַנג פון לייענען, ווי געטריי די פייערלעשער און די פּוילישע פּאָליציי האָבן בייגעשטייערט צום כוח פון די ווילדע היט־לער־משוגעים.

ווען די געטאָ האָט געברענט, איז דאָס פאַר אַ טייל פון דער פּוי־לישער באַפעלקערונג געווען אַ ספּעקטאַקל. זיי האָבן נאָר אין זינען געהאַט צו בעטן, אַז דער ווינט זאָל נישט איבערטראָגן די פלאַמען אויך צו זייערע הייזער.

אַ באַזונדער פּאַטעטיש קאַפּיטל אין דעם בוך איז געווידמעט דעם פּאַבריקל פון צינד־מאַטעריאַל און פלעשער. מיר פילן לייענענדיק ווי דער נקמה־הונגער ברענט איבער דעם אָרגאַנישן הונגער. פאַרשאַפן זיך געווער איז געווען די צענטראַלע זאָרג פון די דעצידירטע צו שטאַרבן, האָבנדיק פריער גענומען נקמה.

דאָס בוך פון ד״ר מיכאל באָרוויטש איז ווידער אַן אויטענטישער באַווייז, ווי אומבאַדינגט נייטיק עס איז אַרויסצובריינגען יידישע סיוזשעטן אין פרעמדע שפּראַכן.

ל. לענעמאַן

„אין אַן אַנדערער וועלט"

יעדעס בוך וועגן ראַטנפאַרבאַנד, אין וועלכער עס זאָל נישט זיין ליטעראַרישער פאָרעם, איז אַ קוואַל פאַר געשיכטע־פאָרשערס וועגן דעם טאָטאַליטאַרן רעזשים פון דאָזיקן לאַנד. ל. לענעמאַן, וואָס איז איבער־געקומען די מלחמה אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט אָנגעזאַמלט אַ גרויסן באַ־גאַזש מיט דאָקומענטן, כראָניקס, איבערלעבונגען און גבית־עדות.

אין יאָר 1959 איז אין פּאַריז דערשינען זיין סענסאַציאָנעל, אינטע־רעסאַנט בוך: „די טראַגעדיע פון יידן אין או.ר.ס.ס." אין פראַנצייזיש און איז בשעתו געפּרייזט געוואָרן. דאָרט איז אויפגעקניפּט דער פּלאָנטער פון דער אומגעבראַכטער יידישער עליטע, דער היסטאָרישער מיטאָס פון ביראָבידזשאַן און אַ שלל מיט מעשים רעים, וואָס באַשיינט גאָרנישט דאָס פרצוף פון דער אַזוי גערופענער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. אָבער דאָס בוך פון אַריבער דריי הונדערט זייטן האָט נאָך נישט געהאַט אַלע אַרגו־מענטן און איז דער עיקר געווען געווידמעט דעם יידן־פּראָבלעם אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל. דאָס איצטיקע בוך „אין אַן אַנדערער וועלט" זענען זכרונות, וואָס גיבן אַ וויטערדיקע מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין דעם סודותדיקן לאַנד.

דאָס ערשטע בלאַט פון דעם בוך עפנט זיך אויף מיט אַ צוואה פון אַן אַלטן, שטאַרבנדיקן גאָלדגרעבער, לענעמאַנס אַ שכן אינעם לאַגער אויף צוואַנגסאַרבעט. ער בעט איבערצוגעבן זיין זון די צוואה, אַז ער זאָל מער נישט גראָבן קיין גאָלד, ווייל די איידלע פּראָפעסיע פון גראָבן דעם שענסטן מעטאַל איז באַפלעקט געוואָרן מיטן בלוט פון פאַרשיקטע שקלאַפן־אַרבעטער.

אין אַלע שווערע סיטואַציעס ביי דער ראַטנמאַכט, האָט פון דעסט וועגן אַ געבילדעטער אַ שטיקל פּריווילעגיע. באַפרייט מען לענעמאַנען פון לאַגער, ווייל מען דאַרף האָבן ביי די אוזבעקן אַ לערער פון דייטש. ביי די אוזבעקן דייטש? נו, מ׳האָט דאָס איינגעפירט נאָכן פאַקט מאָלאָ־טאָוו — ריבענטראָפּ, איז דאָס שוין פאַרבליבן אויך בעת די פיינטלעכע באַציאונגען, אין סאַמע ברען פון קריג. דער פאַרשטייענדיקער עקזאַמען פון דייטש, וואָס ער דאַרף אַדורכמאַכן באַאומרואיקט אים; ער האָט נישט קיין פולע קוואַליפיקאַציעס דערויף.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער נייער לערער פון דייטש האָט זיך באַקענט מיט די „פּראָגרעסיווע" לערן־השגות. דער שול־דירעק־טאָר, נאַכים טאַמיראָוו, גיט אים די ערשטע אינסטרוקציעס און פאַר־היימישט זיך גלייך מיט אים אויף „דו".

ס׳איז געווען נאָענט פון דער גרויסער פייערונג ביים סוף פון לערן־קוואַרטל. די בענק אין די קלאַסן שיטער באַזעצט, — און די שילער, אויסגעהונגערטע. דערווייל שטעלט דער לערער די פאַרדינטע מיינונגען, לויט די קענטענישן פון די תלמידים. דער רעזולטאַט איז אַ נעבעכדיקער. עס דאָמינירט די מיטלמעסיקייט און נאָך דערונטער. ל. לענעמאַן האָט נאָך נישט געוווסט, אַז דאָס שטעלן די מיינונגען לויט די פאַרדינסטן פון די שילערס וועט זיין אַן אַקט פון קאָנטער־רעוואָלוציע... קומט מען טאַקע אים וועקן אין מיטן דער נאַכט און מען רופט אים צום שול־דירעקטאָר. דאָרט באַקומט ער אַ לעקציע פון אויפגעקאָכטן שול־דירעק־טאָר, מיטן גאַנצן רוסישן זידל־וואָקאַבולאַר.

„די שולע גרייט זיך צו באַקומען די רויטע פאָן פאַר איר אויסצייכענונג — און דאָ, נאַ דיר אַזאַ סאַבאָטאַזשניק מיט קאַפּיטאַליסטישע נייגונגען צו דינען דעם אמת".

ל. לענעמאַן איז ביסלעכווייז געוואָרן אימוניזירט קעגן דעם ווירוס פון אַלערגיע צו די סאָוויעטישע באַדינגונגען. — גלייך אין מיטן דער נאַכט, האָט ער געמוזט אַדורכפירן די „טשיסטקע" אין די „פּאַרפּאַטשקע־טע" קאַיעטן — און אַלץ ענדיקט זיך גוט און מיט אַ קאָמפּלימענט פון

די פּאַרטיי־פּאַראַנטוואָרטלעכע, פֿאַר די אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן פֿון לערערקורס.

לאַזאַר טאָביאַשעוויטש (לענעמאַנס פּאַרנאָמען און דער נאָמען פֿון פֿאָטער) האָט זיך אויסגעגלייכט מיט די מיינונגען און אים איז לייכטער געוואָרן. ער פֿילט נאָך אָבער דאָס ביטערע אויג פֿון שול־דירעקטאָר אויף זיין זייגערל... דער איינציקער איבערבלייב פֿון דער היים.

דער עפּיזאָד פֿון דער אַנקעטע פֿאַרן ראַפּאָרט, הייבט זיך אָן מיטן באַזוך ביי מאַכמאַדאָוו, דעם קאָלכאָזניק און איז זייער אָנציענדיק און פּלאַסטיש געשילדערט. ס'איז אינטערעסאַנט ווי דער קאָלכאָזניק טרויט זיך אָן פֿאַרן לערער און האָט נישט מורא פֿאַר קיין מסירה. ער דעקט אים אויף סודות, וואָס באַרייכערן דעם נייגיריקן שרייבער, כדי ער זאָל דערפֿון קאָנען דערציילן דער וועלט. ער ווייזט אים אַ פֿעלד מיט פֿאַר־זשאַווערטע טראַקטאָרן. בלויז איין טראַקטאָר פֿון די ניי צוגעשיקטע מאַשינען האָט אַ שטיקל צייט פֿונקציאָנירט; די רעשט טראַקטאָרן האָבן געזשאַווערט. זיי זענען געווען הויל, אַמפּוטירט פֿון די קלענערע באַ־שטאַנדטיילן, — אויף צו ראַטעווען בלויז איין מאַשין.

די מעשה מיטן אויפֿשרייבן דעם ראַפּאָרט ענדיקט זיך אויך מיט אַן אויפֿטרייסלענדיקער איבערלעבעניש, וואָס דראָט מיט פֿאַרשיקונג. נישט געפֿעלן געוואָרן דער ראַפּאָרט, נעמט דאָס איבער אַ העפֿלעכער נ.ק.וו.ד. ער אַליין וועט מאַכן דעם ראַפּאָרט, דער לערער זאָל אים בלויז אונטער־שרייבן... דער אויסוועג איז צו מאַכן אַ „ויברח״.

דאָס אַנטלויפֿן האָט אויך באַגינסטיקט דאָס אָפּראַטעווען זיין האַנט־זייגערל, אויף וועלכן דער שול־דירעקטאָר האָט געזאָלט ווערן דער בעל־הבית. איידער לענעמאַן אַנטלויפֿט, זעען מיר אים נאָך אויפֿן באַזאַר ביי דער פֿאָלקס־פֿייערונג. ער באַמערקט דורך אַ שפּאַרע פֿון דער מענטשן־מאַסע, די מאַכטהאָבער, וואָס האָבן שיער נישט דעצידירט וועגן זיין לעבן. געוואַגטקייט איז נישט אַלע מאָל אַ גוטער ראַטגעבער; אָבער אַ גוטע מיינונג קומט יעדנפֿאַלס דעם שרייבערישן שדל פֿון נייגיר ביים מחבר.

כראָנאָלאָגיש איז דאָס נישט דער ערשטער ריזיקאַלישער שריט. מיר באַגעגענען אים פריער מיט דעם באַשריבענעם קאָיעט פון לאַגער ביים סעאַנס פון פאַרלייענען אַ דערציילונג פאַר אַ יידישער משפחה.

אַ סך טראַגישער הומאָר איז באַהאַלטן אין די באַשרייבונגען, וואָס לייענען זיך ווי אַ גוטער ראָמאַן. אַלע גליטשיקע וועגן אויף וועלכע דער מחבר קערעווועט אַדורך זיין לעבן, פּילט מען שאַרף אָפּ.

אָט איז דער שרייבער אין דער שטאָט פערגאַנאַ, ווו ער ווערט דער „גלאַוובוך״, דאָס הייסט, דער רעכן־מייסטער, אין דער רעדאַקציע פון „פערגאַנסקאַיאַ פּראַוודא״. באַלד ביי די ערשטע אינסטרוקציעס פון בוכ־האַלטעריע, ווערט דער העלד אַריינגעצויגן אין דער טאָפּלער בוכהאַל־טעריע.

זייער אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז די פּאַספּאָרטיזאַציע: דאָס אויפ־צווינגען דעם רוסישן פּאַס און דאָס באַפרייען די פּוילישע בירגער פון די לאַגערן, ביים פאָרמירן די פּוילישע אַרמיי.

מען דאַרף גאָרנישט אַריבערקוקן צו יענער וויטער צייט, כדי צו קאָנען אונטערשטרייכן, אַז די פּרעסע פון ראַטנפאַרבאַנד איז אויס־געפּילט מיט אַ נודנעם מאַטעריאַל פון פּראָפּאַגאַנדע: מיט קאָלכאָז־נייעס, איבערשטייטיק־נאָרמעס אד״גל. ווייל מען אַ צענטראַלע צייטונג, באַקומט מען זי נאָר, ווען מען נעמט אַ גאַנצן קאָמפּלעט מיט אַ צולאָג פון אַ פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור פאַר אַ פאַלנעם רובל. ווער עס האָט אַ חוש פאַר האַנדל, שטעלט זיך צוויי מאָל אין דער ריי, כדי צו פאַרקויפן אויף „שוואַרץ״ אויפן באַזאַר, ווו מען באַקומט אַמאָל אויך אַ נאַפטלעמפּל פאַר אַ גאָר געהויבענעם פּרייז... שנעל צעגייען זיך די צייטונגען ווי אַ רויך. דערפאַר איז אויך פּאַסיק צו זאָגן, אַז דאָס איינציקע פאַרגעניגן, וואָס דאָמינירט ביים פאַרשאַפן זיך אַ צייטונג, איז דאָס מאַכן זיך אַ וויקעלע פאַר דער מאַכאָרקע און האָבן דעם געניס פון ר ו י כ ...ניות.

עס גייען אַדורך אינעם בוך יידישע שרייבערס, איינגעוואָקסענע אינעם לאַנד פון דעם שווערן רעזשים, ווו דער שטאָלענער גאָט סטאַלין קאָן מיטן קלענסטן פינגערל וועלטן איינוואַרפן.

פּאַסטערנאַקס אַ ליד טראָגט מען אַרום אין געהיים און מען לייענט עס זיך צווישן אייגענע. אָבער ווען עס גיט אַ בלענד אַדורך דער פּאָעט פּרץ מאַרקיש, דער אומגליקלעכער קרבן פון סטאַלין־בעריאַ־תקופה, איז ער נאָך אַלץ נישט קיין דאָאיקער... נאָך אַלץ אַ פאַרגלויבטער אין סאָציאַ־ליסטישן אמת — אָדער אפשר שפּילט ער אויך דעמאָלט קאָמעדיע?

איבערגעלייענט דאָס בוך, בלייבט מיר צו שטעלן אַ פראַגע: נאָך וואָס האָט דער מחבר אונטערן טיטל צוגעגעבן „איבערטראַכט און באַ־אַרבעט מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער אין פאַריז"? נאָך וואָס די דאָזיקע באַוואָרעניש? דער שרייבער האָט געמעגט איבערטראַכטן, באַאַרבעטן און אויפוואַרעמען די זכרונות, לויט זיין שכל און געשמאַק און פאַרבינדן זיי מיט דער אַקטועלקייט. אָבער שענער איז צו דערלאַנגען דעם פאַר־טיקן מאכל, דער לייענער וועט שוין אַליין געפינען דעם „רעצעפּט" אין דעם בוך זעלבסט.

אַ גרויסער שאָד איז, וואָס דאָס בוך איז דערשינען מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער. ל. לענעמאַן זאָגט נאָך צו אַ ווייטערדיקן באַנד. שטעלן מיר זיך פאָר, אַז דאָס קומענדיקע בוך וועט זיין אַ ווייטערדיקע דאָקו־מענטאַציע פון דעם לעבן פון מענטשן אונטער דעם רעזשים, ווו עס עקסיסטירט נישט קיין מאָראַלישער קאָנטראָל, ווייל עס עקסיסטירט נישט דער מענטשלעכער אידעאַל פון פרייהייט.

בינעם העלער

„נייע לידער"

אויב מיר זאָלן מסכים זיין מיט דעם געדאַנק פון פראַנצייזישן פּאָעט אַלפרעד דע מיסע, אַז די סאַמע פאַרצווייפלטסטע דיכטונג איז די שענסטע — איז דאָס בוך פון בינעם העלער זיבן מאָל שענער. יעדעס ליד איז אַ פערזענלעכקייט, כ׳וואָלט זאָגן אַ הדרת פנים פון עכטער דיכטונג. מען מוז זיך טאַקע אָנטאָן אַ כוח, נישט סתם לייענען — נאָר איבערלעבן און אין דער געשפּאַנטקייט געניסן. און ווייל איך האָב זיי טאַקע אַריינגענומען אין מיר מיט דער געהעריקער סענסיביליטעט, וועט דער ניגון פון די מעלאָדישע לידער זייער לאַנג פאַרבלייבן אין מיין אויער.

איך האָב איצט ווידער געלייענט זיין רירנדיקן ציקל לידער „דער רוף", פון זיין זאַמלונג „ביים ראַנד" (1957) און עס איז מיר קלאָר געוואָרן פאַר וואָס דער אַלטער ווייטמוט האָט זיך אַריבערגעצויגן אויפן גאַנצן שטח פון זיין איצטיק בוך.

בינעם העלער האָט דעמאָלט איבערגעלאָזט אַלע חורבות הינטער זיך, איז געקומען אין לאַנד ווי אַ נשרף — אין ברייטן זין פון אָט דעם וואָרט. די גרייט-פריינדלעכע מדינה, די בלענדיקע זון, די פרייע האָריזאָנטן האָבן פאַרכאַפּט דעם דיכטער, האָבן אים איינגעשלעפערט ווי אַ גוטער געטראַנק און אָפּגעווענדט זיין אויפמערק פון זיינע אידייאישע אַנטוישונגען. אין רעזולטאַט דערפון האָבן מיר באַקומען פון אים דעם ציקל מלכותדיקע ישראל-לידער, אַרויסגעזונגענע מיטן גאַנצן פייער פון באַגייסטערונג, וואָס האָבן געווירקט אויף דער אָנגעברוגזטער מיטן דיכטער וועלט, ווי אַ פרילינג-ווינטל.

מיר האָבן געלייענט זיין ליד, וואָס איז פון אַלע קולטן געקומען צו דעם קולט פון דער נאַטור — און צו זיך אַליין. די אינזיכיקע אַליינ־שטימע, דאָס אינטימע האַרץ אויף דער האַנט איז צוגעפּאַסט צום מהות פון וואָרער דיכטונג. ווי נאָר די באַגייסטערונג האָט אַ ביסעלע נאָכגע־לאָזט — און כאָטש דער דיכטער האָט זיך באַזעצט אין יידישן לאַנד און זיין ליד אַזוי גוט ווי ער אַליין, געניסן פון פרייהייט אין אַלע דימענסיעס — איז צוריקגעקומען דער אַלטער נישט אַרויסגעשריגענער קאָשמאַר: דער מענטש אַנטקעגן זיך אַליין.

יעדעס ליד שלאָגט אין דיר אַריין זיין אינטענסיווע דראַמאַטישקייט און באַצווינגט דיך צו טראַכטן וועגן דעם דיכטער און זיין שאַפן.

געלעבט אַ העלפט פון זיין לעבן אין אַן אוטאָפּיע, אַז די וועלט וועט ווערן אויסגעלייזט דורכן קאָמוניזם, וואָס דאַרף ברענגען ברידערלעכ־קייט און גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, איז העלער אַריבער פון האָפערדיקן דרייסטן ליד פון אַ רעוואָלוציאָנער צו אַ צווייטן עקסטרעם: על חטא און באַדויער. דאָס שולד־געפיל פירט אים פון ליד צו ליד און לייגט אַרויף אַ חותם כמעט אויף אַלע זיינע לידער. יעדער שיר איז שיין און איז דעריבער די פּראָבע פון אמת און עכטקייט. דאָס וויל נישט זאָגן, אַז בלויז די חרטה־לידער זענען אַזוי. אויך יענע לידער, ביי וועלכע דער דיכטער האָט פאַרברענגט אַ האַלב לעבן, זענען געווען עכטע. אין דער פאַרגלויבטקייט פון אַן אידייע האָבן זיינע אַמאָליקע לידער זיך אויס־געצייכנט מיט פּראָפּאַגאַנדישער נאַאיוויטעט, וואָס קאָן דינען ווי אַ סינאָנים פון גלויבן. נאָר אַ קינסטלער איז, ווייזט אויס, נישט באַשאַפן אויף איבערצומאַכן אַ וועלט, נייערט אויף זי צו באַשיינען מיט זיין אינערלעכער וויבראַציע און זי צו געבן אין דער פאָרעם אין וועלכער ער צייכנט זיך אויס.

איצט איז בינעם העלער געקומען פון דער וויזיע וועגן אַ קאָלעק־טיוו צו דער וויזיע פון זיך, צו אַן אינטימען אויסגוס פון דער אייגענער נשמה. זיין גאַנצע זאַמלונג איז אַ נאָבעלער פלוס פון טרויער. דער דיכטער קומט מיר פאָר ווי אַן אַנטוישט קינד, מיט וועמענס גלויבן מען האָט מיסגעברויכט — און וואָס קאָן נאָך זיין תמימותדיקער ווי גלויבן?

אַט איז אַ סטראָפע פונעם ליד „אַ שיינעם דאַנק״; העלער זינגט מיט זיכערקייט:

„אַ יונגער איז דער ניגון ווי די ערד,
אַ לייכטער ווי אַ פויגלפלי, דער שאָטן.
אויב האָסטו אים כאָטש איין מאָל בלויז געהערט,
וועט אייביק נאָכגיין דיר דאָס ליד אָן נאָטן״.

און עס איז טאַקע אמת. אַ גוט ליד גייט טאַקע נאָך.

„איך לאָז נאָך זיך פון לעצטן וועג דעם שטויב,
און זאָל דער וויסטער מדבר מיך פאַרשרפען.
אַבי איך זאָל נישט זינגען אייך קיין לויב —
און אייער חסד זאָל איך מער נישט דאַרפן״.

דער דיכטער קאָן נישט אַזוי לייכט פאַרגעסן און גראָבט אויף די פאַרלוירענע וועלט:

„און איך קוק אום זיך אויף צוריק
צו יענעם לאַנד פון ווייסע שרעק,
ווי דאָרט געלעגן וואָלט מיין גליק
פאַרוויקלט אין אַ שנייען־דעק״.

ער שווימט אין דער אַפּאַטיע זיינער מיט תענוג. און אַזוי באַזינגט ער אַ ישראלדיקן בוים:

„איך ווייס, אַז מיין האַרץ איז צעדולט,
איך ווייס, אַז מיין לעבן איז שוים,
נאָר נעמען אויף זיך כ׳מוז די שולד —
ווי שיין איז דער דאַזיקער בוים״.

עס איז באמת נישט לייכט איבערצוגעבן איין פערז פון אַ גאַנץ ליד, וואָס איז אַ מין קאָנדענסירטע ביאָגראַפיע פון דעם עבר און דער

איצטיקייט, און ווירקט אויפן לייענער איבערצייגנדיק. איך בין מיך מודה, אַז ס'איז מיר שווער זיך אָפּצורייסן פון אַזעלכע פערלדיקע לידער ווי „דו פרעגסט נאָך?", „אינקוויזיציע", אָדער „אין מיינע אויגן". כאָטש נעם און וואַרף גורל וועלכע פערזן זאָלן איבערגעדרוקט ווערן. אָבער לאָמיר געבן פּריווילעגיע אַ פערז, וואָס איך ציטיר פון אויסנווייניק:

„דו פרעגסט נאָך טייערער? דו דאַרפסט שוין גאָרנישט פרעגן.
איך האָב אַליין זיך אָפּגעשניטן פון די וועגן,
וואָס האָבן מיך אַרומגעפירט אין פרעמדע לענדער,
און אויסגעשטעלט צו ווינט און צו פאַרענדער".

בינעם העלער פאַרמאָגט די שאַפערישע קראַפט זיך אויסצודריקן אין זיין געשלאָסענעם פערז, מיט קלאָרקייט. ער זינגט זיך אַליין אַן אָדע צו זיין ליד, ווי אַזוי ער פאַרוואַנדלט „ווערטער פשוטע — אין ליד". אָבער זיינע פערזן — האַלט איך — זענען שוין גאָרנישט פשוט. פאַרקערט, זיין ליד איז טיף. עס איז נאָר נישט באַלאַסטעט מיט קייטן פון דער מעטאַפער.

אויך אין דעם לעצטן ציקל לידער פון ד ע ם בוך איז דער קלימאַט דער זעלבער. ראָמאַנטיק, ליריק, באַגלייט מיט לאַנגאַניקע טענער. פּונקט ווי מען זעט אַ זייל שטויב אין אַ זונענשטראַל, אַזוי זעצט זיך אָפּ דער אַלטער שטויב פון דער פאַרגאַנגענהייט אין יעדן זוניקן ליד זיינעם. די ראָמאַנטישע לידער ווירקן, ווי מען וואָלט אַריבערגעקומען פון אַ שטורעם אויף אַן אינדזעלע פון רו. עס זענען דאָ אין בוך אַ ריי לידער, וואָס זענען דערמאָנונגען פון דער קינדהייט און דער ערשטער היים, און צווישן זיי, די ראָמאַנטישע לידער, ווי „דער אָנהייב פון מיין ניגון", „סוף זומער", „ריינע ליריק", „אַ רויטער עפּל", „איבערגעלאָזן" אא"וו.

איז דער דאָזיקער איבערגאַנג צו די ראָמאַנטישע לידער געגליכן צו דער טיפער איבערלעבונג פון אַ קינד, וואָס האָט פאַר עפּעס אַ זינד (אַ מאָל אויך אַ נישט באַגאַנגענע) באַקומען אַ שטראָף. דאָס קינד וויינט לאַנג, ספּאַזמירט אפילו — און ביסלעכוויז פאַלט דאָס געוויין אַריין

אין אַ מינאָרן טאָן, ווי דאָס געוויין וואָלט זיך אַליין פאַרוויגט... אַ סימן, אַז דער רעוואָלט האָט זיך אויפגעלייזט.

עס איז אָבער נישט די אויפגאַבע פון קריטיקער צו מאָנען ביים מחבר ער זאָל אָפּשטעלן די עלעגיע פון עבר. זאָל בעסער אויספליסן דאָס שלעכטס. ווייל אַ דיכטער, וואָס קאָן אָננעמען דעם גורל ביי דער צוים, ווי אין דעם ליד „גורל מיינער", וואָס בליצט מיט אָפּטימיזם און מוט, באַווייזט, אַז זיינע פּאָטענצן זענען, חלילה, נאָך נישט אויס־געשעפּט.

משה שולשטיין

„גאָלד און פּייער"

שוין לאַנג, ווי כ'האָב נישט געהאַט אַזאַ גייסטיקן גענוס ווי פון שול־שטיינס משלים „גאָלד און פייער". מען קאָן זאָגן, אַז איך בין אַדורכגע־שוווּמען דאָס בוך, פון איין עק ביזן צווייטן...

ווען מיר לייענען פאָעזיע און מיר פּרוּוון מיטלעבן די וויזיע פון דיכטער, ווערן מיר אַריינגעפירט כמעט אין דער זעלבער געשפּאַנטקייט, ווי דער דיכטער ביים שאַפן. דאַקעגן דער משל, איז אַ דירעקטע אַנט־שפּאַנונג, אַן אָנגענעמער גייסטיקער אָאַזיס, מיט אַ סצענע פון אַ ליגן־מעשה, אַ מיניאַטור־חכמהלע באַווירצט מיט אַ סענטענץ. דער מענטש טראָגט דעם גרים פון אַ חיה און מיר קוקן זיך צו, הערן זיך איין ווי די חיה ווירקט און מיר ציען דערפון דעם געהעריקן מוסר־השכל.

דאָס אויבן געזאָגטע קאָן מען נאָך אונטערהאַלטן מיט דער דעפי־ניציע פון געניאַלן לאַפאָנטען: „די פאַבל איז אַ קאָמעדיע אין הונדערט פאַרשיידענע אַקטן".

עס איז באַקאַנט, אַז משלים ווערן איבערגעחזרט: אָנהייבנדיק פון עזאָפּן און ענדיקנדיק ביי לאַפאָנטען. אויך די יידישע מקורות זענען רייך אין משל. יעדער משל קאָן זיין ניי באַאַרבעט, נאָר דער זין פאַרבלייבט דער זעלבער. אָנגעטאָן אין אַ נייעם לבוש, אין אַן אייגענער פאָרעם, לעבט דער משל ווידער זיין אָריגינעל לעבן.

שולשטיין איז אַ מחבר פון צען ביכער, צווישן זיי איין פּראָזע־בוך „רייזע־איינדרוקן פון פוילן" (1949). פון אַלע זיינע לידער־זאַמלונגען איז

דאָס בוך לידער און פּאָעמעס „בלומען פון באַדויער״ דער עווערעסט פון זיין שאַפן... ס׳איז אין זיין צייט געפּרייזט געוואָרן...

כמעט אין אַלע לידער־זאַמלונגען געפינען מיר „פּרובקעס״ פונעם משל. אַז דעם דיכטער ציט אין וואַלד אַריין און אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, איז אויך אַ באַוויז זיינס אַ דערציילונג „מיין פריינד דער וועוועריק״ (גאָל־דענע קייט 44).

דאָס בוך „גאָלד און פייער״ איז אַ באַווייז אַז זיין פּאָטענץ אויך פאַרן פאַבל איז נישט צו באַצווייפלען.

שולשטיין עפנט זיין בוך מיט אַ מאָטאָ־ליד, וואָס איז אַ צוזאָג אַריינ־צונעמען דעם גאַנצן אוניווערז: זאַכן, צמחים, חיות־שטומע־צונגער, „אַז עס זאָל אַ קאַפּעטשקע דערפון אונדז ווערן אויפן האַרצן גרינגער״.

און ער אַנטוישט אונדז נישט. ס׳איז אַ נחת־רוח צו גיין פון משל צו משל, צו לייענען די ריטמישע, שפּראַכיק עלעגאַנטע פערזן פון די ווירקנדיקע זאַכן, חיות אָדער מענטשן, וואָס טרעטן אויף אין דער דראַ־מאַטישער אַקציע. נישט ווייניקער אינטערעסאַנט זענען די משל־לידער, וווּ מען זעט דעם גאַנצן רעליעף פונעם נאַראַטאָר, ווי צום ביישפּיל, די קיכפּאַראַד (ווי אַ מאַטאָ צום ציקל, ווו עס רעדט דאָס קיכגעשיר). אָדער „דער שניידער און דאָס מלבוש״, „דאָס בילד און די ראַם״. דאָס לעצטע איז אַ בורלעסקע, וואָס איז זייער נאָענט צום עפּיגראַם. דער דיכטער דערציילט אין געגראַמטע פערזן, ווי אַזוי משה־יאָסל גייט אין „לוווּר״ און ווי אַזוי ער רעזאָנירט איבער אַ בילד... „אין קאָפּ איז אַזאַ מישמאַש פון זאַלן, בילדער, פאַרבן, פאַרבן / נאָר פון אַלץ / וועט משה־יאָסל איין זאַך נישט פאַרגעסן ביז צום שטאַרבן״.

„אַ ראַם, אַ רעמעלע איז דאָס געווען,
האָט ער נאָך אַזאַ ראַם אין לעבן נישט געזען!״...

מיט דער שולשטיינישער קלאָרקייט און פאַבלטימלעכקייט, (וואָס דאָס איז זיין צוגאָב־טאַלאַנט), רופט שולשטיין אַרויס דעם לייענערס

אימאַזשינאַציע, דעם אויסזען פון אַ משה־יאָסל, דעם פּראָפּאַן אין קונסט, וואָס כאַפּט התפּעלות נאָר פון דעם רעם...

דער מחבר לאָזט איבער פאַרן לייענער צו פאַרענדיקן מיטן קלאַסישן זאָג: „באַוואונדער נישט די כלי, נאָר דאָס וואָס איז אין דערין"...

דאָס בוך „גאָלד און פייער" אַנטהאַלט אַכציק משלים אָריגינעלע. באַזונדערס פינף איבערזעצונגען פון לאַפאָנטען און צוויי כינעזישע משלים.

עס איז אַ שווער פּראָבלעם אויסצורעכענען די בעסטע פון זיי, ווייל איר לייענט זיי אַלע מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן... לאָמיר פון דעסטן אונטערשטרייכן ווי אַ נייעם סיוזשעט אין דער פאַבלקונסט „די נוס און דער ניסן־קנאַקער".

די זייער געלונגענע „די פוילישע פיש און די רוסישע פיש", „יונה פילאָסאָף", „דאָס פישעלע", „דער גוף און די קליידער". דער ציקל פערד־משלים. עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען „די קיך איז פול מיט קלאַנגען".

שולשטיינס משל אָטעמט מיט אַ שטילער סאַטירע. ער נעמט צו הילף די חיה אָדער דעם אָביעקט, כדי אויסצודריקן דעם מענטשנס באַ־וווסטזיין, זיינע מעשים און זיינע שכל־אויסגליטשונגען. שולשטיין צילט מיט זיין אָנגעפילטן מיט חכמה משל, ווי אַ יעגער מיט אַ ביקס, אין זיין קרבן, — נאָר דער פּאָעט צילט מיט גוטמוטיקע פיילן און זיין ציניזם איז אַ מילדער.

אַ גרויסער שאָד, וואָס עס פעלט דער יוגנטלעכער קאָנסומענט פאַר דעם ווערטפולן בוך.

די משלים פון משה שולשטיין איז אַ נייער שטראָם אינעם גרויסן טייך פונעם וועלט־משל און באַזונדערס אינעם יידישן משל.

„איבער די דעכער פון פּאַריז"

דער ערשטער פּראָזע־פּרווו זיינער איז געווען אַ בוך רייזע־איינדרוקן פון פוילן, דערשינען אין יאָר 1949. דעמאָלט איז ער נאָך געשטאַנען

אויפֿן פֿעסטן שטאָפּל פֿון אידעאַליזם, אויף רושטאָוואַניעס צו אַ נייעם סאָציאַליסטישן אויפֿבוי; און דאָס מאָל: אויף רואינעס פֿון פּוילן, פֿון וואַנען ער שטאַמט, און ווו ער האָט אָנגעהויבן אַוועקגעבן זיינע בליענדיקע יאָרן אין קאַמף פֿאַר אַ יושרדיק לעבן אויף דער ערד.

פֿאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען נישט לעבן אָן אַ וועלכער ס'איז ליידנשאַפֿט. ווערט אָט די ליידנשאַפֿט דערשיטערט, ווערט זי פֿאַרטרעטן מיט אַ צווייטער, קאָן אויך זיין מיט אַן עקסטרעם קעגנדיקער. מיר זענען אָבער נישט אויסן צו באַהאַנדלען קיין אַפֿעקטיוון ענין פֿון אַ פּסיכאָלאָגישן קוקווינקל, זאָגן מיר גלייך: ווען מען האָט ביי משה שולשטיין געבראָכן דעם גלויבן, האָט אין רעוואַנזש געוווּנען זיין פּאָעזיע, וואָס איז באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון מדינת ישראל און איז אַרויס טריאומפֿאַל אין זיינע „בלומען פֿון באַדויער" — אין אַ טיף רירנדיקן פּאָעטישן השתפּכות הנפֿש.

משה שולשטיין האָט זיך לעצטנס אויך אַ נעם געטאָן מיט דערפֿאָלג צו זשורנאַליסטיק. שווער צו זאָגן צו וועלכן אָרט עס געהערן זיינע זשורנאַליסטישע מאמרים, ווייל זיי זענען אַ געמיש פֿון כמעט אַלע זשאַנערן, איינגעפּאַסט אין דער ראָם פֿון אַקטועלקייט און באַהויכט מיט אַן אייגנאַרטיקן הומאָר.

דאָס איצטיקע בוך „איבער די דעכער פֿון פּאַריז" פֿאַרמאָגט ניין גרויסע דערציילונגען. אַ טייל פֿון זיי שפּיגלט אָפּ שאָטנס פֿון נאָך דער לעצטער מלחמה. וועלן מיר, כדי צו באַקענען דעם לייענער מיט שולשטיינס פּראָזע, מאַכן אַ שנעלן שפּאַציר איבערן בוך און רעזומירן, אין קורצן, אונדזער אויספֿיר.

די ערשטע דערציילונג הייסט „דער בלינדער און זיין באַגלייטער". דער באַגלייטער איז דאָ דער מחבר אַליין. דאָס איז די פּשוטסטע און פֿאַרטרוילעכסטע פֿאָרעם פֿון דערציילן. די קאָנטשאַפּט ווערט געשלאָסן אין דער מעטראָ, ווו דאָס מערערע מאָל טרעפֿן זיך מיט דעם זעלבן מיטפֿאָרער, ווערט פֿאַרהיימישט דורך אַן אויסטויש פֿון ווערטער. אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער, און מיר ווערן געוווּיער, אַז דער בלינדער, פֿיין געקליידעטער מאַן, וואָס פֿאַראַדירט מיט אַ טעקע, איז „אַ דירעקטאָר

אין אַן אַנשטאַלט פאַר בלינדע״. אָבער דער פאַרשפּיצטער חוש פון נייגער, וואָס איז אַזוי אייגן דעם שרייבער, ווירקט, ער זאָל אים נאָכקוקן. און איין מאָל גייט דער שרייבער נאָך דעם „דירעקטאָר״, און ער בלייבט געפּלעפט פון דער פיין געשפּילטער ראָלע פון דעם בלינדן, זעענדיק ווי דער לעצטער ציט אַרויס פון זיין טעקע די אמתע פּראָפעסיע, וואָס באַשטייט פון די פאָלגנדיקע מכשירים: אַ בענקעלע, אַ שפּיל־אינסטרומענט, אַ בעכער און אַ טאָוול אויפן האַלדז...

דערזעען מיר דאָ די כאַראַקטעריסטיק פון אַ מענטש מיט נישט אויסגעלעבטע אַמביציעס, וואָס געפינט תענוג אין פאַנטאַזיע, אין באַרימען זיך מיט דער אַליין געשאַפענער, אילוזאָרישער רעאַליטעט פון אַ הויכן באַאַמטן. די דערציילונג איז געשריבן מיט טאַקט און איידלקייט.

„דער טעלעפאָן קלינגט אין מיטן דער נאַכט״ איז אַ באַשרייבונג פון אַן איבערגעגעבענעם דאָקטער, וואָס קאָן נישט אָפּזאָגן קיין נאַכטוויזיטן און ווערט אַזוי אַרום כסדר געשטערט אין זיין רו. די פרוי וויל איבעררייסן דעם מאַנס געוווינהייטן פון די שפּעטע וויזיטן ביי קראַנקע און מיט דעם קלינגען פון טעלעפאָן אין די שעהן פון נאַכטרו. איין מאָל בעת ער לויפט ביי נאַכט צו צום טעלעפאָן־רוף, זידלט אים עמעץ גראָד אויס, באַליידיקט אים און הייסט אים פאָרן אין זיין לאַנד אַריין... צוליב דער ווילדער פּראָוואָקאַציע פאַרנאַכלעסיקט ער, נישט ווילנדיק אַ שווער קראַנקן, צו וועלכן מען האָט אים גערופן, ער קומט צו יענעם צו שפּעט און ווערט געפּייניקט פון געוויסנסביסן. קורץ נאָך דעם באַקומט ער אַליין אַ האַרץ־אַטאַקע — און זיין פרוי רופט מיט פאַרצווייפלונג הילף אין מיטן דער נאַכט.

איז עס אַ מעשה מיט אַ מאָראַל, מיט אַ מוסר־השכל.

„מיין פריינד דער וועוועריק״ לאָזט אונדז הערן די ליבשאַפט צום בעל־חי.

מיר גייען פון איין דערציילונג צו דער צווייטער מיט אינטערעס, ווייל שולשטיין ציט אונדז אַריין אין דעם סיפּור־המעשה מיט אַן אומגעריכטן פינאַל. דאָס דערציילן זיינס איז היימישלעך, אינטים, דאָך איז

די נאַראַציע תמיד עפּעס אויסן, ווייל אונדז עפּעס סוגערירן — און האָט די פולע באַרעכטיקונג צו קומען אין דער ליטעראַטור.

„אַ בוקעט בלומען" איז געבויט אויף אַ פּערזענלעכער איבערלע־בונג, ווען דער מחבר האָט נאָך געפירט זיין בחוריש לעבן אין אַ שטיבל אויפן העכסטן גאָרן, פון וואַנען ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַראָפּ־צוקוקן אויף דער שטאָט פּאַריז. דערפון טאַקע דער טיטל פון בוך „אי־בער די דעכער פון פּאַריז".

דערנאָך קומען דריי דערציילונגען, וואָס זייער אַקציע ווערט געפירט צו אַ דראַמאַטישער שפּאַנונג. די ערשטע: „דאָס טישטעך". אויך די דערציילונג ווערט געהאַלטן אין דער איך־פאָרעם. דער מחבר דערוויסט זיך פון דער הויזוועכטערין, אַז געצל ווייסנבערג, דער שכן, וואָס רעדט אין זיין שפּראַך, האָט זיך אויפגעהאָנגען און איבערגעלאָזט אַ פּאַרשריי־בענעם העפט, ווו מען לייענט אַז דער זעלבסטמערדער האָט זיך אַרומ־געטראָגן מיט אַ שווער שולדגעפיל און איז דערפאַר געשטויסן געוואָרן צו זעלבסטמאָרד. ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט אַ מיידעלע. אַלע דריי האָבן אין יענער נאַכט, ווען די דייטשן זענען באַפאַלן זייער טיר, זיך געפונען אין שטוב, וואָס איז פון פריער געווען פאַרבאַריקאַדירט מיט היימישע שטובזאַכן. דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג האָט גורם געווען, ער זאָל נישט אויסהאַלטן דעם נסיון, געלאָזט אויף הפקר זיין משפחה און אַליין זיך באַהאַלטן אונטערן טיש, פאַרשטעלנדיק זיך מיט דעם אַראָפּגעהאָנגענעם טישטעך. עס האָט אים אָפּגעגליקט. ער קוקט זיך צו ווי די דייטשן נעמען אַוועק זיין פרוי מיטן קינד. שפּעטער ווערט ער אַליין אויך דעפּאָרטירט. גליקט עס אים ווידער אָפּ. ער קומט קריק און פרוווט לעבן. ער געפינט אָבער מער נישט קיין רו און דאָס זעלביקע טישטעך ברענגט אים דעם טויט. מיט אַ געהעריקער סענסיביליטעט זענען אַרויסגעבראַכט די ענד־שורות.

די ווייטערדיקע דערציילונג פון דעם מין רופט זיך „די פרוי אין שאָטן". זי הייבט זיך אָן אין תפיסה־קאַמער, ווו דער מחבר זיצט פאַר עפּעס אַ חטא אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע. דער וועכטער איז אַ

דייטשער בחור — נאָך נישט קיין קאַליע געוואָרענער. ער ווערט דעם מחברס איינציקער ליכטיקער פּונקט אין זיין תפיסה־לעבן. ער האָט אַן איינפאַל און נעמט זיך אים אויספירן גלייך ווי ער ווערט באַפרייט פון תפיסה. ער וויל דעם יונגן דייטש אַריינציען אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

און אָט קומען מיר צו דער לעצטער דערציילונג פון דער חורבן־תקופה: „טראַנספוזיע". דער דאָזיקער עפּיזאָד, דער צענטראַלער פּונקט זיינער, קאָן דינען פאַר אַ פּסיכאָלאָגישן טראַקטאַט, אַזוי פאָרנעמיק איז דאָס אָנגעריר׳טע פּראָבלעם. גרינשפּאַן מוז דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע. זיין פּעלער האָט ער מיטגעבראַכט פון דער דעפּאָרטאַציע, ווו ער האָט דורכגעמאַכט אַלע באַקאַנטע און אויך נישט באַקאַנטע גיהנומס. זיין אָפּגעפונען שטיקל לעבן האָט ער צונויפגעלאָטעט מיט אַ פרוי, אַ געטראָפענער פון זעלבן גורל. די פרוי איז צו אים ווי אַ געטרייע מאַמע, און ער דערוואַרט נאָך פונעם לעבן אַ פּאָר יאָרן פון גליק. ער גיט זיך אונטער דער אָפּעראַציע, זי פאַרענדיקט זיך מיט אַ בלוט־טראַנספוזיע און ער ווערט ביסלעכווייז געזונט. וויסנדיק, אַז דעם נס פון זיין געזונט ווערן האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם בלוטגעבער, אַ געוויסן מאַקס לאָטער, וואָלט ער זייער וועלן אויסדריקן אים פערזענלעך זיין דאַנק. זיי קלינגען זיך צונויף און מען באַשטימט אַ באַגעגעניש אויף מיטאָג ביי דער משפּחה לאָטער. ביים טיש שמועסט מען זיך געמיטלעך דורך, און גרינשפּאַן זעט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ סימפּאַטישן מענטש, אויך אַ געליטענעם פון היטלערן. דאָס סאַמע באַדינגלעכסטע ביים ייד איז טאַקע, אַז דער מענטש איז נישט קיין אַנטיסעמיט. ווערן מיר צום סוף געוואויער, אַז ער איז אַ... דייטש. אַרויפגעפירט די דערציילונג צום העכסטן פּונקט פון שפּאַנונג, הייבט זיך אָן דער גייער, קאָמפּלעקסער נשמה־געראַנגל פון אַ ייד, וואָס לעבט אין זכות פון דייטשיש בלוט. אַ דערציילונג, וואָס ווערט געפירט צווישן צוויי פּאָלוסן: האָס און אַנערקענונג.

די צוויי גרעסטע דערציילונגען קומען צום סוף: „איבער די דעכער פון פּאַריז" און „דער סוד". אין דער ערשטער ווי אין דער צווייטער, טיילט זיך אויס די כאַראַקטעריסטיק פון אַלטן און יונגן דור.

משה שולשטיין, ווי ס׳רוב שרייבערס, וואָס לעבן נישט פון דער פעדער, האָט אין שווערע מאָמענטן זיך געזען געצווונגען צו אַנעקסירן אַ צווייטע אַקטיוויטעט, כדי צו קאָנען לעבן און מסתמא געווען אָנגע־שטעלט ביי די פּאַריזער אַרויפגעאַרבעטע יידן, וועלכע האָבן אים אינספּי־רירט. האָט ער טאַקע ריכטיק אויפגעכאַפּט זייער שפּראַך, זייערע פּי־רונגען און גיט זיי איבער אין די דערציילונגען אַזוי ווי זיי זענען, נישט רעטושירט און ערלעך. ווי דער קינסטלער־אַקטיאָר, וואָס איז פּאַרקער־פּערט אין דער ראָלע פון זיינע פּערסאָנאַזשן, און גיט זיי איבער מיט זיינע פיזישע מעגלעכקייטן, — שפּילט שולשטיין אויס זיין ראָלע מיט זיינע בעלעטריסטישע קוואַליפיקאַציעס, אויף דער פּאָפּולערער נאָטע פון פאָלקס־לשון.

„דער סוד" שליסט דאָס אינטערעסאַנטע בוך. דער אַרויפגעאַרבעטער זעליק ראַפּאַפּאָרט האָט אַ פרוי, אַ זון און צוויי טעכטער. דאָס פּאָרפאָלק שטאַמט פון אַ קליין שטעטל קלעשטשיוו. די טעכטער העלפן אין געשעפט און דער זון האַלט ביי ענדיקן מעדיצין. עס דערנענטערט זיך דער זיבע־ציקסטער געבוירן־טאָג און אין דער זעלבער צייט באַקומט ער שלעכטע רעזולטאַטן פון זיינע אַנאַליזן און מאָגן־ראַדיאָס. דעם שווערן סוד פון פּאַטערס קראַנקהייט ווייסט נאָר דער סטודענט וויקטאָר. זעליק נעמט די רפואות און פאָלגט די אָנווייזונגען פונעם זון.

דערווייל גרייט מען אין דער סאָסיעטע, וווּ ער איז פּרעזידענט, זיינס אַ טאָפּלע שמחה: זיין גאָלדענע חתונה און דעם 70־סטן געבוירן־טאָג. דער זון ציטערט איבערן פּאָטערס געזונט און ער ערגערט זיך, ווען ער פאָלגט נישט זיינע עצות. דעם סוד וועט ער אָבער קיינעם נישט אַנטפּלעקן.

די שמחה קומט פאָר אויף אַ ברייטן און עלעגאַנטן אופן און מיר באַקומען אַן ערשטקלאַסיק בילד מיט אַלע איינצלהייטן. שולשטיין דעטאַ־לייזירט אַלע קולינאַרע איינפאַלן, אַזש דער אַפּעטיט ווערט צערייצט פון זיין באַשרייבונג... מען לעבט מיט מיטן באַנקעט און מען לעבט אויך דאָס צעבאַלעוועטע טאַנץ־משוגעת פון דער יוגנט, ווי עס וואָלט זיך

געהאַנדלט אין קיום פון דער וועלט. אַלץ האַלט לאַנג דעם לייענער אונטערן איינדרוק פון דעם, מיט וועררו געשילדערטן ספּעקטאַקל. דאָס באַציט זיך אויך צום אַהיימפאָרן מיט די אויטאָס. מיר זעען דעם שווינדל־דיקן געלויף פון די ביימער, ווי די מלאכי־חבלה און דעם מלאך־המות פאַרשטעלט אין אַ בוים...

ערשט נאָך אַלעמען, ביים באַגלייטן דעם טאַטן צו זיין אייביקער רו, אַנטפּלעקט דער זון פאַר דער מאַמען דעם סוד, אַז... סיי ווי איז ער געוועזן פאַרמשפּט צוליב זיין ראַק.

איך נעם מיר די רעכט אויף עטלעכע קליינע באַמערקונגען בנוגע פּראָזע.

פּשטות איז די נאַטור פון שולשטיינס גייסט. ווי שוין געזאָגט, לעבן זיינע העלדן אין זייער אייגענער הויט און זענען עכט. ווייסן מיר אָבער, אַז פּשטות איז אָפּגעטיילט פון באַנאַליטעט מיט אַ דין ווענטל, לאָמיר זאָגן אַ פּאַראַוואַן. עס גענוגט אַ קליין גליטשעלע און דאָס ווענטל פאַלט איין...

דאָס באַמערקטע באַציט זיך צו אַ וויץ, וואָס דער שרייבער לייגט אַריין אין מויל פון זיין העלד משה־איציקל. כ׳בין זיכער, אַז מיר וואָלטן זיך אָן דעם וויץ געקאָנט באַגיין. ערשטנס ווייל ער געהערט נישט צו דער שיינער ליטעראַטור, צווייטנס, ווייל ער איז שוין נישט די ערשטע אויפלאַגע...

די צווייטע באַמערקונג באַציט זיך צו דער דערציילונג „טראַנספּוזיע". ווי שוין באַמערקט איז דער סיוזשעט אַ גאָר אינטערעסאַנטער. איז אָבער פאַראַן דאָרט אַ שטעלע, ווען דער פּאַציענט ליגט אויפן אָפּעראַציע־טיש און עס רעדט זיך וועגן דער טראַנספּוזיע פאַרן קראַנקן. די שטעלע איז לגמרי נישט איבערצייגנדיק.

און די לעצטע באַמערקונג. בעת דער שמחה פון זעליק ראַפּאַפּאָרטס געבוירן־טאָג, ווען ער דאַרף אויסלעשן — לויט דער גויאישער טראַ־דיציע — די זעלבע צאָל ליכטלעך אין זיין אַניווערסער־קוכן, און דאַרף

זיך פליסן דאָס צו טאָן מיט איין בלאָז, גיט זיך אים איין בלויז אויסצו־לעשן ניין און זעכציק ליכטלעך.

ווען מען זאָל דורכפירן אַ בלאָזטעסט אין אַ ספּעציעלער מאַשין, (דינאַמאָמעטער) וואָס איז באַשטימט צו מעסטן דעם כוח פון די לונגען, וואָלט, דוכט זיך, דער גרעסטער גיבור נישט דערגרייכט אַזאַ בלאָז־פּאָטענץ. מען דאַרף שוין זיין אַ גאָר פלינקער פייער־זשאָנגלירער, כדי צו באַווייזן אַזאַ קונץ.

די דאָזיקע קליינע „בלימעלעך" אויפן פעלד פון שולשטיינס פּראָזע, שטערן דעם קולטיווירטן גאָרטן.

דאָס אויבן געזאָגטע שליסט אָבער נישט אויס דעם פאַרגעניגן, וואָס מען האָט פון דעם בוך. נישט געקוקט אויף דער טיילווייזער צעשוומענ־קייט — דער עיקר אין די גרעסערע דערציילונגען — זענען זיי אָבער אויף אַ געהעריקער מדרגה, ווייל אַלע דערציילונגען זיינע זענען קאָנ־צענטרירט אויפן קערן פון מאָראַלישער דערהויבונג, ליבשאַפט צום מענטש און צו אַלץ, וואָס לעבט. שטעלנדיק דעם טראָפּ אויף די מענטש־לעכע ווערטן, פילן די דערציילונגען אַזוי אַרום אויס זייער שרייבערישע שליחות אין דעם נייעם זשאַנער פון משה שולשטיינס שאַפן.

יעקב צבי שאַרגעל

„זוניקע שוועלן"

פאַראַן ביכער, וואָס זייער טיטל לאָזט אייך גלייכגילטיק אָדער שרעקט אייך אָפּ. מיר דאַכט זיך, אַז דער טיטל פון אַ בוך איז דער טויער, וואָס פירט אַריין אין אים. שאַרגעלס בוך לידער פאַסצינירט טאַקע מיט זיין נאָמען „זוניקע שוועלן" און מען עפנט דאָס בוך מיט גרויס פאַרגעניגן. ס'איז דער אייביקער יעקבס לייטער פון דעם מענטש־לעכן לעבן... אָבער ווען די שוועלן זענען זוניקע, רופט דאָס שוין אַרויס אַן אַסאָציאַציע פון שטייגן.

יעקב צבי שאַרגעל קאָן פאַררעכנט ווערן צו די דיכטער, וואָס מעדיטירן מער ווי זיי פּראָדוצירן. סך־הכל דאָס דריטע בוך. דער אָפּ־שטאַנד פונעם ערשטן בוך ביזן צווייטן, וואָס איז געווען אַ מהלך פון צוויי און צוואַנציק יאָר, קאָן זיך אפשר דערקלערן דערמיט, וואָס דער דיכטער איז די גאַנצע צייט נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אַז ער האָט אינוועסטירט זיינע כוחות אין דינסט פון דער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן, יידיש און העברעאיש, זענען עדות זיינע רעדאַקטאָרישע אַר־בעטן אין אַלע זיינע שעפערישע צייטן. מיר איז באַקאַנט דאָס יאָרבוך „קטיף", וואָס ער רעדאַקטירט אין עברית און זיין אַקטיוויטעט ווי דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער צוויי־וואָכנדיקער שריפט „ישראל־שטימע".

עס זענען פאַראַן נעמען פון מחברים, וואָס קאָנקרעטיזירן גלייך דעם קאַליבער פון בוך, נאָך איידער מען האָט אין אים אַריינגעקוקט. וואָס שייך דעם דיכטער יעקב צבי שאַרגעל, מוז מען אים פריער לייענען, כדי צו

קאָנען אורטיילן, אַז דאָס זעלטענע דערשיינען פון זיינע ביכער ווערט קאָמ־פּענסירט מיט זייער קוואַליטעט.

דער דיכטער הייבט אָן זיין דיכטערישע פּראָפּעסיע פון שליסן אַ פּאַקט מיט דער מוזע. מען דערציילט, ווען פרעדעריק שאָפּען האָט גע־שאַפן זיינע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, האָט ער לאַנג געהאַלטן זיינע פינגער איבער די קלאַווישן און זיי געגלעט... ערשט ווען זיין אינספּיראַציע איז אַרויף ווי קוועקזילבער אין טערמאָמעטער, האָט ער אַ שלאָג געטאָן די כישופדיקע שוואַרץ־ווייסע ביינדלעך... ווייזט אויס, אַז ס'איז דאָ אַזאַ טערמאָמעטער צו מעסטן דעם רוח־הקודש. ווען מיר באַלד געבן אַ ביישפּיל פון עכטער, געמיטלעכער, אוידיטיווער און וויזיאָנעלער אינ־ספּיראַציע.

דאָס בוך איז קודם־כל איין גרויס לויבגעזאַנג צום לאַנד. מען ווערט געפירט פונעם דיכטערס ליד איבער די „זוניקע שוועלן" פון ישראלדיקן פייזאַזש. דער גאַנצער רעוואָלט קעגן דער כסדרדיקער, אָנגעגליטער אַט־מאָספערע פון מלחמה מיט די אַראַבער, באַקומט זיין קאָנטראַסטיקן אויס־דרוק גראָד אין דער רואיקער ליריק פון באַגייסטערונג צו דער „מי און בלי" פון לאַנד. אפילו דאָס ליד „חשון אין הויף" וויל נישט זיין אומעטיק, איז אָנגעקוואָלן פון בלי און זאַטקייט. כאָטש עס ווייִנט דער „עפּלבוים אין שלאָף — אָן איינזאַמער סטויג — קוועלן מאַראַנצן אין ווינט". די „אַסקעדינע, וואָס גרינט און בליט" טראָגט ער אַריין אין אַ צווייט ליד מיט אַ נייער באַגייסטערונג:

„דיין לויטער געזאַנג פון געבלי,
וואָס ריזלט אַריין אין מיין פענצטער,
הייבט אויף מיין געמיט ווי צום פלי,
בוים מיין שענסטער".

דעם קינסטלערס געמיט איז שטענדיק באַפליגלט פון גאָטס באַשאַף. ער איבערשאַפט דאָס בילד, וואָס ער טראַנספאָרמירט אין זיין אַרט — מיט דער כוונה דאָס צו באַשיצן. ווייל אינעם פאַרלאַנג פונעם דיכטער,

אַליין צו פֿאַראייביקן אין דער געשטאַלטונג פֿון זיין ליד, לעבט שוין אויך די כוונה פֿון באַשיצן. אָט איז אַ פּערז פֿון אַ ליד, וואָס אילוסטרירט די דאָזיקע כוונה. דאָס ליד רופֿט זיך „ערב".

„ווען עס ציטערט דאָס גאַנצע באַשאַף און קניט
מיט מיר און הויערט;
ווי פֿאַרהיט מען אָט די שיין,
בעת סכנה לויערט?"

„צופֿוסנס דיינע שטיינער" איז איינע פֿון די פּרעכטיקסטע פּאָעמעס, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן ביי דער הייליקער וואַנט נאָך דער שלאַכט. עס טראָגט זיך אַן אַלט יידיש געזאַנג און געוויין פֿון די שטיינער פֿון באַפֿרייטן כותל, אַ טרערן־געזאַנג. דער פּאָעטישער אָטעם האָט אויפֿגעוועקט דעם דיכטער פֿון דעם לאַנגיאָריקן חלום צו דער היסטאָרישער רעאַליטעט, מיט דעם פּאָעטישן ציטער, וואָס מאַכט רעדן שטיינער:

„כ'בין אַ שטיין ביי די פֿיס פֿון דיינע שטיינער,
און עס גייט דיין שיין אויף מיר אַרויף
ווי אויף טרעפּ".

דאָס איז אַ געזאַנג, וואָס איז אַ רחמנות צו צעשניידן אויף קליינע ציטאַטן, ווייל נישט נאָר לעבט עס אין די ווידעראַנאַנדן פֿון פּיקציע און וואָר, נאָר ס'איז ווי אַ ים אין זיין בייט פֿון צופֿלוס און אָפּפֿלוס:

„אַ וויטער הויך טוט מיך אַ באַריר
און ווייזט די סטעזשקע מיר צו דיינע טרערן־שלעסער".

און ס'עפֿנט זיך אויף אַ ברייטע זעאונג:

„און זע נאָר, זע, ווי וויט איך בין פֿון דאַנען.
מיין גומען טרינקט — אַ נגבדיקער שליוז.
מיין מאַמע פֿירט מיך צו פֿאַרגאַזטע שטאַמען
און צום אָנגעהויפּטן חורבן גרוז".

עס זענען דאָ אַ ריי לידער מיט אַ תנ״כישן אָפּקלאַנג, ווו דער זעקס־טאָגיקער חורבן האָט באַקומען אויסדרוק אינעם טיגל פון געמישטע געפילן, אין דער לירישער פאָרעם פון פרייד און טרויער.

זיינע לידער זענען נישט געשאַפן געוואָרן בחפזונדיק. אויסגעצייטיקט און אויסמעדיטירט. אַלע, אפילו די ריין־אינטימע לידער: „דאָס פּיצל קינד״, „דערבאַרעם זיך מיין אויג״ און אַנדערע. זיי זינגען צו זיך און גלייכצייטיק צו דער ברייטער וועלט און גייען דירעקט אין האַרץ אַריין. אין „אַ בוים וואָס ווײנט״ איז קאַמופלירט דער שטורעם פון מלחמה און פאַרלענד. כאָטש דאָס ליד איז געשריבן אין אַ שטילן, עלעגישן טאָן, וועקט עס דעם שוידער פון געוואַלט און צעשטערונג.

עס זענען דאָ אינעם בוך אייניקע לידער, אין וועלכע איר זוכט עראָטיק; זיי ציען אָבער איך אָן מיט זייער סימבאָליק — און מיר דאַכט, אַז זיי זענען טאַקע ליבע־לידער, אָבער ווי אַ באַגלייט־דערשיינונג צום נאַציאָנאַלן מאָטיוו, וואָס דאָמינירט אין גאַנצן בוך. דערפאַר קאָן מען זיי לייכט טראַנספּאָנירן אויף דער ישראל־לאַנדשאַפט, ווי אַדעס צום אייגענעם לאַנד און היים. אָבער די באַגייסטערונג, פון וואָס עס ווערט געבוירן דער אויסדרוק, איז נישט פאַרחומרט צו דער ממשות־דיקער דערגרייכונג פון „מי און בלי״ — ווייל די ליבע צום לאַנד גייט נישט אַרויס ביים דיכטער פון דער גרענעץ פון האַרץ און גייסט. אַזוי באַוואונדערן מיר די לידער „שטראַלן״ און „גלוסטונג״.

דער מחבר צווייפלט אין אַ ליד „קען זיין אַז איך זינג צו זיך נאָר אַליין״. דאָס איז באַשטימט אַ דיכטערישער פאַרטרויען פון באַשיידנקייט. יעקב צבי שאַרגעלס לידער זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון טיפע עקזאַלטאַציעס, פון פרייד און טרויער, פון בליאונג און אויפגאַנג. סימבאָליש פאַרבונדן מיט „זוניקע שוועלן״.

מ. ליטווין

„פראַנצייזישע פּאָעזיע"

אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס בוך איבערזעצונגען פון דער פראַנצייזישער פּאָעזיע איז אַן איבערראַשונג פאַר פיינפילער פון ווערסיפיקאַציע און אויך אַ סטימול פאַר די לייענער.

מ. ליטווין איז באַקאַנט אין דער יידישער לייענער־וועלט ווי אַן עסייאיסט ער איז אָבער כמעט ווי נישט באַקאַנט ווי אַ דיכטער. וואָרעם ער האָט ווייניק געדרוקט פון זיינע אייגענע לידער האַלטנדיק אוודאי, אַז ער איז נישט אויף דער געהעריקער הייך און דאַרף זיך נישט נעמען דעם היתר דערויף... קענענדיק אָבער מ. ליטווינען, בין איך געווען זיכער, אַז ווען עס וועט עפּעס דערשיינען פון אים, וועט עס זיין רייך און פּערפעקט. דער רעזולטאַט איז, אַז זיין איצט דערשינענע זאַמלונג פון פראַנצייזישער פּאָעזיע האָט איבערגעשטיגן מיינע דערוואַרטונגען.

דאָס בוך איז אַ פּראָדוקט פון לאַנגע יאָרן ליטעראַריש־פּאַרטיפטע אַרבעטן. שוין ביים סאַמע אָנהייב פון די סאָנעטן פון דער דיכטערין לואיז לאַבע, שיינט אויף אונדז גלייך אַרויף דאָס געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון בוך, ווי אַ סימפאָניע פון אינערלעכע עמאָציעס, פון ליבע, וואָס עקספּלאָדירט ביי דער שיינער שטריקלערין אין אַ ריטמישן לאַמענט. אַ שאָד נאָר, וואָס עס זענען נישטאָ קיין יידישע מיטלשולן, ווו מען זאָל באַקענען די שילערס מיט דער שפּראַכלעכער שיינקייט און פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון יידישן לשון.

אויפן פּאָעטישן פירמאַמענט פון בוך פינקלען זיבעצן שטערן. אָנ־

הייבנדיק פון זעכצנטן יאָרהונדערט קומען, נאָך לואיז לאַבע זשאָאַכים די בעלעי, דער פּאָטער פון פראַנצייזישן סאָנעט, פּיער דע ראָנסאַרד, אַל־פאָנס דע לאַמאַרטין, מאַרסעלין דעבאָר־וואַלטער, עמיל ווערהאַרן און אַ ריי הײַנטצײַטיקע מאָדערנע דיכטערס פון פּאָל וואַלערי ביז סאַן־זשאַן פּערס. פון שאַרל באָדלער האָבן מיר אַ „לייבן־חלק" פון לידער, וואָס פּאַרענדיקט די איבערדיכטונגען. צום סוף קומט דער טייל פון קאָמפּאָנ־טאָרן צו די איבערזעצונגען.

גלייכווערטיק צו די אָריגינעלע לידער איז דער דאָזיקער אויסוואַל איבערגעדיכטעט מיט קענטעניש און עלעגאַנץ. עס טראָגט זיך אויף אונדז, בעת מען לייענט זיי, אַ מוזיק פון אַ גרויסן אָרקעסטער, וואָס איז מסוגל צוצודעקן אַ זאַל מיט צוהערער... כאָטש ליטווין באַגלייט זיינע איבערזעצונגען און זיין פּירוואָרט מיט אַ היפּשער דאָזע באַשיידנקייט, זענען די וואויל־קלינגעוודיקע לידער, אַריינגעפירט דורך אַ געניטער האַנט, איינציק און אַן אוצר אין אונדזער ליטעראַטור.

דער גענויער אַנאַליז וועגן דיכטערישער איבערזעצונג, פון אירע ניואַנסן און וואַריאַנטן, וואָס מ. ליטווין גיט אין זיין עסיי צום בוך, איז אַן איבערצייגנדיקע עדות, אַז דער דיכטער מוז נישט איבערזעצן, נאָר מעג זיך נעמען, אָדער בעסער געזאָגט, מוז זיך נעמען, די רעכט אויף איבערדיכטן. נאָך דעם ווי ער קלייבט אויס דאָס ליד פון פּאָל ווערלען „סענטימענטאַלער קאָלאָק", קאָנסאָלידירט ער זיין עטיוד מיט דריי מוס־טערן פון איבערזעצערס: אברהם ליעסין, לייב ניידוס און צוויי וואַריאַנטן פון זיך אַליין, און מאַכט אַזוי אַרום קלאָר פאַר אונדז דעם מהות פון איבערזעצונג.

אָט די עטלעכע מוסטערן פון אַריבערטראָגן אַ ליד אין אַ צווייטער שפּראַך קאָנקרעטיזירן אויפן בעסטן אופן דעם גלגול פון אַ ניגון... אַ דיכטער שאַפט נישט אויפן חשבון וואָס מען וועט אַ מאָל לייענען זיין בוך און זיך אַרויסזאָגן איבער אים. ער שאַפט, ווייל עס זינגט אין אים אַריין, זינגט ער עס אַרויס. דער איבערזעצער מ. ליטווין, וואָס טראָגט אין זיך אַ באַהאַלטענע וועלט מיט פּאָעזיע, האָט דורכן קאָנטאַקט מיט די

פראַנצייזישע מייסטערס אַרויסגעברענגט דעם אָפּהילך פון זיין אייגענעם פּאָעטישן כוח. ווייל אַן איבערזעצונג איז אַ מעדיום, וואָס העלפט אַרויס־ברענגען אַן אייגן פאַרבאָרגן געפיל, און נאָר דעמאָלט, ווען מיר ווערן באַאיינדרוקט פונעם ניגון, לאָזן מיר זיך לייכט פון אים פאַנגען...

אויב עס עקסיסטירן נאָך אַזעלכע פאַלשע פאָראורטיילן, אַז פּאָעזיע אַפּעלירט נאָר צו יחידי סגולה, איז דאָס בוך פון מ. ליטווין אַ קאָנטראַ־דיקציע צו דער דאָזיקער הנחה. אַן אויסנעם בילדן נאָר עטלעכע ווייסע פּערזן פון סאַן־זשאַן פּערס, וואָס זענען אויף אַן אמת נישט גענוג קלאָר. ווען מיר לייענען זיך אַריין אין די לידער, פילן מיר די מיסטעריע, די שיינקייט פון וואָרט און מעטאַפּער, וואָס גיט אַ בעלנד, ווי אַ גליערל אין אַ טונקל פעלד. דעריבער איז דאָס לייענען די פראַנצייזישע מייס־טערס, וואָס נישט אַלע זענען דעם יידישן לייענער באַקאַנט אין אָריגינאַל, אַ מין פאַרהיימישן זיך צו זיי און דינט ווי אַ בליצאָפּלייטער פאַר דער אויפטרייסלענדיקער עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבן. פאַראַן דאָ אויך לידער ווי „אַראַבישע מאָטיוון" פון וויקטאָר הוגאָ, וואָס עקזאַלטירן אונדזער פאָרשטעלונג צו אַן עמאָציאָנעלער איבערלעבונג.

וואָס שייך די „שפּראַך־חידושים" ווי „וועדליק", „נייערט", „פראַנ־צייזיש" א"אַנד — זענען די דאָזיקע באַשעפענישן גאָר נישט קיין נייע. אויב זיי זענען נאָך נישט גענוג פּאָפּולער, זענען זיי אָבער שוין אַריינ־געבויט אין יידישן לשון דורך שפּראַך־אויטאָריטעטן און זענען שוין לעגאַליזירט. פריער אָדער שפּעטער וועלן מיר אַלע זיי אַדאָפּטירן. אָבער מ. ליטווין מעג האָבן אויטאָנאָמיע אויף שפּראַך. ווער עס קען אים פון זיינע עסייען, האָט אַלע מאָל די מעגלעכקייט צו באַמערקן זיין ווערבאַלע אינטעליגענץ, זיין רייכן וואָקאַבולאַר. אין דעם בוך פון זיינע איבערדיכטונגען האָבן מיר די בעסטע געלעגנהייט דאָס צו אונטער־שטרייכן. האָבנדיק דעם אָ געוווּנטשענעם חוש פאַר שפּראַך און נעאָלאָ־גיזמען, פאַריידישט ער אַ סך פראַנצייזישע ווערטער, ער אַסימילירט זיי גוט און באַרייכערט אַזוי אַרום די יידישע שפּראַך. מיר וועלן נאָר צו־געבן, אַז אַ דיכטער מוז זיין שפּראַך־שאַפעריש ; דאָס איז אויך אַ סימן

מובהק פון אַ גוטן דיכטער. אָט איז אַ בײַשפּיל: דער עקיפּאַזש פון אַ פערד, וואָס מען רופט אין פראַנצייזיש „האַרנע״, ווערט ביי אים, מיט אַ קליינער ענדערונג פון סופיקס „האַרניש״; אָדער דאָס וואָרט „שאַרניע״, טיר־ אָדער פענצטער־זאַוויאַסעס. ווען מען דאַרף דאָס וואָרט צום גראַם און מען קאָן עס נישט שאַפן צוליב כמה טעמים, ווערט פון דעם אַ וואָרט „שאַרנירן״. און נאָך אַ בײַשפּיל פון שפּראַך־מאַניפּולאַציעס, דאָס מאָל פון אַ פערז פון לואי אַראַגאָן:

„ווען פרעמדע זענען מיר געווען אין פראַנקרייך
ווי בעטלער זיך געשלעפּט אין אייגן לאַנד
און האָבן צו אַ בלאַסער האָפענונג דאַנקרייך
פאַרשעמט אויסגעשטרעקט די פּוסטע האַנט״.

איך האָב דעם פערז ציטירט לדוגמא: „פראַנקרייך״ מיט „דאַנקרייך״, כדי צו ווייזן, ווי אַזוי פון דעם סובסטאַנטיוו „דאַנק״ געפּאָרט מיט „רייך״ איז געוואָרן אַן אַדיעקטיוו.

ווען מען לייענט דעם גרויסן ציקל לידער פון שאַרל באָדלער, ווו יעדעס ליד באַזונדער איז אַ מייסטערווערק, קאָן מען זאָגן מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז אַלע דיכטערס פון מ. ליטווינס בוך האָבן באַקומען אַ יידישן תיקון דורך אַ פאַרליבטן אין פּאָעזיע.

די חז״ל האָבן געזאָגט: הכל תלוי במזל — אַלץ איז אָפּהענגיק פון מזל, אפילו ספר־תורה שבהיכל... — אפילו אַ ספר־תורה אין אָרון־קודש... נישט איטלעכע ספר־תורה האָט די זכיה מען זאָל פון איר אַרויסלייענען.

מיר קאָנען דעם דאָזיקן זאָג אָנווענדן לגבי אַ בוך. און איך בין זיכער, אַז ליטווינס בוך וועט זיין ווי יענע מזלדיקע ספר־תורה, וואָס מען נעמט אָפּט אַרויס פון אָרון־קודש צום לייענען, און וועט אין דעם זכות לעבן אין רום פּונקט, ווי די מייסטערס, צו וועלכע זיין נאָמען איז באַהאָפטן געוואָרן.

י. מאַניק

„אין מיין גלעזערנעם טורעם"

יעדע פאַבל האַלט אויס די קלאַסישע קאָנצעפּציע, אַז דאָס איז אַ מעשהלע מיט אַ מאָראַל. אַנטלויפן פון דער רעאַליטעט קאָן מען דורך אַ סך וועגן און איינער פון זיי איז זיכער דיכטונג, ווי אַ ברייטער באַגריף, וואָס נעמט אַריין אויך דעם משל. די פּאָזיטיווע עלעמענטן, וואָס קאָנען אַרויסדרינגען פונעם משל, זענען אין פּרינציפּ די, וואָס דער משל קאָן דינען ווי אַ לעקציע און פאָרמירן דעם כאַראַקטער. דער פאַבל־אוניווערס פאַסצינירט אַ סך דיכטער, נישט נאָר ווייל די פאָרעם לאָזט זיך בויען דיכטעריש, נייערט ווייל זי ווערט אונטערגעהאַלטן מיט אַ סענטענץ, וואָס קומט פון אַ קריטישן גייסט. די פאַבל בכלל און י. מאַניקס אַריינגערעכנט, איז נישט סתם אַן אַמוזאַנטער לייענשטאָף, ווו דער דיכטער איז דער ערשטער צו שעפּן פאַרגעניגן פון זיין אַרבעט; דאָס איז גיכער אַ מעסאַזש צו דער וועלט, אַ מאָראַלישער אמת — און פון י. מאַניק באַקומט מען דאָס צוגעשיקט דורך זיין גלעזערנעם טורעם.

אויב אַ ליד קאָן זיך נישט ווענדן צו יעדן איינעם, ווייל דעם לייענער באַפאַלט אַ געפיל פון אומבאַהאָלפנקייט פאַר דער דיכטערישער וויזיע און זיין קרעאַטיוון כוח, איז אָבער אַ משל, וואָס מוז זיך אויסצייכענען מיט קלאָרקייט און פאָלקסטימלעכקייט, אַן אָנגענעמער לייענשטאָף פאַר אַלעמען, וואָס סטימולירט צום שמייכלען. מיר שמייכלען פון דעם שטומען באַשעפעניש, אָדער טויטע זאַכן, וואָס באַקומען לשון און נאָכשפּעטערישע אַקציע. דאָס איז אַ באַזונדערער עלעמענט, וואָס רייצט אונדזער אויפנעם און איז אויך נישט דער איינציקער פאַקטאָר פון חן.

אָט איז אַ משל, וואָס רופט זיך איבער מיט דער מאָראַל — נאָר פון איין זייט פון דער מטבע פון אמת. דער אָפּטימיסט און פּעסימיסט פּערזאָניפיצירט אין צוויי פּאָר ברילן. בכלל קאָנען די צוויי עקסטרעמע כאַראַקטערן פאַרגופּט ווערן אינעם מענטש, אַריינקוקן אין דער צוקונפט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז, אָדער אילוזאָרישער נבואה. נאָר דער שוואַרצזעער מאַכט פון אַ פונק אַ שׂרפה, דאַקעגן דער העלזעער באַמערקט שוין דעם פרילינגקנאָספּ אויפן אָפּגעשיילטן בוים אין האַרבסט. אויף דעם אויבן־געזאָגטן האָט מיך געברענגט דער משל, „די טונקעלע בריל און די ווייסע בריל״. די ווייסע בריל, דער העלזעער, וואַרפט פאַר דער טונקעלער, וואָס אַלץ ווערט פאַרשוואַרצט אונטער איר גלאָז. אָבער ס׳לעצטע וואָרט האָט גראָד די שוואַרצע בריל. ווייל ווען ס׳קוועלט אַ קלימפּער אויף דער נשמה, ווען קאָלירטע גלעזער נישט העלפן.

ס׳ווייזט אונדז דער דיכטער י. מאַניק, אַז אינעם אוניווערס פון משל, איז נאָך פאַראַן פּלאַץ אויף נייע געביידעס... ער שטרייכט דאָס אונטער מיט זיין טאַלאַנט און אייגנאַרט. אינעם משל, „צוויי שכנים״, (געמיינט בעט־אינסעקטן) וואָס איז אויסגענוצט פון אַ באַקאַנטן וויץ, איז אַרויסגעקומען ביי מאַניקן אַ ציניש מעשהלע, וואָס איז אויסגעפירט מיט הומאָר. „דער חזיר און דער שטעקן״ איז אַ משל פאַר אַלע דבר־אחרס, וואָס האַלטן שטאַרק נאָר פון זייערע פּערזענלעכע ווערטן...

דער משל וועט נישט מיד ווערן ווען מען וועט אים אויסנוצן אויף פאַרשיידענע אופנים און צופּאַסן צו פאַרשיידענע סיטואַציעס. ס׳איז מחיהדיק ווען מען קאָן נוצן אַ משל צו אַ משל. „די גאַס־לאַמטערנס און די זון״ קלינגט ווי אַ כעלעמער מעשהלע אין אַ דיכטערישן לבוש. דאָס אַנטקעגן שטעלן די נעגאַטיווע עלעמענטן, ווי לאַמטערנס קעגן דער זון, איז שוין במילא אונטערגעשטראָכן דאָס פּאָזיטיווע פון וואָס מיר האָבן הנאה.

הומאָר איז אַ הויכע מדרגה פון קונסט. אין יעדן משל דאַרף מען אויך געפינען אַן אָפּשניצל פון הומאָר. זיצט זיך דער דיכטער אין זיין גלעזערנעם טורעם, ווי אַ קריטיקער אויף אַ גרויסן וועלט־ספּעקטאַקל.

פונעם גאַנצן דזשונגל חיות, וואָס האָבן באַקומען אַ בכבודיקן תיקון אין דער פאַבל, זענען, דאַכט מיר, די גרעסטע יחסנים דער פוקס און דער וואָלף. דער דיכטער מאָדולירט זיין אַמוזאַנטן משל אין „וועלפּישער רחמנות". מען דאַרף גוט קענען דעם מענטש, כדי מיט דער הילף פון דער חיה, אים צו כאַראַקטעריזירן. דער ציניִשער צדיק, דער וואָלף, וואָס פאַרמשפּט דאָס הינטל פאַלאַדין צום הענגען, ווערט געריִרט פון זיינע טרערן און הייסט אונטערלייגן אַ קישן ווו עס דאַרף דער הונט פון דער תליה אַרונטערפאַלן...

איך בין מיך מודה, אַז איך בלעטער נישט קיין בוך, איך שלינג עס נישט איין. אַזוי איז אויך געווען מיטן לעצטן. איך האָב ליב צו לייגן אַכט אויף דער אידייע פון פאַבל, אויף דעם גראַם באַזונדער, שפּראַך און אויך אויף דער אַמוזירנדיקער טייל. מען קאָן דאָך אויספאָרן אַ וועלט און גאָרנישט האָבן געזען, ווען מען נעמט זיך נישט די צייט צו געניסן פון דעטאַלן, ווייל דאָס גלאָבאַלע נעמט זיך דאָך פון די שייכותן, וואָס פאַרבינדן דאָס גאַנצע ווערק. און וועגן די דעטאַלן, וואָס שפּילן אַזאַ ראָלע אין דער גאַנצקייט פון אַ ווערק, מוז מען דערמאָנען די קייט פון נעמען, וואָס עס טראָגט דער בושל אינעם ערשטן משל, „די קוקעס־טערקע און די פּאַוו". פּראָפעסאָר דב סדן, וואָס האָט ליב צו מאַכן אַ צימעס פון ווערטלעך, נעמט אַרויס אַ ציטאַטע פון י. מאַניקס משל און גיט אַ לעקציע אין זיינס אַ מאמר וועגן דעם פילנאָמענדיקן פויגל, וואָס האָט אויך אַן אָרט אינעם יחוסדיקן תנ"ך מיט דעם נאָמען די חסידה. בלויז די אידייע פון אַמוזירן דעם לייענער, טראָגט אין זיך זעלבסט שוין אַ גרויסן ווערט. די דערמאָנטע משלים דאַרפן נישט דינען פאַר קיין ביישפּיל ווי די בעסטע פון בוך. דאָס גאַנצע בוך איז אָנגעפּיקט מיט אַלדאָס שיינס און פיגמענטירט מיט הומאָר. אַ שטאַרקן געווס האָט מען פון דעם לעצטן טייל: „אָפענע סודות" (סאַטירע). דער טיטל פאַר־שעמט נישט די שאַרפע עלאָקווענץ פון דער דעגראַדאַציע פון ווערטן. דאָס איז דער דריטער טייל שטעכלקעס אין דעם בוך, וואָס דער דיכטער פאַרוויכט מיט אַ גלאַטיקן גראַם און דערמאָנט אין די קלאַסישע

עפּיגראַמען. ער טאַדלט דעם אַנאָנימען אין וועמען ער צילט, ווייל ווער עס פילט זיך — דעם מיין איך...

ס׳איז ווי געוואונטשן צו ענטפערן מיט אַ נײַ בוך, די אַלע געדונגענע, אָדער פּרייוויליקע באַוויינערס און „פּראָפּעטן״, וואָס זאָגן אָן דעם אונ־טערגאַנג פון דער „מאַמעשי יידיש״. (י. מאַניקס פאַרצערטלטער נאָמען אין אַ ליד, וואָס כ׳האָב לעצטנס געלייענט פון אים אין „די גאָלדענע קייט״).

כ׳האָב מיך אַרומגעזען נאָכן אָנשרייבן די שורות, אַז כ׳האָב גאָרנישט אַרויסגעכאַפּט פון טעקסט אויף אַ ציטאַטע. ס׳איז מעגלעך דערפאַר, ווייל כ׳איז מיר נישט אַזוי לייכט איינצוואַרפן דעם געביי פון אַ משל און געבן אַ מוסטער פון אים. מיר דאַכט, אַז כ׳וואָלט עובר געווען אויפן געבאָט פון נישט צעשטערן... שיק איך אָפּ מיט פאַרגעניגן דעם לייענער צום גאַנצן בוך. און אויב מיינע געדאַנקען וועלן דינען ווי אַ באַשיידענער אָרנאַמענט צו דעם אינטערעסאַנטן בוך משלים, וועל איך זיין צופרידן צו האָבן באַדינט נאָך אַ בוך פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

„ח י פ ה"

צו די דריי שיינקייטן פון חיפה: דער „דגן", דער גן־עדן־פּאַרק און די לויכטקרוין פון כרמל־באַרג, איז צוגעקומען אַ פערטע שיינקייט — דאָס יידיש־שאַפן אין חיפה.

איך האָב שוין געהאַט די אָנגענעמע איבערלעבונג זיך צו באַקענען אַ ביסל מיט דער חיפהער גרופּע פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין ישראל און מיט זייער טעטיקייט. איך האָב געפילט, אַז אין דעם קרייז איז די לופט ממש אָנגעשטעקט מיט דינאַמיזם, און אַז מען עטעמט זי איין, ווערט מען צוגעצויגן, מיטגעריסן...

דער ווילן זיך אויסצולעבן אין יידיש און באַדינען די חיפהער ביר־גער מיט וואָרט האָט געפאָדערט אַ פּעריאָדישע צייטשריפט. זעען מיר, ווי די חיפהער ביכער האָבן זיך אָנגענומען.

ווען אַן אַלפּיניסט קלעטערט אַרויף אויף אַ באַרג הימלט ער גלייך מיט דער וויזיע פון אַ פּאַנאָראַמע, וואָס וועט זיך פאַר אים עפענען אין דער הייך...

איז טאַקע דער איניציאַטאָר פון חיפהער יאָרבוך פּונקט ווי יענער אַלפּיניסט. די שרייבער־גרופּע האָט מיטגעקלעטערט און טריאומפאַל דערגרייכט די הייך. אַ סימן, אַז מיר האַלטן שוין ביים פינפטן נומער.

דער געשפּאַנטער ווילן צו פאַרשפּרייטן קולטור און נערן דאָס יידישע לשון מיט כסדרדיקע פרישע פּלוסן איז, מיינען מיר, אַן אויפטו פון דעם גאַנצן דינאַמישן שרייבער־קרענצל. לאָמיר דאָ אָבער ספּעציעל אונטערשטרייכן די צוויי פאַרדינסטפולע רעדאַקטאָרן דוד ראָדין און מרדכי קראָשניץ — די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער אויסגאַבע.

מרדכי קראָשניצס ליטעראַרישערביישטייער צו די חיפהער ביכער באַשטייט פון עסייען און קליינע מיניאַטורן, וואָס זענען פאַר זיך אַליין שטיקלעך פּאָעזיע אין פּראָזע. אונדז דוכט אָבער, אַז עס איז אַ שאָד עס זאָלן זיך אַרומדרייען אַזעלכע איזאָלירטע בילדעלעך אין קורצינקע נאַטור־באַשרייבונגען. היות עס איז אָנגענומען אין דער היינטיקער ליטעראַטור די עלאַסטישקייט פון אויסציען אַ נאַטור־באַשרייבונג, וואָלטן זיי געווען אַ סך מער געווונען, ווען זיי זאָלן זיין אַריינגעפּאַסט אין אַ דערציילונג. דער פּערטער נומער „חיפה״ הייבט זיך טאַקע אָן מיט זיינער אַ דער־ציילונג „נחלאים״, אַ דערציילונג וועגן אַ יונג פּאָרל, געשריבן מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס. אין דער דערציילונג שלאָגט דער אָדער פון נאַציאָ־נאַלער קדושה.

אין נעם זיך דאָ נישט אונטער אויף אַ ברייטער פּאַרגיטיקונג פאַר דער מי פון דער חיפהער אונטערנעמונג. כ׳וועל דאָס פּרווון טון מיט דער מאָס פון ערלעכער באַציאונג און אין בצימצומדיקע שטריכן.

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ־פּנחסיק איז פאַרטראָטן מיט אַן איינדרוקספולן קאַפּיטל פון איר בוך „נאָכן מבול״. די באַשרייבונג „עולים״ פון אַ שיף, וואָס פירט פּאַסאַזשירן קיין ישראל, איז אויפגעכאַפּט מיט אַ שאַרפן אָב־סערוויר־חוש און קומט אַרויס רעליעפאַרטיק און אמתדיק. אויף דער שיף באַוועגן זיך רעשטלעך פון איבערגעבליבענע שטאַמען, אָן דעם קאָמפּלעקס פון צעשפּאָלטנקייט, וואָס איז אַ באַגלייט־דערשיינונג אין דער יידישער צעשפּרייטקייט. פּונקט ווי די זון דינט צו פּיגמענטירן די הויט און בראָנזירט זי, אַזוי ווערן די שיף־פּאַסאַזשירן קריק אָפּגעפאַרבט פון דער יידישער סביבה. יידן, וואָס זענען שוין פון לאַנג געוואָרן אַנעמיש צו זיך אַליין, צו זייער יידישקייט, געפינען זיך ווידער אָפּ.

שמחה פּאָלאָקעוויטשס אַ געטאָ־באַשרייבונג איז פאַרבונדן מיט יום־כּפור און איז מער ווי יום־כּפורדיק. זי איז געשריבן אין אויפטרייסלענדיקן סטיל פון דעם לעצטן גאַנג פון דער עדה יידן. ווייטער געפינען מיר אַ זייער רייכע זכרונות־באַשרייבונג פון קינסטלער־מאָלער יצחק ליכטנ־שטיין.

„פעדערן“ פון י. גרינבערג איז אַ קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש פון ישראל־טיפן, וואָס שפּילט זיך אָפּ אַרום דעם „שוק“. די טיפן, מאָטע און זיינוול זענען געשילדערט שאַרף, ווי ווילדע געוויקסן אויפן פּאַן פון גרינוואַרגמאַרק.

לוי פּאַפּיערניקאָוו קומט מיט אַ גרעסערער דערציילונג „בלאָנ־דזשענדע שטערן“. אַ טיפּיש יידישע דערציילונג פון איינגעוואַנדערטע, וואָס קאָנען זיך נישט איינוואָרצלען; ביי וועמען דער פּסיכאָז פון וואַנ־דערן ליגט נאָך טיף אין די ביינער און פאַרפּאָלגט זיי. אָבער דער נייער, אויף ישראלס ערד, געבוירענער דור איז אַזוי צו זאָגן דער מעדיום, וואָס באַצווינגט די עלטערן צו בלייבן אין לאַנד. לוי פּאַפּיערניקאָווס פּראָזע איז רעאַליסטיש און אַדורכגעאָדערט מיט נאַטוראַליסטישע שטריכן. ער כאַפּט אָן דעם סיוזשעט ביי די הערנער און פירט זיין דערציילונג אימפּעטיק. אַ סך געשעענישן פאַרלויפן זיך אין אַ זייער קורצער דויער. ער דרייט די וויזערס פון דער צייט מיט אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער שנעלקייט.

להיפּוך צו לוי פּאַפּיערניקאָווס האַסטיקן סטיל איז דער סטיל פון חיים וואָטשין. ער דערציילט אייך בנעימותדיק, לאָזט אייך זיצן רואיק אין פּאָטעל און זיך צוהערן צו זיין דערציילונג אָבער ווי פּאַמעלעך דער ריטעם זאָל נישט זיין, איז גלייך אין די ערשטע שורות אָנגעמערקט די דראַמאַטישע שפּאַנונג. די דערציילונג „דעם מילנערס זון“ ווייזט הערא־איזם דורך קאַמף. אַ משפּחה אַן אַרויסגעטריבענע פון דאָרף אין געטאָ. דער מחבר ברענגט אַרויס דעם רעוואָלטירנדיקן כוח פון דעם מילנערס זון הערשל, וואָס אַנטלויפט אין וואַלד אַריין קעמפן. די עלטערן זיינע קומען אום. ער קומט צום סוף קריג נקמה נעמען אין די פויערישע שכנים, וואָס האָבן געהאָלפן די דייטשן אין רויב און געוואַלדטאַט און פאַרברענט אַליין זייער צוגערויבטע מיל.

אויפן ישראלדיקן באָדן שפּראָצן און וואַקסן סיוזשעטן, ווי גאָלדעפּל אויף די ביימער. זיי רייפן זיך דירעקט אין לאַנד, פאַלן צו דיינע פיס און בעטן זיך ממש זיי אויפצוהייבן. און אָט איז אַזאַ גאָלדעפּל אַריינגע־

פאַלן צו מרדכי שטיינבערג. אַ דערציילונג, וואָס סוגערירט עפּעס, וואָס איז אויסן צו ווייזן דיר אַ מוסטער פון איידלקייט און אידעאַליזם. די דערציילונג רופט זיך „בלויע האָריזאָנטן". אַן אינזשעניר, וואָס דער־גרייכט רום און מאַטעריעלן וווילשטאַנד אַ דאַנק זיין אַרבעט לאָזט איבער אַלץ מיט דער שטאָט אין איינעם און באַזעצט זיך מיט זיין גאַנצער משפּחה אין אַ קיבוץ. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז „די שטאָט איז ווי אַ פאַלשער גלאַנץ פון אַ שטיקל גלאָז, וואָס ליגט אַנטקעגן דער זון".

די לעצטע דערציילונג אין בוך רופט זיך „איר געבעט איז דער־הערט געוואָרן". די טעמע, וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט איז שוין אַזוי אַלט ווי די מעדיצין און וואָלט גאָר געפּאַסט פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער דיסערטאַציע אָבער דורכאויס מיטן ציל צו ברענגען נוצן דער מענטש־הייט. האַמבורגער דערציילט פון אַן אַלטיטשקער, וואָס מאַטערט זיך אויף דער גרענעץ פון לעבן און טויט, ווען די מעדיצין איז שוין אומבאַ־האָלפן, אָבער זי, די קראַנקע, קאָן נישט אָפּגעבן די נשמה. שמחה האַמ־בורגער האָט אויסגעשניטן אַ רירנדיקע סצענע פון לעבן, האָט זי מאָ־דולירט, געגעבן אַן אויטענטיש בילד פון אַ ליידנדיקן מענטשן, פאַר וועמען די בעסטע תרופה איז דער סוף! אַלע דערציילערישע עלעמענטן זענען דאָ פאַראַן. די שטימונג, דאָס תהלימל, דער טאָכטערס קינד, ווי אַ שטאַרקער קעגנזאַץ צום זיך לעשנדיקן לעבן. אָבער ביי דער שטעלע, ווו די טאָכטער פירט אויס די שליחות פון מלאך־המות מיטן דאָזירן די רפואה־טראָפּנס, פאָדערט זיך אַ פאַרזיכטיקע צוריקגעהאַלטנקייט.

אַ רמז, אַ ווונק, נישט אַזוי פיל רייד. דאָ דאַרף זיין, אין קעגנטייל, אַלץ אָנגעלאָדן מיט דער שטילער שפּראַך פון שווייגן. דער ווילדער אויס־זען פון דער טאָכטער, דאָס אַליין איז דאָך שוין דער שטאַרקסטער מסור פון איר פאַרבאָרגענעם געדאַנק צו „פאַרלייכטערן" דער מאַמען. דאָרט ווו ס'איז נישטאָ קיין אייפעמיסטישער קעגן־באַגריף צום גרויזאַמסטן וואָרט — איז גלייכער צו פאַרבייטן עס מיט צימצום.

פאַראַן אַן אויספירלעכע אַרבעט פון מרדכי קראָשניץ „דריי תקופות אינעם שאַפן פון דער דיכטערין און פּראָזע־שרייבערין רחל קאָרן"; פון

גיטל מייזיל — וועגן יוסף פּאַפּיערניקאָווס לידער — אַ לאָרבערקרענצל צו זיינע פערציק יאָר דינען דעם יידישן לאַנד מיט זיין האַרציקן פּאָלקס־געזאַנג.

עזרא להד וועגן שלום־עליכם, אַ מאָנאָגראַפיע אין פאַרבינדונג מיט דער בינע.

און לאָמיר ברענגען אַ לויבגעזאַנג דעם שרייבער ל. חייך־שמעוני פאַר זיין „נצרת". ווי אַ מדריך נעמט ער אונדז אויף אַן עקסקורסיע קיין גליל, דאָס וויגעלע פון אַלע הייליקע, פון וועלכע מיר ליידן נאָך ביז היינטיקן טאָג. מיר געפינען זיך ווי איינגעוועבט אונטערן ליכטיק וואַ־רעמען הימל פון דער עקזאָטישער לאַנדשאַפט, געדיכט באַשאָטנט מיט מאָנומענטאַלער קונסט.

אַ גאָר אינטערעסאַנטע איז די אַרבעט פון משה ביק: „מקורות און שליחות פון פאָלקסליד". אַ קינסטלעריש געשטאַלטיקטער מאמר אין אַ ראַפינירטער, צום סיוזשעט צוגעפּאַסטער, שפּראַך.

צום סוף פון בוך געפינט זיך אויך אַן אָדע צו שלום־עליכמען מיט נאָטן, געשריבן פון דעם זעלבן מוזיקאָלאָג משה ביק.

יהושע גראָסבאַרד שרייבט וועגן מאָלער מ נ ח ם ש מ י צו זיין פופצענטער יאָרצייט אין דער פאַרבינדונג מיט אַנדערע פּאָרטרעטן פון חיפהער מאָלערס.

אינטערעסאַנטע און אינפאָרמירנדיקע באַשרייבונגען פון מוזעאומס אין חיפה און דעם קערנער־מוזעאום „דגן" גיט ק. הלל. פון אים אויך האָבן מיר אַן אַרבעט אד"ט: „די פּערזענלעכקייט נחמן מייזיל".

איצט אַ פּאָר קורצע גרוסן וועגן דעם דינעם שיכט לידער, צעוואָר־פענע איבערן חיפהער בוך. די איידעלע דיכטערין פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ האָט אויף איר באַזוך אין לאַנד איבערגעלאָזט אַ מתנה: עטלעכע לידער אינספּירירט פון ישראל, זייער שטימונגספול און צאַרט.

פון נאַטאַן מאַרק פלייצט מיט רעליגיעזע מאָטיוון. זיין פּאָעמע „דעם בעל־שם־טובס באַשערטע" איז פול מיט צניעותדיקן חן.

אַ גרויסן נחת־רוח האָט מען פון די לידער פון פּרץ מיראַנסקי, אַ דיכטער בחסד עליון!

אַ גוטער אָפּקלייב פון דער ירושה פון יוסף סאָקולערס לידער און אַפּאָריזמען.

דער מאָלער א. י. ראַפּאַעל איז פאַרטראָטן אין דעם נומער מיט אַ פּרעכטיק בילד, אַן איילבירטבוים, וועמען ער ווידמעט צוויי לידער. ביידע זשאַנערן דערגאַנצן זיך.

מיר זעען ווי דער דוחק אין קריטיק, פון וואָס אונדזער ליטעראַטור ליידט, איז צום גליק נישט גורם קיין אַטראָפירונג ביי דער גרופּע יידיש־שרייבערס אין חיפה.

מכוח אַן אידייע פאַר דער יידישער ליטעראַטור

מיר דאַכט זיך, אַז מען דאַרף אַוועקשטעלן די פראַגע: צי קאָן די יידישע ליטעראַטור האָבן אַן אידייע, און נישט: צי דאַרף די יידישע ליטעראַטור האָבן אַן אידייע. היות ווי דאָס איז אַ סינטעטיש פּראָבלעם, וואָס איז אין זיך כולל פאַרשיידענע אַספּעקטן פון אונדזער קיום, ווי פאָלק, טראַדיציע, שפּראַך, ליטעראַטור אא״וו, וועלן מיר אָנהייבן פון יסוד, דאָס הייסט, פון פאָלק. מיר וועלן אין קורצע שטריכן פּראָבירן אַוועקצושטעלן די טעמע.

דאָס דערציערישע קלינגוואָרט, וואָס עס האָבן אויסגעטראָגן און אַריינגעפירט אין יידישן לעבן די משכילים: „זיי אַ ייד אין דער היים און אַ מענטש אין גאַס״ האָט זיך שוין אויפגעלייזט אין אונדזער דיאַס־פּאָרע ווי אַ לאָזונג. דער ערשטער טייל פון יענעם משכילישן געבאָט שטייט שוין ווי אַ מצבה, פון וועלכער די צייט האָט אָפּגעמעקט אַ העלפט פון דער אויפשריפט. מיר האָבן שוין אַזוי פיל פאַרלוירן פון אונדזער אייגנאַרט — שיער נישט אויך די אייגענע נאָז...

דער גרויזאַמער היטלער־שניט האָט אונדז באַרויבט פון אַן אַק־טיוון און וויטאַלן קאָנסומענט פון אונדזער ליטעראַטור, אָפּגערעדט פון דער גייסטיקער און שאַפערישער עליטע. די רוסישע רציחה איז געווען אַ נייער פאַקטאָר פון אָפּהאַקן נאָך אַ דיקע צווייג פון אונדזער קולטור־שאַפערישן בוים, ווי אַ צולאָג צום גרויסן חורבן. אין דעם סך־הכל פון אונדזער פאַרלוסט איז נישט מעגלעך נישט צו דערמאָנען די ווונדערלעכע, קליינשטעטלדיקע יוגנט, וואָס נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיך צו בילדן לויט אַ שולפּראָגראַם, איז זי געוואָרן אויטאָדידאַקט מיט אָפּטמאָל גרעסערע דערגרייכונגען, ווי די דיפּלאָמירטע. ביי דער יוגנט איז געווען

אַן אומבאַגרענעצטער דראַנג צו וויסנשאַפט. די מורא צו בלייבן הינטער־שטעליק אין פאַרגלייך מיט דעם גרויס־שטעטישן מענטש, האָט ביי די קליינשטעטלדיקע יונגע לייט פאַרשטאַרקט די התמדה צו לערנען.

היינט זענען מיר אַ קליין הייפל אין האַרץ פון אַ פרעמדער וועלט, ווו מיר וועלן שטענדיק האָבן צו ליידן פון דער מחלה אַנטיסעמיטיזם. סיידן מיר — איך מיין דאָ, אין דער דיאַספּאָרע — זאָלן זיך אינטעגרירן צווישן די פעלקער, ווו מיר וווינען, זיך אָפּזאָגן פון אונדזער אָריגינאַלי־טעט. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס איז שוין אַזוי אַלט, ווי אַלט עס זענען די רדיפות אויף אונדז. מיר זענען קליינע פלוסן אין דער צעשפּרייטקייט; צי איז דען מעגלעך אַרויסצוציען אַלע פלוסן פון מענטשלעכן אָקעאַן, כּדי מיר זאָלן בילדן אַ גאַנצקייט? ווען מיר וואָלטן געקאָנט זיך צונויפ־נעמען אין איין לאַנד, וואָלט אונדזער ליטעראַטור געהאַט אַן אַנדער פּנים. דער קאָמפּלעקס־פּראָבלעם פון פאָלק און לאַנד האָט ביי אונדז געשאַפן פּעסימיזם, וואָס וועט זיך אויסדריקן, ווי אַ שטורעם אין אַ גלעזל וואַסער...

מיר, אין פראַנקרייך למשל, וועלן אין בעסטן פאַל נאָך דערציען עטלעכע שרייבערס ווי ראָזשע איקאָר, אָדער ווי אַננאַ לאַנגפוס, וואָס האָט אין די באַדינגונגען פון אַ געליטענער געגעבן ווערטפולע ווערק. זי אַליין האָט בעת אַן אינטערוויו אין פראַנצייזישן ראַדיאָ נישט געהאַט דעם מוט אונטערצושטרייכן איר יידישקייט. דער דאָזיקער נישט סימ־פּאַטישער שטריך פון יידאָפּאָביע האָט טאַקע בשעתו אַרויסגערופן עמ־פּערונג און דעפּרימירט די יידישע געפילן.

אַ קעגן־ביישפּיל איז דער יידיש־פראַנצייזישער שרייבער יוסף קע־סעל, וואָס האָט אַזוי נאַטירלעך און סימפּאַטיש אונטערגעשטראָכן זיין יידישן אָפּשטאַם, בעת דער אויפנעם־צערעמאָניע אין דער פראַנצייזישער אַקאַדעמיע. דער פאַל האָט, אין רעוואַנש, דערהויבן דאָס יידישע געפיל.

פאַראַן שרייבערס, וואָס באַמיען זיך אָנצובינדן די עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק און זיין קולטור אין אַן אַלטער אויסגראָבונג פון די מזרח־לענדער. אַן אויסגראָב פון אַ הייליקער כּלי, אַן אַלט שערבל פון אַ צע־

בראָכענעם טאָפּ מיט יידישע איינקריצן; אָדער אַ זכר פון תפילין, אַ קולטור־דערשיינונג, וואָס דאַטירט די צייט פון רבינו תם. דאָס זענען אָבער נישט מער, ווי מוזעאַלע חפצים און אַ פרייד פאַר די אַרכעאָלאָגן, וואָס האָבן אַ ספּעציעלן קולט פאַר אַן אַנטיק־חפץ. אָבער ווען באַווייזן, אַז אַ דאַנק די אָ סימנים האָט דאָס יידנטום אַ המשך, אויב דאָס זאָל זיין דער אַרגומענט פאַר אונדזער איצטיקער עקסיסטענץ, וואָלט אונדזער מאָראַלישע פּאָזיציע אין דער גרויסער וועלט, און אין אונדזערע אייגענע אויגן, געווען אַ ביז גאָר שפּלדיקע.

אין ישראל לעבט אַ רעליגיעזע סעקטע, וואָס רעדט און טראַכט אין יידיש, אַ קאָאַליציע פון קלער, וואָס אירע טענדענצן זענען אויסצונוצן אויך די רעליגיע כדי אַרומצונעמען די מדינה מיטן גאַרטל פון איר ממשלה. דערווייל איז די סעקטע אַזוי צו זאָגן אַ מלוכה אין אַ מלוכה, וואָס איז אַ פלעק פאַר דער מדינה אין די אויגן פון דער וועלט און מאַכט פון ישראל אַ גרויסע פּראָווינץ. צי קאָנען מיר זאָגן, אַז דאָס איז דער המשך? ניין! צי קאָנען מיר שטאָלצירן מיט דעם? ניין! דער דאָזיקער טייל פון פאָלק רעדט טאַקע יידיש, אָבער דאָס נאָר צוליב פאַנאַטיזם, אָדער להכעיס דער מדינה.

אויף וויפל דער דאָזיקער הויקער פאַרשאָטנט דאָס לאַנד, האָב איך פון דעסט וועגן דרך־ארץ פאַר דעם דאָזיקן עלעמענט, ווייל זיין פרומ־קייט און פירונג קומט פון איבערצייגונג.

פאַראַן נאָך היימען ביי אונדז אין גלות, וואָס צינדן ליכט ביים אָנקום פון שבת. די מענטשן גייען אין שול אין די פאַרכטיקע טעג און עסן כשר נאָר אין די ימים נוראים. איך גלייב קוים צי די דאָזיקע אויפ־פירונג דרינגט אַרויס פון איבערצייגונג. עס איז נישט מער ווי אַליין־נאַרעריי. איך גלייב אפילו נישט, צי אַ קליינער טייל פון אונדזער נאָכ־וווקס וועט זיך האַלטן ביי דער טראַדיציאָנעלער פאָרעם, ביי דער ספּעק־טאַקולערער שבת־יום־טובדיקייט. ביי אונדז רופט עס אַרויס בלויז אַ ראָמאַנטישן סענטימענט פון איבערבלייב פון די אַלטע היימען.

דער שטראָם פון אַסימילאַציע פאַרפלייצט אונדז. דאָס איז אַ פּראָצעס,

וואָס פֿאַרשפּרייט זיך אין די גלות־לענדער, אָן צו פּרעדיקן זיין אידייע. ער הייבט זיך שוין אָן אין וויגל — אָדער בעסער געזאָגט ביי דער געבורט פון קינד. ווען מיר זאָלן אפילו זיך גוט אַרומפּאַנצערן מיט יידישן חינוך, וועלן מיר נאָך ווייט נישט דערגרייכן דעם פּאַראַלעל, ווייל דער דעפּיציט איז אַ צו גרויסער אַנטקעגן דעם געוואַלדיקן דרוק פון דער לאַנד־קולטור.

וואָס שייך שפּראַך, זאָל דאָ דינען ווי אַ ביישפּיל פון אַ דראַסטישן איינפּאַל, געשאַפן אין פאָרעם פון אַ ליד דורכן דיכטער גאָנטאַר („סאָ־וויעטיש היימלאַנד”). דאָס ליד רופט זיך „אַפריקע”. דער אינהאַלט פונעם ליד: פאָרן אין דעם לאַנד, איינהאַנדלען אַ פּאַפּוגיי, וואָס לעבט דריי הונדערט יאָר און זי אויסלערנען יידיש... נאָך אַ ריי דורות „וועט אַ שפּראַכפאָרשער דעם פויגל פאַנגען / און מיין לשון אויסלערנען לויט אָט די קלאַנגען”.

מען קאָן אַריינטייטשן און אַרויסטייטשן, וואָס מען וויל פון אָט דעם ליד, אָבער דער נאַקעטער פאַקט איז אויבנאויפיק, אַז דער דיכטער גאָנ־טאַר האָט זיך אינספּירירט פון אַ טרויעריקן אמת.

ווי דינאַמיש עס זאָל נישט לעבן די יידישע שפּראַך און געניסן פון אויטאָנאָמער געזעלשאַפטלעכקייט, בין איך נישט קיין אָנהענגערין פון באַגרענעצן זיך צו אַ געטאָ־קולטור. אדרבא, מיר דאַרפן ברייטער געניסן פון דער אוניווערסאַלער קולטור, אַריינגערעכנט די לאַנדקולטור, וווּ מיר לעבן. דאָס איז הויפּטזאַכלעך פאַרן שרייבער און קינסטלער אַ ווילטוענדיקע באַרייכערונג פון זיין שאַפן. יידישע ווערק אין דער פראַנ־צייזישער שפּראַך צי אין אַנדערע שפּראַכן, פאַרלירן גאָרנישט פון זייער ווערט. מען דאַרף נאָר קענען דורכאויס די יידישע געשיכטע און די סביבה, וואָס מען שילדערט, נישט ווי דער גאָנקור־געפּרייזטער ראָזשע איקאָר, וועמענס בוך „געמישטע וואַסערן” איז אַ פראָפּאַגאַציע פאַרן ייד און אַ פראָפּאַגאַנדע פאַר אַסימילאַציע, דאָס הייסט, פאַר פאַרשווינדן. אַזעלכע ווערק האָבן אַ שלעכטע השפעה אויף דער יוגנט, ווייל פון קינסט־לערישן קוקווינקל איז דאָס בוך זייער גוט, עס גיט אָבער אַ פאַלש בילד

פון אַ הייפל אומסימפּאַטישע פיגורן, נישט כאַראַקטעריסטישע פאַרן יידנטום, מחמת דער מחבר איז נישט געגוג שטאַרק אין יידן־קענטעניש.

ביי אַ סך אַסימילירטע שרייבערס האָט די חורבן־עפּאָכע אויפגעטרייסלט זייער יידיש געמיט. זיי האָבן דערפילט, אַז זייער גורל איז פאַרבונדן מיט דער וואָרצל־געמיינשאַפט פון יידישן פאָלק. דעריבער האָט די יידישע ליטעראַטור זיך אפשר צו גרייסן מיט אַזעלכע ווערק ווי ראָמען גאַריס „איירָאָפּעאישע דערציאונג", „עקזאָדוס" פון ש. יוריס, „דער לעצטער פון די צדיקים" פון אַנדריי שוואַרצבאַרט, „זאַלץ און שוועבל" און „באַגאַזש פון זאַמד" פון אַננאַ לאַנגפוס, אָדער די ווערק פון יידיש־פּוילישן שרייבער אַדאָלף רודניצקי, וואָס זענען דורכגעדרונגען פון דער יידישער טראַגעדיע.

אונדזער ליטעראַטור דאַרף זיין אַן עטישע, אַ קעגן־מאָדעל צו דעם דאַזיקן באַגריף וועט זיין די שרייבער־פיגור פון י. באַשעוויס, וועמענס ווערק ווערן איבערגעזעצט און פאַרשפּרייט אין מערערע שפּראַכן. עס איז טאָקע פאַר אונדז אַ כבוד צו האָבן אַזאַ פּראָזע־מייסטער, וועמענס ווערק זענען אַ פאַרכאַפּנדיקער לייענשטאָף, אָבער וויפל איז דער שיעור צו שטעקן אין מאַקאַברישן געמויזעכץ פון שדים און רוחות, ווי אַליין אַ באַזעסענער?

אויב די אַרומיקע סביבה באַקומט פון אַזאַ קינסטלער נאָר אַזאַ געקעכטס, טאָ וואָס פאַר אַ פּנים קאָן האָבן דאָס יידישע פאָלק אין אירע אויגן? אגב, באַגעגענען מיר אין דער פּרעסע אַ דרייסטן אָפּרוף פון ל. פיינבערג, וועגן די ווערק פון באַשעוויס.

וואָס שייך קריטיק איז דאָס אַ באַזונדער אַנגעוויטיקט קאַפּיטל, וואָס גייט נישט אַרויס פונעם טעמפּן ווינקל. צוויי עקסטרעמע וועגן טיילן זיך אויס אין דער איצטיקער קריטיק: אָדער פאַרניכטן, אָדער אַ פריינדשאַפטלעכע אָפּאַהנדלונג, אַ מין יוצא זיין. קאָן מען טאָקע אַ גרויסן טייל פון דער קריטיק נישט נעמען ערנסט, ווייל די סומירונג איז געמאַכט אויף איין פּוס, אַן ישוב הדעת.

עס פעלט דער גייסטיקער פירער לויט דעם מוסטער פון ה. לייוויק

אָדער י. ל. פּרץ. „איך וויל נישט זיין אייער ליכט, נאָר אייער אָנצינדער" — האָט פּאַטעטיש אויסגערופן יצחק לייבוש פּרץ. אָט אַזאַ אָנצינדער פעלט ביי אונדז, עס זענען געבליבן לײדיקע שטולן פון גרויסע גײסטער, וואָס וואָלטן באַדאַרפט פאַרנומען ווערן פון אַ נאָכקום, אַ גײסטיקן יורש; אָבער ווו נעמט מען אים?

נישטאָ מער קראַשינסקיס גאָרטן פון די נאַלעווקעס, ווו פּרץ פלעגט קומען זיך באַהעפטן מיט יידן, ווי אַ רבי, געשאַפן אַ וואַרעמען קאָנטאַקט און געשעפּט פון זיי דעם שטאָף צו זיינע ווערק. דעריבער זענען זיי אַזוי אויטענטיש און אייביק.

די יידישע ליטעראַטור דאַרף האָבן אַן אידייע. רעדנדיק ספּעציעל וועגן פּראָזע דאַרף די ליטעראַטור אָפּשפּיגלען די איצטיקייט, דעם גע־ראַנגל פון מענטש. דורך דעם שרייבער דאַרף ריידן די געשיכטע.

צו גאַסט אין ישׂראל
אויפֿן קאָנגרעס פֿון זשורנאַליסטן אין 1967

כ׳האָב געחלומט אַ חלום. אָבער אַזוי ווי אַ חלום איז רעלאַטיוו קורץ און מען קאָן אים נישט אויסחלומען אין גאַנצן, גלוסט זיך צו שליסן די אויגן און אים ווייטער שפּינען.

אַ כינעזישער דיכטער האָט נאָך אַ יאָר טראַכטן אָנגעשריבן בלויז איין שורה, טענהנדיק, אַז סיי ווי בלייבט נישט פֿון אַ גרויסן מענטש מער, ווי איין שורה אויף אַ ציטאַטע, טאָ נאָך וואָס זאָל ער זיך אָנשטרענגען?...

ווען מיינע ישׂראל־איינדרוקן וואָלטן זיך געמוזט איינשרומפּן בלויז צו אַ ציטאַטע, וואָלט איך על רגל אחת געזאָגט: „ישׂראל איז אַזוי פֿאַר־יינגערט און פֿאַרשענערט, אַז כ׳וואָלט די פּרינצעסין פֿון רענעסאַנס אַרומ־גענומען מיט אַ רויטער שלייף, מען זאָל איר קיין עין־הרע נישט געבן...״.

דער פּראָגראַם פֿון דעם אַכט־טאָגיקן קאָנגרעס איז געווען אַזוי אָנגע־פּראָפּט און געשפּאַנט, אַז קיין איין קלאַנג וואָלט שוין מער נישט אַריין אין געמיט, ווייל ער וואָלט שוין מער נישט געפֿונען קיין אָפּקלאַנג. פֿון אַלע פֿייערלעכע און דערהויבענע מאָמענטן, וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט אין איין וואָך, ביים גאַסטירן ביי מיניסטאָרן און אויסהערן די רעדעס פֿון די פּני פֿון דער מדינה, וועל איך דאָ בלויז אונטערשטרייכן די אויפֿנאַמע ביים מלוכה־פּרעזידענט, זלמן שזר.

דאָס איז געווען אַ גייסטיקער כיבוד פֿון אַ צוויי־שעהדיקער רעדע אין יידיש, וואָס האָט דעם גאַנצן זאַל אַנטציקט און פֿאַרבליפֿט. דער נשׂיא האָט אַרומגענומען דעם ישׂראל־פּראָבלעם אין די תּפֿוצות אין אַלע זיינע

דימענסיעס און געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער טאָגפּרעסע, וואָס דאַרף אָפּשפּיגלען ברייט און טיף אַלע ישׂראל־פּראָבלעמען. די גאַנצע אוידי־טאָריע, צום מיינסטן פון אויסלענדישע דעלעגאַטן, איז געווען טיף גע־רירט און פונקט אַזוי אויך דערהויבן בעת דער פּרעזידענט האָט מיט באַוווּנדערונג און ליבּ גערעדט וועגן אַנטייל פון יידישן פאָלק אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

מיר ווייסן אַלע, אַז ס׳איז נישט געווען קיין גאָלדענער רעגן, נאָר גאָלדענע קוואַלן האָבן זיך געעפנט.

און אַדעקוואַט צום יידישן געפיל, האָט דער פּרעזידענט אויסגעברייט־טערט אויף אַן אָריגינעלן אופן די שטעלע פון תנ״ך, באַנוצנדיק זיך מיטן פּסוק פון „אַ געזאַנג צו די אַרויפגאַנגען״ „כאפיקים בנגב״. ער האָט סימבאָליזירט דאָס גרויסע יידישע האַרץ מיט די נאַטורקוואַלן, וואָס באַ־וואַסערן דעם פאַרחלשטן נגב. דער דאָזיקער סימבאָלישער פאַרגלייך מיטן פּסוק פון תהלים: „ריכט אונדז גאָט ווידער אויף ווי שטראָמען אין טרוקענעם לאַנד״, וואָס איז אַרויסגעבערענגט געוואָרן מיטן פּרעכטיקן רעדנער־טאַלאַנט פון זלמן שזר, צוזאַמענגעשמאָלצן מיט תנ״כישן גייסט, איז טראָץ זיין אמתן רעאַלן אויסטייטש, דעמאַטעריאַליזירט געוואָרן אונ־טער די שטראַלן פון זיין חכמה.

וואָלט איך נישט געהאַט מער קיין אַנדערע פאַרגעניגנס פון מיין ישׂראל־באַזוך, ווי די בלויזע אויפנאַמע ביים פּרעזידענט שזר, וואָלט איך דרייסט געקאָנט זאָגן, אַז כ׳האָב געוווּנען אַ שלאַכט...

**
*

ווען מען פאָרט אַדורך דאָס לאַנד אין די באַפרייטע שטחים, דער־מאָנט עס אין זאָג פון רב־אלוף יצחק רבין: „ס׳איז אַ כבוד פאַר מיר צו האָבן געווען דער שעף פון אַזעלכע קעמפער״. יאָ, ס׳איז אויך אַ כבוד פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק צו האָבן אַזעלכע יינגלעך, אויסגעפּרוווטע אין אַלע פייערן.

כ׳בין געווען ביי דעם כותל המערבי, ביי דעם קלאָס פון שטיין

און געוויין, וואָס ציט צו זיך צו, ווי אַ מאַגנעט. די שפּאַרעס, ביז ווהין די מענטשלעכע האַנט קאָן דערלאַנגען, זענען אויסגעפּילט מיט בריוולעך צום רבונו של עולם... זיי האָבן אַן אויסזען פון ווייסע ראָזעטקעס, וואָס שיטן זיך פון די איבערפולטע נעסטן ווי בלעטלעך פון בלומען. פון די דאָזיקע בריוולעך קאָן מען צונויפשטעלן אַ גאַנצע מגילה פון יידישן טרויער און תמימות. דאָס איז די סאַמע גרעסטע און שענסטע פּילשפּראַכיקע יידישע פּאָסט צום רבונו של עולם, וועמענס פּאָסט־טרעגער איז אַ ווייסע טויב, וואָס ברענגט זיי פאַרן כסא הכבוד...

אַפילו דער סאַמע איבערצייגטער אַטעאיסט קומט צו דער וואַנט און שטיקט זיך מיט אַ שעמעוודיקער טרער. משה נאַדיר, וואָס איז געווען פרומער פון די פרומסטע פאַרלייקענער, האָט זיך געריייניקט אויף זיין טויטן בעט מיט אַ ווידוי־ליד, פון וועלכן איך ציטיר צוויי שורות:

„שמע ישראל ס'לעצטע ליד,
אַזוי מוז שטאַרבן יעדער ייד!"

כ'האָב געזען אין דעם געביט אַ דראַסטיש בילד פון דער אַראַבי־שער ציוויליזאַציע. אַ גרופּע אָפּגעריסענע, קויטיקע אַראַבישע קינדער־לעך, מיט בלענדיקע בעקלעך ווי זונבלומען, באַוועגן זיך ווי ווילדע געוויקסן, אַרום דעם קרענצל עקסקורסאַנטן און שטרעקן אויס, אַלע ווי איינער, די הענטלעך נאָך נדבות. זיי נישטערן אין די גראָזן, ווי פעלד־חיהלעך און עסן גרינע בלעטלעך. דאָס בילד רירט ביז טרערן. דער מדריך טרייבט זיי, נאָר זיי, ווי אַ טשאַטע הונגעריקע טויבן קומען צו פליען און די עקסקורסאַנטן וואַרפן זיי צוקערלעך. דאָס בילד פון דעם אַראַבישן קרבן לאָזט נישט צו רו.

די אַראַבישע פעלקער זענען אַלע איייניק אונדז צו פאַרניכטן אויפן חשבון פון זייער אייגן אָרעם פאָלק, וואָס ווערט גענערט מיט ליגנס, שנאה און האַס, דאָס איז זייער זאָמען, וואָס פלאָדיעט די דאָזיקע יונגע קרבנות.

אויב כ'בין ביי מיינע ערשטע צוויי באַזוכן אין לאַנד געקומען אין

קאָנטאַקט מיט שווערע סאָציאַלע פּראָבלעמען, זענען זיי געווען נאָר עמ־בריאָנען אַנטקעגן די איצטיקע, מיט די אַנעקסירטע אַראַבער. דאָס איז אַ הויקער אויפן קערפּער פון ישראל — און אויסגלייכן אים, איבער־דערציען די קליינע, נאָך ריינע נשמהלעך, איז אַ צוגאָב צו אַלע שווערע פּראָבלעמען פון לאַנד.

אויף דער אַראַבישער מענטאַליטעט וואַרפט אַ קלאָר ליכט אַ פּראַנ־צייזיש שפּריכוואָרט: „ווען מען וואָלט באַדאַרפט אויפשטעלן אַ מאָנו־מענט פון ליגן, וואָלט מען עס געמוזט מאַכן אונטערן קאָפּשלייער פון אַן אַראַבער". ווען די אַראַבישע וועלט וועט אָפּרייניקן איר געוויסן מיט אַ גוטן ווילן פון פאַרשטענדיקונג מיט ישראל, וועט דעמאָלט דאָס דאָ־זיקע ווערטל נישט זיין גילטיק פאַרן וואַקסנדיקן דור אַראַבער.

***

אין אַ פרייען טאָג בין איך אַוועק אויף אַ שפּאַציר אויף דער יאָרדאַ־נישער זייט פון ירושלים. שער שכם געהערט צו די אָריענטאַלישע אייגנ־טימלעכקייטן און קוריאָזיטעטן פאַרן באַזוכער. דער בויגן־געוועלב מאַכט אַן איינדרוק אויפן אויג, ווי די ירושלימער הייזער בכלל, וואָס די מיינסטע זענען פאַרשניצט אין שפּיציקע ציין און ווירקן ווי שטיינערנע פלאַמען, וואָס ברענען אונטער דער טיפער בלויקייט פון ירושלימער הימל. פּונקט ווי דער איינגאַנג ווירקט אויף דיר פאַרכאַפּנדיק מיט זיין אויסמעסט און פאַרנעם, אַזוי שרומפּט איין דער איינדרוק פון אינעווייניק מיט אַ פאַר־קערטער פּראָפּאָרץ. שער שכם איז אַן אַראַבישער „שוק". ס'איז אַ שפּיגל, וואָס רעזומירט די אָרעמקייט פון אַ פאָלק. דער אַריינגאַנג כאַראַקטערי־זירט גלייך די יאָרדאַנישע זייט. יונגע אַראַבקעס מיט פאַרשטויבטע באָר־וועסע קינדער ביי די הענט, טראָגן בעקנס מיט געבעקס אויף די קעפּ, מיט אַזאַ לייכטקייט, ווי געניטע זשאָנגלעריננס. דער גאַנצער באַזאַר באַשטייט פון ביליקע באַקלייד־אַרטיקלען, פאַרשמאָלצענע שפּייז־קלייט־לעך, קאָלירטע בייטשלעך קרעלן מיט בראַנסאָלעטן, וואָס בלישטשען מיט ביליקייט, ווי דאָס צירונג פון קאָרטן־וואַרפעריננס. עלטערע אַראַבער

מיט טעמפּע פּנימער און אויסגעטרוקנטע הויטן, ווי קריצן אויף מטבעות, זיצן אין זייער׳ע ווייסע שלייערן ביי אָרעמע שענקטישן און פּיפּקען לאַנג־מעטערדיקע נאַרגילעס. איינגעמידטע פון דער היץ, באַוועגן זיי זיך אונ־טער דעם וועקנדיקן געטראַנק פון שאַרפע טעפּעלעך קאַפע. ווי אויסגע־שניטן פון אַ באַרג, מאַכט דער שער שכם דעם איינדרוק, ווי אַ פאַר־שטיינערט געוואָרענע חיה וואָלט דאָס גאַנצע קרעמל געהאַלטן אין איר אָפענעם פּיסק.

אַן אינטערעסאַנטער פונקט פאַר באַזוכער איז דער אַרכעאָלאָגישער ראָקפעלער־אינסטיטוט. נישט גענוג צו מאַכן דאָרט אַן איינמאָליקן שפּאַ־ציר אין דער ריזן־געביידע ביי די רייכע עקספּאָנאַטן פון טויזנטער יאָרן געשיכטע, ווייל בלויז איין צאָן פון עפּעס אַ לעגענדאַרן העלפאַנט־ציקלאָפּ קאָן דיך באַאיינדרוקן, אַז זאָלסט אויף לאַנג זיך פאַרטראַכטן וועגן צייט, נאַטור און אייביקע ווערטן.

***

אינעם האָטעל „גני יהודה״, וווּ מיר זענען איינגעשטאַנען די ערשטע טעג פון קאָנגרעס, זענען געבליבן שויבן־בלומען און לעכער אין די ווענט, ווי אַ זכר פון ישׂראל־יאַרדאַנישן פראָנט. אין די פרייע מיטאָג־שעהן האָב איך געזען יונגע חיילים מיט זייערע קאַמיאָנען זיך באַוועגן נעבן עסצימער פון האָטעל. איך האָב באַוואונדערט די געטאָקטע יינגלעך. טומלדיקע, באַוועגלעכע ווי אומרוען פון גרויסע זייגערס, לאַכנדיקע. איך בין געוואויער געוואָרן, אַז דאָס זענען היטערס פון דער אַרומיקער גרע־נעץ. זיי זעען נאָך אויס ווי קינדער און מוזן האָבן אַן איבערדערנערונג. קומען זיי זיך דערנערן ביים האָטעל „גני יהודה״. איך האָב זיי גע־בענטשט אין מיין האַרץ, אָט די מיט זון און לופט געצירטע יינגלעך פון ישׂראל, וואָס זענען מאָביליזירט אפילו אין זייער חופש. ווען זיי קומען שלאָפן אין די היימישע בעטן. אַ קלונג אין טעלעפאָן אין מיטן דער נאַכט און מען שטעלט זיך גלייך אויפן באַפעל. און נישט נאָר די פרעכ־טיקע יוגנט איז אַזוי צוגעבונדן צו איר פאָטערלאַנד, נאָר אויך די על־

טערן זייערע, ביי ווען זעקס טעג האָבן געלאָזט אַ טיפע וווּנד אין געמיט.

זייענדיק אויף אויפנאַמעס ביי שרייבערס, וואָס זענען געקומען אין לאַנד ביים שחרית פון דער יידישער מדינה, האָב איך געהערט שטראָף־רייד אויפן חשבון פון יידישן פאָלק, וואָס קומט נישט באַזעצן די ליידיקע שטחים פון לאַנד. דאָס לאַנד נייטיקט זיך אין יידישן פאָלק, נישט אַזוי וויט אין טוריסטן, ווי אין מיטבויערס.

„איך בין גרייט מקריב צו זיין זיך פאַר יעדן שפּאַן ערד" — קילנגט מיר נאָך כסדר אָפּ אין די אויערן.

פון זעלבן מחבר:

טוי פון שטילקייט. — לידער — פאַריז 1951

אַ נײַ לעבן. — דערציילונגען — פאַריז 1959

שטערן אין מײַן שויב. — לידער — פאַריז 1961

קאָלירן און קלאַנגען. — לידער — פאַריז 1967

אינטים מיטן בוך. — עסייען — פאַריז 1973

פארענדיקט דרוקן
אין מאי 1973
אין דער דרוקעריי
„עדיסיאָן פּאָליגלאָט״
232, רי שאַרענטאָן
פּאַריז

RIVKA KOPÉ

AUTEURS
LIVRES
OPINIONS

Paris 1973
EDITIONS POLYGLOTTES